STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14651

MENAHEM-MENDL

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

נײַע יידישע ביבליאָטעק

שלום עליכם

מנחם מענדל



„מנורה״-פאַרלאַג
בערלין 1948

ISBN: ISBN:0-657-14651-X
Barcode/EAN: 9780657146511
Old Call #: 8349

This book once owned by a South African
reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight
the flame of Jewish life and learning.



שלום עליכם

מנחם-מענדל

„מנורה“-פארלאג
בערלין 1948

Scholem Aleichem

Menachem Mendel

„די נייע יידישע ביבליאטעק“
טעכנישער רעדאקטאר: דוד קאהאן,
צייכנונגען: פרפ. קליינשמידט.

ארויסגעגעבען אין „מנורה“־פארלאג
בערלין טיעלשופער 10-16: ליצענץ־נומער: B 218
דרוק: טארמאן & גאטש. בערלין 61 SW

„Neue Jüdische Bibliothek“
Technischer Redakteur: David Kohan
Illustrationen: Peter Kleinschmidt


Herausgegeben im „MENORAH“-Verlag für Jüdisches Schrifttum Berlin SO 36, Thielschufer 10-16, ist von der Nachrichtenkontrolle der Amerikanischen Militär-Reg. zugelassen. Lizenz-Nr. B 218

Druck: Thormann & Goetsch, Berlin SW 61

„New Jewish Library“

printed in Germany

„לאבן איז געזונט,
דאקטוירים הייסן לאכן"
שלום עליכם.



שלום עליכם
(1859 - 1916)

דא ליגט א ייד א פשוטער
געשריבן יידיש־דייטש פאר ווייבער
און פארן פראסטן פאלק איז ער
געווען א הומאריסט א שרייבער

דאס גאנצע לעבן אויסגעלאכט
געשלאגן מיט דער וועלט כפרות
די גאנצע וועלט האט גוט געמאכט
נאר ער אוי־ווי געווען אויף צרות

און דוקא דעמאלט ווען דער עולם האט
געלאכט און פלעגט זיך פרייען
האט ער געקרענקט־דאס ווייסט נאר גאט
בסוד, אז קיינער זאל נים זען.

די עפיטאפיע פון שלום עליכם (אויסגעקריצט אויף זיין מצבה)

וואו איך זאל נים שטארבן. זאל מען מיך באהאלטן נים צווישן אריסט. קראטן מיוחסים, אדער גבורים, נאר גראד צווישן פראסטע יידן ארבייטער, מיטן אמת'ען פאלק. אזוי אז די מצבה, וואס מע וועט דערנאך אוועקשטעלן אויף מיין קבר, זאל בעשענען די איינפאכע קברים ארום מיר און די איינפאכע קברים זאלן באפוצן מיין מצבה, אזוי ווי דאס פראסטע ערליכע פאלק האט פאר מיין לעבן באשענט זייער פאלקס־שרייבער.

(פון שלום עליכם'ס צוואה)

פאָרוואָרט

צוזאַמען מיט די פייערן פון מיידאַנעק און אַשווענצים האָבן אין די שרעקלעכע יאָרן פון נאַציסטישער הערשאַפט אין אייראָפּע גע־פלאַקערט נאָך אַנדערע פייערן — די וואָס האָבן געדאַרפט פאַר־ניכטן יעדן שפור פון יידישער קולטור און פון יידישן געדרוקטן וואָרט. דער נאַציסטישער בעסטיע איז עס אין אַ גרויסער מאָס געלונגען צו מאַכן, מיט פעדאַנטישער פּונקטליכקייט האָבן זיי פאַרניכטעט יידישע ביבליאָטעקן, ספרים און נאָך זייער טייוו־לאַנישער אַרבעט איז געוואָרן אַ זעלטענער צופאַל צו געפינען אַ געדרוקטן יידישן בוך. אויך אין די יאָרן, וואָס זיינען שוין פאַר־גאַנגען נאָך דער פאַשיסטישער מפּלה, האָט זיך ווייניק געענדערט אויף דעם געביט די לאַגע. הגם, פאַר דער צייט זיינען שוין אין אייראָפּע אַנשטאַנען צענדליקער יידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס מיט אַ גרויסער צאָל פון יידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס, אָבער אין פראַט פון אויפלעבן דעם פאַרניכטעטן יידישן בוך איז געמאַכט געוואָרן ביז איצט נים פיל.

מיטן אויפשטעלן פון דער נייער יידישער ביבליאָטעק האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויפלעבן דעם פאַרניכטעטן יידישן בוך און אַרויסגעבן יידישע ביכער אויף אַלע געביטן פון יידישן קולטורעלן לעבן: ליטעראַטור, קונסט, געשיכטע א. א. וו. מיר ווילן ברענגען דעם יידישן בוך פאַר דעם יידישן לעזער, וואָס אין משך פון לענגערע יאָרן געווען פון אים אָפּגעריסן. נים אין די ק. צ.־לאַגערן פון דייטשלאַנד, אין די בונקערט פון פוילן אָדער אין די ווייטע סטעפּעס פון סיביר און קאַזאַכסטאַן האָט קיינער פון אונדז דעם יידישן בוך נים געקאָנט טרעפן...

דער באַשלוס צו עפענען די „נייע יידישע ביבליאָטעק" מיט שלום עליכם׳ס „מנחם מענדל" איז נים נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז איינס פון די בעסטע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור, געשריבן

פון דעם באליבסטן פאלקס־שרייבער, נאר אויך דערפאר ווייל ביז איצט בלייבט די פראבלעם פון. יידישן מנחם־מענדל אקטועל און אנגעווייטאקט. מעגלעך אבער, ווען די נייע צענדליקער און הונ־דערטער מנחם מענדלס, וואס דרייען זיך איצט ארום אויף די פלעצער פון פארשיידענע אייראפעישע שטעט, וועלן זיך באקענען נענטער מיט שלום עליכם׳ס פערסאנאזש, וועלן זיי ענדלעך בא־גרייפן די גאנצע לופטיקייט פון דער פרנסה...

עס איז שווער צו איבערעכענען די אלע שוועריקייטן, וואס זיינען אנשטאנען און אנשטייען מאג טעגלעך ביים אויפשטעלן די „נייע יידישע ביבליאטעק". דער מאנגל אין דרוק מאטעריאלן בכלל און אין יידישן שריפט בפרט, פינאנסיעלע און פיל אנדערע שוועריקייטן מאכן נים לייכט די דאזיקע אנגעשטרענגטע ארבעט. אבער דאך איז געלונגען זיך דערשלאגן געוויסע פראקטישע רעזולטאטן אויף דעם געביט און מיר דענקען אז מיט דער צייט וועלן זיי ווערן נאך גרעסער, מיר ווילן אבער אויך האפן, אז די געהעריקע יידישע אינסטיטוציעס וועלן באגרייפן די גרויסע באדייטונג פון אויפלעבן דעם פארניכטעטן יידישן בוך און וועלן אונדז מיטהעלפן אין דער דאזיקער שווערער אבער וויכטיקער ארבעט.

צו דער צווייטער אויפלאגע

מנחם־מענדעל איז נישט קיין העלד פון א ראָמאַן, און איבער־הויפּט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז גענאַך א איד פון א גאַנץ יאָהר, מיט וועלכען דער פערפאַסער איז פּערזענליך און נאָהענט בעקענט. ער איז דורכגעגאַנגען מיט איהם א שטיק לעבען פון כמעט צוואַנציג יאָהר. בעגעגענט זיך אינ'ם יאָהר 1892 אויף דער אַדעסער „קליינער בערזע", האָבען מיר נאָכדעם דורכ־געמאַכט האַנד ביי האַנד אַלע שבעה מדורי גיהנם, אין יעהופּעץ אויף דער בערזע, „געגאַנגען" מיט איהם קיין פּעטערבורג און קיין וואַרשאַ, אויסגעשטאַנען א סך קריזיסען, זיך געוואָרפען מיט איהם פון איין פּרנסה אויף דער אַנדערער, און — אוי וועה! — נישט געפונען קיין גליק אין ערגיץ, געמוזט סוף־כל־סוף טהון דאָס, וואָס אַלע אידען טהוען — עמיגרירען קיין אַמעריקאַ. דאָרט, זאָגט מען, מאַכען אידען ניט שלעכט... דאָס וועלען מיר זעהען פון זיינע שפּעטעריגע בריעף פון אַמעריקאַ.

דערווייל, ביז עפּיס וואָס, האָב איך צענויפגעזאַמעלט אַלע זיינע בריעף, וואָס ער האָט אין פערלויף פון די אַכצעהן יאָהר געשריבען אין פערשיעדענע צייטען, און געדרוקט אין פערשיעדענע ערטער, צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל, ווי אויך די בריעף פון זיין ווייב צו איהם, און געמאַכט פון זיי א בוך, מע קאָן זאָגען, כמעט א בריעף־פענשטעלער.

טאַקי א בריעפענשטעלער, איינגעטיילט אין זעכס בעזונדערע אָפּטיילונגען, און דערביי געהאַט א מיין: א איד א סוחר, אַז ער

וועט וועלען שרייבען א בריעף צו זיין ווייב, למשל, פון אדעס — זאָל ער זוכען אינ'ם ערשטען בוך „לאָנדאָן“. א שפעקולאנט אויף דער בערזע פון יקנה"ז, פון אקציעס וכדומה אזעלכע סחורות — וועט געפינען א מוסטער אינ'ם צווייטען בוך „פאפירלעך“, אָדער אינ'ם דריטען בוך „מיליאָנען“. א איד א מעקלער, א שדכן, אָדער איין אגענט — לאָז זוכען ווייטער. מיט איינעם וואָרט — יעדער וועט זיך געפינען זיינס. און אזוי ווי אידישע געשעפטען זענען, ברוך השם, אומעדום אלץ איינס, דאָס הייסט, הויבען זיי זיך אָן, דאכט זיך, גאנץ נישקשה'דיג, מיט אזוי פיעל בטחון און גלענצענדע האָפענונגען, און אויסלאָזען לאָזען זיי זיך אויס, צום מיינסטען, מיט שלים־שלים־מזל, ווי ביי מיין מנחם־מענדלען, לכן בעדארף מען לאנג ניט האָרעווען ביי'ם צענויפשטעלען א בריעף. מע קאָן איהם נעמען גלייך, ווי ער שטעהט און געהט. און טאָמער וועט זיך געפינען איינער פון טויזענד, וואָס די געשעפטען זיינע געהען איהם דערווייל גוט, קאָן ער זיכער זיין, אז ס'איז ניט אויף לאנג. אלץ, וואָס איז געבויעט אויף לופט און אויף ווינט, מוז סוף־כל־סוף פאלען. שטארק אָנגעלעגט איז דאָס ניט. דערפאר איז דאָס אָבער אמת, און דעם אמת האָבען דאָך אלע מענשען ליעב...

ביי'ם צענויפשטעלען די בריעף צו דער צווייטער אויפלאגע, האָב איך א סך בריוולעך שטארק פערקירצט און א סך בריוולעך גאר ארויסגעוואָרפען. אנגעוואָרען דערביי האָבען נאר די זעצערס, ווייטער קיינער נישט. דער מחבר פון דעם בוך געהט מיט דעם גאנג, אז א ווערק, וואָס ס'איז קירצער, איז דאָס אלץ בעסער. די וואָס וועלען געפינען, אז ס'איז נאָך א ביסעל צו לאנג, קאָנען זיכער זיין, אז, אם ירצה השם, ביי די ווייטעריגע אויפלאגען זאָל דאָס ווערען אלע מאָל קירצער און קירצער, ביז עס וועט קומען צום רעכטען אידעאל: „צו ניט זאָגען קומט דאָס ניט“...

שלום־עליכם.

נערווי (איטאליא). ערב חנוכה תר"ע.

לאָנדאָן

(אדעסער בערזע).

I.

מנחם-מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה-שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה-שיינדעל שתחי'.

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז איך בין גאָר ניט אימשטאַנד דיר צו בעשרייבען די שטאָדט אדעס, ווי גרויס און שען זי איז, און די מענשען די היגע מיט זייערע גוטע כאַראַקטערען, און די גאָל־דענע געשעפטען, וואָס מע קאָן דאָ מאַכען. שטעל דיר פאָר, איך געה מיר ארויס מיט'ן שטעקעל אין גרעצק אריין, אזוי הייסט דאָ אין אדעס די גאַס, וואו אידי׳ן האַנדלען, האָב איך צוואַנציג טויזענד געשעפטלעך: וויל איך ווייץ — איז ווייץ, קלייען — איז קלייען, וואָל — איז וואָל, מעהל, זאַלץ, פעדערען, ראָזינקעס, זעק, הערינג — הכלל, וואָס א מויל קאָן אויסרעדען גענפינסט דו דאָ אין דעם אדעס. איך האָב לכתחילה אפילו אָנגעשמעקט א צוויי־דריי גוטע געשעפטלעך, נאָר עס איז מיר אלץ ניט געווען צום הארצען. האָב איך מיך אזוי לאַנג ארומגעדרעהט אין גרעצק, ביז איך האָב מיך פאָרט צוגעשלאָגען צו עפּיס רעכטס, היינו: איך האַנדעל מיט „לאָנדאָן“ און פערדיען דערביי גאָר נישקשה׳דיג! מע האַפּט

א מאָל א כף־האָ׳ער, א מאָל א פּופּציגער, און א מאָל, אז עס גערעט, א הונדערטער אויך. הכלל, דאָס „לאָנדאָן" איז אזא מסחר. וואָס מע קאָן דערביי גליקליך ווערען אין איין טאָג. אָט איז ניט לאַנג ארויסגעקומען אהער איינער, עפּיס א שמש, און האָט געחאַפּט אין איין שמע־ישראל דרייסיג טויזענד, און האָרכט זיי היינט אלע־מען מיט׳ן קאָטער. איך זאָג ד״ר, זוגתי היקרה, ממש עס וואַלגערט זיך דאָ געלד אין די גאַסען; איך האָב, ברוך השם, קיין חרטה ניט, וואָס איך בין אראָפּגעפאָהרען אהער קיין אדעס. וועסט דו דאָך פרעגען: ווי קום איך קיין אדעס, אז געפאָהרען בין איך גאָר קיין קעשענעוו? אפּנים, אז ס׳איז מיר בעשערט פון גאָט, איך זאָל פערדיענען גראָבע עטליכע קערבלעך! אָט וועסט דו הערען, ווי אזוי דער אויבערשטער פיהרט מיט א מענשען.

אז איך בין געקומען קיין קעשענעוו צום פעטער מנשה אָפּ־נעמען דאָס נדן, פרעגט ער מיך: וואָס בעדאַרף איך דאָס נדן? זאָג איך: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל ניט דאַרפען, וואָלט איך ניט קומען. זאָגט ער, אז קיין מזומן געלד האָט ער איצט ניט, ער קאָן מיר, זאָגט ער, געבען איין אָנווייזונג צו בראָצקי׳ן קיין יעהופּעץ. זאָג איך: לאָז זיין קיין יעהופּעץ, אבי געלד. זאָגט ער: ער ווייסט ניט, צי אין יעהופּעץ איז איצטער דאָ געלד. ער קאָן מיר געבען, זאָגט ער, איין אָנווייזונג צו באַכראַכ׳ען קיין וואַרשאָ. זאָג איך: לאָז זיין קיין וואַרשאָ, אבי געלד. זאָגט ער: וואָס טויג דיר וואַרשאָ? וואַרשאָ איז ווייט. אויב איך וויל, קאָן ער מיר געבען, זאָגט ער, איין אָנווייזונג צו באַרבאַש׳ען קיין אדעס. זאָג איך: לאָז זיין אדעס, אבי געלד. זאָגט ער מיר נאָך א מאָל: אויף וואָס דאַרפסט דו אזוי געלד? זאָג איך איהם: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל ניט דאַרפען, וואָלט איך ניט קומען. בקיצור, ער דרעהט זיך אהין־אהער, עס האָט איהם אָבער געהאָלפען, ווי א טוידטען באַנקעס; איך, אז איך זאָג געלד איז געלד! געהט ער און נעמט ארויס צוויי וועכסעלעך צו ת״ק קערבלעך אויף סך־הכל פינף חדשים, און אויף ש״ן קערבלעך גיט ער מיר איין אָנווייזונג צו

באַרבאַש'ען קיין אַדעס, און דאָס איבעריגע גיט ער מיר מזומן, — וועט מיר זיין, זאָגט ער, צו־שטייער אויף זיער הוצאה. און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינים אַנדערע בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. זי געזונד און לאָז גריסען שווער און שוויעגער און די קינדערלעך זאָלען לעבען, איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ו

עיקר שכחתי. אז איך בין געקומען מיט דער אָנווייזונג צו באַרבאַש'ען, זאָגט מען מיר, אַז די אָנווייזונג איז גאָרניט קיין אָנווייזונג. וואָס דען איז דאָס? ס'איז אַ סוכה־שער! לאָז פריהער אָנקומען, זאָגען זיי, פון אייער פעטער מנשה דער וואגאָן ווייץ, און לאָז מען אקאָרשט די ווייץ פערקויפען, וועט מען אייך דעמאָלט געבען געלד. אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע! האָב איך באַלד אוועקגעשריבען קיין קעשענעוו איין אָטקריטקע, און האָב איהם געשריבען, אַז טאָמער שיקט ער ניט אַרויס תיכף ומיד די ווייץ, וועל איך איהם קלאָפּען אַ דעפּעש. בקיצור, אַ־שרייב אהער, אַ שרייב אהין — איך בין אַרומגעגאַנגען אין איינע יסורים. און ערשט נעכטען איז מיר אָנגעקומען פון קעשענעוו אַ מזומנ'ער הונ־דערטער און אויף רי"ש קערבלעך אַ וועכסעלע. אצינד פערשטעהסט דו שוין, פאַר וואָס איך האָב דיר די גאַנצע צייט ניט געשריבען? איך האָב געזעכענט, אַז די שי"ן קערבלעך זענען לעזאזל. ־ערפון זעהט מען אַרויס, אַז אַ מענש טאָר ניט איבערטראַכטען אויפ'ן ערגסטען. ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס פיהרט אויס. איך האָב דאָס גאַנצע ביסעל מזומנ'ם אַריינגעבראָקט אין "לאָנדאָן" אַריין, איינגעהאַנדעלט אַ רעמעל סחורה, "האָסלעך" און "בעסלעך". און דאַנקען השם יתברך — מע זאָגט, אַז ס'איז שוין דאָ ריוח!

הנ"ל.

II.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז עס האָט זיך מיר ווידער אנגערופען די אַמאָלעדיגע ספּאַזמע, אויף דיין פעטער מנשה געזאָגט געוואָרען, וואָס האָט דיר געמאַכט אַזאַ שענטס מחק פון די פופצעהנהונדערט קרעפּלעך נדן, אַזאַ יאָהר, אַזאַ מזל! ווי זאָגט די מאַמע מיינע זאָל לעבען: „געשיקט דורך דער קאַץ שלח־מנות"... וועכסעלעך וואָלט איך ביי איהם נעמען! קרענק וואָלט איך ביי איהם נעמען! קדחת אויף פינף חדשים! הערסט דו, הלוואי איך זאָל ליגען זאָגען, נאָר כ'האָב מורא, דו וועסט די איבעריגע קערבלעך נישט אָנקוקען, ווי דו קוקסט ניט אָן די אויהערען דיינע, וואָס דו האָסט זיי פערטראָגען אַזש אהין קיין אדעס. דיין גליק, וואָס די מאַמע ווייסט ניט פון קיין וועכסעלעך; עס וואָלט זיך געטהאָן חושך! און דאָס, מענדעל, וואָס דו שרייבסט, אַז דו פערדיענסט, דאַנקען גאָט, געלד, איז ביי אונז אַלעמען אַוודאי זעהר אָנגעלעגט. נאָר וואָס רעדן? האָב דיר אַכציג שוואַרצע יאָהר, מיינע שונאים, אַז דו שרייבסט שוין יאָ, שרייב זשע ווי אַ מענש! פאַר וואָס זאָלסט דו ניט ארויסשרייבען אַקוראַט, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין סחורה אָט דאָס, וואָס דו האַנדעלסט מיט דעם? ווי טייער לייזט מען דאָס איין אַרשין? צי אפשר פערקויפט זיך עס אויף דער

וואָג? פרעג מיך בחרם וואָס דאָס איז, און מיט וואָס מע עסט דאָס! היינט פערשטעה איך ניט, דו זאָגסט, אז אָט האָסט דו איינגעקויפט סחורה, און אָט איז שוין דאָ ריוח. וואָס איז דאָס פאַר א מין סחורה, וואָס וואַכסט ביי דיר אזוי גע'שמעיה'דיג? „פעטשעריצעס, זאָגט די מאַמע, בעדאַרפען אויך א רעגען!"... און אז ס'איז דאָ ריוח, פאַר וואָס פערקויפסט דו ניט? אויף וואָס וואַרטסט דו? אויף א יקרות? און פאַר וואָס שרייבסט דו ניט, וואו דו שטעהסט איין און וואָס עסט דו? עפּיס גלייך, ווי איך וואָלט דיר זיין א פרעמדע, ניט קיין ווייב ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר, נאָר עפּיס א פּאָליובאָווניצע, להבדיל, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „אז א קוה געהט אוועק אין טשערעדע, פערגעסט זי דעם זיי־געזונד". מיר דאַכט, דו זאָלסט מיך ווערען פאָלגען, וואָלסט דו געזעהען אויסהאַנדלען זיך וואָס גיכער און קומען בעסער אה־ים מיט'ן ביסעל מזומנ'ס, וועסט דו דיר געפינען שענערע געשעפטען, ווי אָט דאָס דאָזיגע... איך זאָל אזוי וויסען פון קרחת, ווי איך וויים ווי מע רופט עס! און זיי געזונד, ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען הארצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

III.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינם פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז עס איז מיר קיין חידוש ניט, וואָס ז'ו פערשטעהסט ניט דעם שכל פון „לאָנדאָן“, וואָרום אַז ווי באַלד אידען סוחרים, אידען מיט בערד, ווייסען ניט ווער עס האָט זיי געשלייערט, היינט לא כל־שכן אַ אידינע! על כן וועל איך דיר קלאָר מאַכען, זאָלסט פערשטעהן, דאָס געשעפט אַקוראַט. הנה זיי וויסען, אַז דאָס „לאָנדאָן“ גופא איז אַיין אײדעלע מאַטעריע. פערקויפען פערקויפט זיך עס אויפ'ן וואָרט, און זעהן זעהט מען דאָס ניט. אַלע מינוט בייט זיך עס: אַמי איז דאָס טייער, אָט איז דאָס וואָלוועל. אָט איז „האָס“, אָט איז „בעס“, דאָס הייסט, דאָס קערבעל דאָרט אין בערלין אָדער עס הויבט זיך, אָדער עס פאַלט, עס ווענדט זיך אין בערלין; ווי אַזוי בערלין זאָגט, אַזוי איז דאָס. עס לויפען די קורסען אויף און אָפּ משוגענערווייז, עס פליהען דעפּעשען אַהין און צוריק, און אידען לויפען אַרום ווי אויף אַ יריד, מאַכען געשעפטען און ווערען גליקליך, און איך אויך בתוכם. עס איז אַ טומעל, אַ בהלה, מע קאָן דאָ פערדולט ווערען. אָט, למשל, האָב איך נעכטען געמאַכט אַ „סטאַלאַזש“, מיך געקאָסט אַ פּופּציגער, איז ער היינט אין דער פריה, פונקט זייגער צוועלף, אויסגע

רונען געוואָרען. נאָר דו ווייסט דאָך ניט מסתמא, וואָס הייסט „מאַ־כען אַ סטאַלאַזש“. — בעדאַרף מען דיר געבען צו פערשטעהן. למשל, מע גיט אוועק אַ פופציגער פאַר אַ טאָג, און יענער „שטעלט אַ קורס“, קאָנסט דו דיר מאַכען פונ׳ם „סטאַלאַזש“ „צוויי זייטען“, היינו: צוויי „בעסען“, אָדער צוויי „האָסען“, אָדער גאָר בלייבען שטעהן און פערקויפען יענעם אַ „בלינדערעכט“ ביז נאָך „שלום“ („שלום“ הייסט ביי אונז אין אדעס פאַר־נאַכט, ווי ביי אייך בין מנחה למעריב). איז ווי באַלד דער קורס „שטעהט אָפּ“, איז כפּרה דער גאַנצער פופציגער — הייסט דאָס געמאַכט אַ „סטאַלאַזש“. זאָלסט אָבער גאָר קיין יסורים ניט האָבען, זוגתי היקרה! דער־לעגען אַ פופציגער איז דאָ פון די קליינינגקייטען. השם יתברך וועט העלפען, עס וועט „אוועקגעהן די רעכטע זייט“, וועל איך, אם ירצה השם, פערדיענען געלד, און אַ סך! און וואָס דו זאָגסט מיכח דעם פעטער מנשה׳ס וועכסעלעך, האָסט דו אַ גרויסען טעות. דער גוטער יאָהר האָט איהם ניט גענומען, ער איז נאָך אַ שענער בטוח! לאָם איך נאָר וועלען אַראָפּגעבען אַ „סקידקעלע“, קאָן איך זיי פערצו־קערען. נאָר איך וויל נישט. איך זאָל דאַרפען געלד, האָב איך גענוג: איך קאָן פערהאַנדלען אַ פּאָר „האָסלעך“ אָדער אַ פּאָר „בעסלעך“. נאָר איך בין קיין בעל־ניט דערויף. איך קאָן בע־שטעהן בעסער צו קויפען נאָך אַ „סטאַלאַזש“. וואָס מיעהר „סטאַ־לאַזשען“ איז אַלץ בעסער. אז מע לעגט זיך שלאָפען מיט אַ „סטאַ־לאַזש“, שלאָפט זיך גאָר אַנדערש! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט מיך, וואו איך שטעה איין און וואָס איך עס, שרייב איך דיר, זוגתי היקרה, איך וויים

אליין ניט אויף וואס פאר א וועלט איך בין. די שטאדט אדעס איז אונגעהייער גרויס, און אלסדינג קאסט דא טייער, און די הייזער זענען דא הויך ביז'ן הימעל, מע דארף קלעטערן אויף אייזערנע טרעפ א האלבע שעה, ביז מע קומט אהיים, אזש אונטער'ן הימעל, און א פענסטערעל איז א קליינס, ווי אין א טורמע. איך בין זיך מחיה, אז ס'ווערד טאג און איך קאן מיך ארויסכאפען פון דער טורמע אהין אין גרעצק אריין, און דארטען טאקי עס איך שטעהענדיג, דאס הייסט, מע חאפט איבער וואס גאט גיט, ווארום ווער האט צייט זיך אוועקזעצען עסען, אז מע דארף אלע מינוט געוואהר ווערען די קורסען פון בערלין? דערפאר איז דא פרוכטען בזיל הזול. וויינטרויבען עסט מען דא נישט ווי ביי אייך אין כתרילעווקע ראש השנה אויף שהחיינו, — דא עסט מען וויינ־טרויבען אלע טאג, און אין מיטען גאס, מע שעמט זיך גאר ניט.

הנ"ל.

IV.

שיינה־שיינדעל פון כתריִלעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז איך האָב דיך אָנגעקוקט טאַקי נאַר ווי אַ משוגענעם ! לאָם איך אַזוי ויסען, אויף אַ פולער וואָך ניט אויסגערעדט זאָל זיין, פון דער שטאָדט אדעס, ווי איך הויב אפילו אָן צו וויסען, וואָס דו פּלאַפּעלסט מיר אין דעם בריעף „העם" און „באָפ" און „דעלעזשאַנס". דער שווארצער יאָהר ווייסט אייך דאָרטען ! עס פליהען ביי דיר פּופּציגערס, ווי ראַלעשקעס, עפּיס איז ביי דיר דאָרטען געלט — שמעלט, הפקר ציבעלעס ! אוודאי קאָן מען געהן אין גאָלד ביי אַזעלכע פּרנסות ! איך פערשטעה ניט, האָטש נעם מיר אַראָפּ דעם קאָפּ, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין סחורה, וואָס מע זעהט זי ניט ? אַ קאַץ אין אַ זאַק ! ?... הערסט דו, מענדעל ? מיר געפעלט דאָס ניט. איך בין ביי מיין מאַטען נישט געפּרובט געוואָרען צו אַזעלכע לופטיגע פּרנסות. לאָז מיך גאָט היטען אויף ווייטער אויך. ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען : „פון לופט האַפּט מען אַ פערקיהלונג"... דו שרייבסט : „אַז מע לעגט זיך שלאָפען מיט אַ דעלעזשאַנס, שלאָפט זיך גאָר בעסער"... ווער לעגט זיך עס שלאָפען מיט אַ דעלעזשאַנס ? עפּיס מאָדנע דבורים, טערקיש לשון ! און וואָס דו שרייבסט מיר, אַז דו קאָנסט פערצוקערען דעם פעטער מנשה'ס וועכסעלעך, איז טאַמער ווען איך אין

דעם ניט גלויבען, וועל איך אויך ניט זיין קיין אפיקורס'טע, ווי די מאמע זאגט: „גלויב נישט ביז דו צעהלסט ניט איבער“... ווייסט דו וואס, מענדעל? פאלג מיך, א ווייב, טהו א שפיי אויף דעם אדעס, און קום בעסער צו פאהרען אהיים, קיין כתרילעווקע. פופצעהנהונדערט קערבלעך האסט דו, א דירה גיט אונז דער טאטע זאל לעבען, קלייטען פערדינגען זיך, היינט וואס פעהלט דיר נאך? צו וואס בעדארף איך ליגען ביי יענעם אין מויל, און שונאים זאלען מומלען, אז דו האסט זיך אוועקגעלאזט קיין אדעס און מיך האסט דו אוועקגעווארפען, ניט דערלעבען זאלסט דו דאס! דערווייל מעג נאך דיין אדעס זיין די כפרה פאר אונזער כתרילעווקע מיט אלע דיינע הויכע מויערען מיט די אייזערנע טרעפ. וואס מע דארף זיך דראפען אויף זיי משוגענערווייז! טאקי כדאי צוליעב דעם זיך קאלי מאכען דעם מאגען, — וואס איז? ס'איז א זול אויף וויינ־טרויבען! וויינטרויבען דארף מען פרעסען, פלוימען איז ביטער? ס'איז ביי אונז היינט א גערעט אויף פלוימען, א גילדען איין עמער! נאר עס געהט דיר שטארק אן וואס ביי אונז אין דער היים טהוט זיך. דו פרעגסט אפילו ניט אויף די קינדער, וואס זיי מאכען, האסט שוין גאר פערגעסען, אז דו ביזט א טאטע פון דריי קינ־דערלעך זאלען געזונד זיין, ווי זאגט די מאמע: „דאלי אטשע, דאלי כערדצע“... אזא מכה זאל זיך דיר זעצען, ווי זי איז גערעכט! דערווייל בלייב געזונד און פיעל גליקליך, ווי עס ווינשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

V.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳.

ר א ש י ת באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז עס געהט אצינד אַ מורא׳דיגער „בעס", האָב איך מיך אָנגעקויפט מיט „לאָנדאָן" ווי אַ פויק, און איך האָב מיך בעוואָהרענט מיט זיעבעצעהן „בעסען" און מיט אַכט „סטאַלאַזשען". היינט בעדאַרף איך אָפּנעמען „דיפערענצען" עטליכע הונדערט קערבלעך, וועל איך, אם ירצה השם, ווייטער מאַכען „בעסען". זאָלסט אָנקוקען, זוגתי היקרה, ווי אַזוי עס ווערען דאָ געמאַכט געשעפטען אויפ׳ן וואָרט. וואָלסט די פערשטאַנען, וואָס הייסט אַדעס; אַ שאַקעל מיט׳ן קאָפּ איז דאָ פונקט ווי געמאַכט אַ קאָנטראַקט. איך געה מיר אַרויס אין מַרעצק, קום אַריין אין אַ „קאַפיי", זעץ מיך אַנידער ביי אַ טישעל און שאַף מיר אַ גלעזעל טיי, צי קאַווע, צי עפּיס אַנדערש; קומט צו געהן איין מעקלער, דער אַנדערער, דער דריטער; מע דאַרף נישט האָבען נישט קיין קאָנטראַקט, נישט קיין קוויטעל, קיין איינגעטונקענע פען אַפילו! דער מעקלער האָט ביי זיך אַ ביכעלע מיט אַ שטיפטעל, נעמט עס אַרויס דאָס ביכעלע און פערשרייבט, אַז איך האָב ביי איהם צוויי „בעסען", און איך נעם אַרויס און צאָהל איהם אָפּ די עטליכע קערבלעך — מחיה! און שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה, אַז גאָט הייסט, מע ווערד געוואָהר דאָס „טאַקסירעכץ" פון בערלין, קומט צו לויפען

טאַקי דער אייגענער מעקלער און גיט שוין אַ פּינפאונצוואַנציגער פון אויבען, און נאָך שפּעטער, אַז מע ווייסט שוין „אַנפאַנג“ אויך, שטופּט ער אַ פופציגער, און אַז גאָט וויל צו „שלום“, וואַכסט אָן אַ גאַנצער הונדערטער, און אַ מאָל קאָן געמאָהלט זיין, אַז טאַקי צוויי הונדערט, און אַ מאָל דריי הונדערט אויך, פאַר וואָס ניט? דערויף איז דאָך עס אַ בערזע! אַ בערזע איז אַ שפּיעל, אַ גליק־זאַך. און וואָס דו שרייבסט מיר, אַז דו גלויבסט נישט אין׳ם פעטער מנשה׳ס וועכסעלעך, קאָן איך דיר אָנזאָגען אַ בשורה, אַז איך האָב זיי שוין פערצוקערט. אַ סימן האָסט דו: וואו האָב איך גענומען געלד אויף אַזוי פיעל „בעסען“ מיט אַזוי פיעל „סטאַלאַזשען“? „סטאַלאַזשען“ איז ניט, ווי דו רופסט עס אָן, „רעלעזשאַנסען“. רעלעזשאַנסען איז דאָס, וואָס מע פאַהרט אויף דעם קיין ראַדאָ־מישל און קיין זשיטאָמיר, און „סטאַלאַזש“ איז אַ שטיקעל פּאַ־פּיער, וואָס יענער שרייבט אָן און חתמ׳עט זיך אונטער, אַז ס׳וועט קומען „אולטימאַ“, דאָס הייסט סוף חודש, איז ער מחויב אַזוי פיעל און אַזוי פיעל פונטען צו דעם און דעם קורס דיר געבען און ביי דיר נעמען. די ברירה, הייסט עס, איז ביי דיר. וואָס דו ווילסט — דאָס טהוסט דו: ווילסט דו, גיסט דו, ווילסט דו, נעמסט דו. היינט פערשטעהסט דו שוין דעם שכל פון „סטאַלאַזש“? ווען גאָט העלפט רעכטע „וואַריאַציעס“ אויף „לאָנדאָן“, און מע טהוט, למשל, אַ שמועס אויף די בלעטער מכח מלחמה, פאַלט דאָס רוסישע קער־בעל אַראָפּ אין דער ערד אַריין, און דאָס „לאָנדאָן“ טהוט זיך מיט אַ מאָל אַ רוק, אַז מע דערקענט נישט דעם פּלאַץ. אָט האָט מען געשמועסט יענע וואָך פון דער איינגלישער מלכה, אַז זי איז עפּיס נישט אין בעסטען געזונד, איז באַלד געפאַלען דאָס רוסישע קערבעל, און „סטאַלאַזשען“ האָבען זיך גענעבען אַ הויב־אויף העכער הייזער! איצט שרייבען די גאַזעטען, אַז ס׳איז איהר בעסער, האָט זיך דאָס רוסישע קערבעל אויפגעהויבען, און מע קאָן שוין קויפען „סטאַלאַ־זשען“ וויפיעל מע וויל. הכלל, זאָלסט גאָר ניט זאָרגען, זוגתי היקרה, עס וועט, אם ירצה השם, זיין אַלסדינג, ווי מע זאָגט ביי

אונז אין אַדעס, „אין בעסטען אָרדענונג“! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די שפּעטעריגע בריעף װעל איך דיר אַרויסשרייבען אַלס־דינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. און לאָז גריסען די קינדערלעך זאָלען לעבען און אַלעמען גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. ביי אונז אין אַדעס זענען די היצען אַזוי גרויס, אַז מע װערד פערברענט, און ביי נאַכט װערד מען צעגאַנגען, אַזוי װי װאַכס. דעריבער אַז סע קומט פאַר־נאַכט, װערד די שטאָדט פּוסט. דער עולם צעפאָהרט זיך אויף די פּאָנטאַנען, אויפ׳ן גרויסען פּאַנטאַן, אָדער אויפ׳ן קליינעם פּאָנטאַן, אָדער גאָר אויפ׳ן „לאַנדזשעראָן“. דאָרטען קריגסט דו װאָס דו װילסט, װאָס דיין האַרץ גלוסט, און קאָנסט זיך באָדען אין ים, און קאָנסט הערען מוזיק, און דוקא אומזיסט, אָהן אַ גראָשען געלד!

הנ״ל.

VI.

שיינה-שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם-מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אז איך האָב שוין ווידער צו טהון מיט די צייהן, אויף דיינע אדעסער „דראַנזשיקעס" געזאָגט געוואָרען. איך דאַרף-זיך רייסען דאָ אויף די צייהן און מוטשען מיט די קינדער זיינע, און ער — גאָרניט, לעבט זיך אָפּ, ווי גאָט אין אדעס, פאָהרט אַרום רייטענדיג אויף „דראַנזשיקעס", באָדט זיך אין „קאָראָטקי וויק" און כלי-זמר שפּיעלען איהם צו. וואָס פעהלט איהם, אשטייגער? ווי זאָגט די מאַמע: „רייטענדיג וואָלט ער געפאָהרען ביי מיר אויף אַ בעזעם, ניט אויף קיין דראַנזשיקעס!"... ממה נפשך, ביזט דו אַ סוחר און האַנדעלסט מיט דער שענער סחורה דאָרטען, וואָס מע רופט זי „לאָנדאָן", טאָ האָב אין זינען מסחר, ניט די איינגעלשע מלכה. האָב בעסער אין זינען דיין ווייב, האָסט אַ ווייב ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר מיט קינדערלעך דריי, זאָלען געזונד זיין, ווי זאָגט די מאַמע: „האָב אין זינען זיך, ווען דו פערגעסען אין יענעם"... און וואָס דו שרייבסט מיר פון דיינע גליקען, זאָג איך דיר דעם אמת, עס דרעהט זיך מיר אזש דער קאָפּ! עס גלויבט זיך מיר עפּיס נימ, חאָטש קוילע מיך, אז אָט אזוי פליהען דאָס הונדערטערס גלייך אין די הענד אריין! וואָס איז דאָס פאַר אַ מין כשוף דאָרטען, אַ פערבלענדעניש, צי

וואָס? זעה נאָר, אז פון די אַלע גדולות זאָלסט דו חלילה דאָס נדן־געלד נישט אָנריהרען, וואָרום טאָמער ווערד געמינערט אַ גראָשען פונ'ם נדן, וועט דיר דעמאָלט מעהר נישט אָפּגעהן פון דער מאַמע זאָל לעבען!... ער זאָל זיך עס אפילו דערמאַנען, מיר דאַכט, דו ווייסט גאַנץ גוט, אז איך בעדאַרף האָבען אַ זיידען מענטעלע ווי אין לעבען אריין, און וואָלענס אויף אַ קלייד, און אַ צוויי שטיקלעך מאַראָזעוו'ס זאָנע. אַ מינדסטע נארישקייט בעדאַרף איך איהם אָנזאָגען, אליין ווייסט ער נעבאַך ניט, דער מוח איז איהם אויסגעדאַרט געוואָרען, ווי די מאַמע זאָגט: „ווער סע שטויסט זיך ניט אליין, דעם גיט מען אין זייט אריין“... ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען הארצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

VII.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתריל־עווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ'ם אנדערען, נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז איך האלט שוין ווייט, היינו, איך האָב מיך גוט אריינגעחאפּט אין „בעס“ אריין און געה שוין אצינד מיט „פעסט־לאָנדאָן“, דאָס הייסט, איך טהו שוין אַ געב אָדער אַ נעם מיט אַ מאָל צעהן טויזענד פונט, צוואנציג טויזענד פונט, נאַ־טירליך, מיט אַ „דעפּאָ“. איך האָב שוין גרויס קענטשאפט אין די קאנטאָרען, און עס קאָמפּענירט מיר שוין זיצען ביי פאנקאָני'ן אין דער קאפּיי גלייך מיט אלע גרויסע שפּעגעלאנטען ביי ווייסע טישלעך פון מירמעלשטיין, און היים זיך געבען אַ פּאָרציע מאָ־ראָזשענע, מחמת ביי אונז אין אדעס איז אַ מנהג, ווי באלד מע זעצט זיך נאָר אנידער, אזוי קומט צו אַ מענש מיט אַ פראַק און הייסט, מע זאָל הייסען געבען מאראָזשענע. קאָן מען ניט זיין קיין דבר־אחר און מע מוז הייסען געבען; און אַז מע עסט אויף די פּאָרציע מאראָזשענע, הייסט ער, מע זאָל הייסען געבען נאָך אַ פּאָרציע, און אַז ניט, טאָר מען ניט זיצען און מע בעדאַרף זיך ארומדרעהען אויף דער גאַס, איז עפּיס ניט שען פאַר אַ שפּעגעלאנט, און אגב שטעהט דאָרט אַ גאָראָדאָוואָי און לאָקערט, מע זאָל זיך ניט ארומדרעהען אויף דער גאַס... אידען בעדאַרפען דאָך אבער זיך יאָ ארומדרעהען, קליגען זיי זיך מיט איהם, נאַרען איהם

אָפּ, אַנטלויפען, בעהאַלטען זיך אויס ווי ווייט מעגליך, און אַז ער האַפּט איינעם, טראָגט ער איהם אָפּ, ווי איין אבן־טוב, גלייך אין אוטשאַסטאָק אריין, ווי איינער רעדט: „אָט האָב איך אייך געבראַכט אַ אידען"... און וואָס דו שרייבסט מיר, אַז דו גלויבסט ניט אין גרויסע „וואַריאַציעס" מיט „דיפערענצען", איז אַ סימן, אַז דו ביזט שוואַך אין פּאָליטיקע. אָט, למשל, זיצט איינער ביי אונז אין קאַפיי, ביי פאַנקאָני'ן, רופט מען איהם „גאַמבעטע", טאָג ווי נאַכט רעדט ער פון פּאָליטיקע און נאָר פון פּאָליטיקע! ער בעווייזט אויס מיט טויזענד ראיות, אַז סע שמעקט מיט מלחמה. ער הערט, זאָגט ער, אַלע נאַכט האַרמאַטען שיסען — ניט דאָ, דאָרטען, ביי די פראַנצויזען. די פראַנצויזען, זאָגט ער, וועלען נישט פערגעסען אָט דעם ביסמאַרק'ען ווייל זיי וועלען לעבען! עס מוז, עס מוז, זאָגט ער, אַרויסשפּרינגען אין גיכען אַ מלחמה, עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין! האָרכען גאַמבעטע'ן דרש'ענען, בעדאַרף מען פערקויפען וואָס מע האָט, די קאַפּאָטע אויסטהון און קויפען „סטאַלאַזשען" און „בעסען", „בעסען" — אָהן אַ שיעור „בעסען"! און וואָס דו שרייבסט מיר מכח אַ מענטעלע, אַז איך זאָל דיר קויפען, האָב איך פון דיינעטוועגען, זוגתי היקרה, בעסער אויסגעקוקט אַ שענערע זאַך, דהיינו: אַ זייגערעל אַ גילדענס מיט אַ מענדעליאָן און מיט אַ גילדען קייטעל מיט אַ בראָש, און בראַנזעליעטען האָב איך געזעהען אין פענסטער, טאַקי ניט ווייט פון פאַנקאָני'ן — זאָג איך דיר: פּרימאַ שבפּרימאַ! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה.

מכּני בעלך מ נ ה ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. די שפּע איז דאָ, קיין עין־הרע, גרויס און אידען זענען דאָ אַזוי פערטהאָן אין פּרנסה, אַז מע פערגעסט פון

שבת און פון יום־טוב. פערשטעהט זיך, אז ביי מיר איז שבת — שבת. עס מעגען פאלען שטיינער פונ'ם הימעל, מוז איך מיך שבת דורכגעהן אין שוהל אריין. די אדעסער שוהל מעג מען געהן אָנ־קוקען. ערשטענס, רופט מען דאָס „באָר־שוהל", מחמת אויבען געהט זי מיט א קאָלפעק, און קיין מזו.ז איז ניטאָ. אלע זיצען מיט'ן פנים אהין. און דער חזן (פיני הייסט ער, שוין איין מאָל א חזן!) געהט דוקא געגאָלט די באָרד, נאָר עברי קען ער א ביסעל בעסער פון אייער אלטען דראָנג משה־דוד! זאָלסט זעהן, אז סע קומט צו „בריך־שמיה־דמרא עלמא", נעמט ער איין א מיתה־משונה! זיין „מזמור־שיר־ליום־השבת" מעג מען האָרכען אויף בי־לעטען. אלע זינגערלעך שטעהען אויסגעשטעלט ארום איהם, אָנ־געטהאָן אין קליינע טליתים'לעך — מחיה! ס'זאָל זיין צוויי מאָל אין וואָך שבת, וואָלט איך צוויי מאָל אין וואָך געגאַנגען הערען פיני'ן דאַוונען. איך פערשטעה ניט די היגע אידען, פאַר וואָס זיי געהען ניט דאַוונען. און אפילו די, וואָס געהען דאַוונען, דאַוונען אויך ניט; זיי זיצען ווי די טאָקען אין די צילינדערס, מיט די פעטע אויסגעפּאשעטע פנים'ער, מיט די קליינע טליתים'לעך, און — שאַ! טאָמער וויל א איד א דאַווען טהון א ביסעל העכער, קומט־צו צו איהם דער שמש מיט די קנעפּ, און זאָגט, ס'זאָל זיין שטיל. — מאָדנע אידען אין דעם אדעס!

הנ"ל.

VIII.

שיינה־שיינדעל פון כתריליעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל איז אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדעל נ״י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך פערשטעה ניט, וואָס איז די גדולה, וואָס מע דאַרף זיצען ביי פראַנקאָני׳ן, ברענען זאָל זי, ביי מירמעלשטיינערנע טישלעך און פרעסען פון ;אין דערפריה ביז אויף דער נאַכט דער רוח ווייסט וואָס? אַבי אויסברענגען געלד? און וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגענער דאַרטען ביי אייך אין אדעס, וואָס סע חלומ׳ט זיך איהם, אַז מע שיסט, געשאָסען זאָל ער ווערען פון גאָט? מלחמות גלוסט זיך איהם! ווי זאָגט די מאַמע: „יענעמס בלוט איז ביי איהם וואַסער״... גילדענע זייגערלעך מיט בראַנזעליעטען האָסט דו דערזעהן אין די פענסטער אין אדעס? אַ גדולה אויף דער באַבע! וואָס טויגען מיר דיינע מתנות, מענדעל, וואָס דו זעהסט זיי דורכ׳ן פענסטער? ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „קרעפּלעך אין חלום איז ניט קיין קרעפּלעך, נאָר אַ חלום“... דו חאַפּ זיך אַריין בעסער אין אַ קלייט אַריין און קויף מיר אַ שטיקעל וועבעל אויף וועש, און מאַדעפּאַלאַן אויף ציכלעך, און אַ פּאָר בייענע קאָלדרעס, און אַ ביסעל זילבער אין שטוב אַריין, און עפּיס נאָך. מאָהל דיר, אַז ל י ו ב ־ ז ־ ז ל א ־ ט ע בעדאַרף זיך שוין אַקעגען מיר בלאָזען (אויפבלאָזען זאָל עס זי, ווי אַ פּאָחיר!). וואָס איז? זי טראָגט אַ האַלז פערעל, זאָל עס

איהר מאקי נאָר פערשטעהרט ווערען! זי האָט דאָס א דאָלי ביי איהר מאַן! לייט האָבען גליק צו אלסדינג; נאָר איך איינע בין עפּיס אין אזא פינסטערער, וויסטער שעה געבאָרען געוואָרען, אז א מינדסטע זאך בעדאַרף איך איהם דערמאַנען! לאָז זיך דיר דאכ־טען עלעהיי דו האָסט געקויפט נאָך א „העם" מיט נאָך א „באָס" מיט נאָך א דער שוואַרץ יאָהר ווייסט אייך דאָרט, ווי דו רופסט עס אָן. איך זאָג איהם: פערקויף דאָס, וואָס דו האָסט, און צעהל געלד, געהט ער און קויפט נאָך! וואָס האָסט דו מורא? וועסט ניט קריגען די סחורה נאָכדעם? איך זעה שוין ארוים, וואָס דאָס איז פאַר מסחרים און וואָס דאָס איז פאַר א שטאָדט אדעס, אז שבת איז קיין שבת ניט און יום־טוב איז קיין יום־טוב ניט. און דער חזן איז מיט א געגאָלטער מאָרדע, מיינע וועהטיגען אויף זיין קאָפּ! מיר דאכט, אז פון אזא שטאָדט און פון אזעלכע מענשען דאַרף מען לויפען, ווי פון אייז עפּוש, צום סוף ליגט ער דאָרט און וויל ניט ארויסקריכען, ווי זאָגט די מאַמע: „דער וואָרעם ליגט אין חריין און מיינט, אז ס'איז גאָר קיין זיסערם נישטאָ"... לכן שרייב איך דיר, בעלי היקר, זאָלסט זיך גוט בערעכענען וואָס דו טהוסט און אויפהערען הוליען אין דעם זיסען אדעס, ס'זאָל אויף דעם קו־מען א שרפה, ווי עס ווינשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

יאָ! זאָג נאָר, מענדעל, ווער איז אָט די „פראַנקאָני", וואָס דו שרייבסט מיר אלץ, אז איהר זיצט דאָרטען טאָג ווי נאַכט? ס'איז איין „ער", צי א „זי"?...

IX.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז עס שמעקט שוין מיט גראָבע טויזענדער! אז גאָט וועט העלפען און דאָס „אולטימאָ“ וועט אָפּ־לויפען גלאַט, וועל איך מאַכען אַ הויפּט־טרעפער. איך וועל איינ־קאַסירען מיינע אַלע „דיפערענצען“ און וועל זיך דורכפאָהרען אהיים און וועל דיך, אם ירצה השם, אַרויסנעמען אהער, קיין אדעס. אַ דירה וועלען מיר דינגען אויף דער „רישעליי“, איינקוי־פען שען מעבעל און וועלען לעבען. ווי מע לעבט דאָ ביי אונז אין אדעס. דערווייל האָב איך צו טהון, ניט פאַר דיר געדאַכט, מיט'ן מאָגען; אפּנים, דאָס מאַראָזשענע האָט מיר פערשאַדט... אז איך קום צו פאַנקאָני'ן, עס איך שוין ניט קיין מאַראָזשענע. וואָס דען? איך הייס מיר געבען אַזאַ געטראַנק, וואָס מע ציהט דאָס דורך אַ שטרוי; ס'איז אי זיס, אי ביטערליך, אַזוי ווי אַ מין סאַלץ מיט לאַקריץ, און מע קאָן דאָס מעהר ניט פערדייען ווי צוויי, העכס־טענס — דריי גלעזער. מוז מען זיך די איבעריגע צייט ארומדרעהען אויף דער גאַס און האָבען צו טהון מיט'ן גאַראַדאָוואָי, און דאָס איז זעהר נישט אַנגענעהם! ער קוקט שוין אויף מיר פון אַ צייט, נאָר מיט חסד, גאָט האָט מיך ביז אַהער אויסגעפיהרט, איך אַנטלויף פון איהם אַלע מאָל און בעהאַלט זיך אוים. וואָס טהוט דען ניט אַ איד

צוליעב פּרנסה? דער אויבערשטער זאָל העלפען, אז די „ראַלי־זאַציע“ זאָל אָפּלויפען בשלום, וועל איך דיר, אם ירצה השם, אַלס־דינג קויפען בכפל־כפלים, א סך מעהר ווי דו קאָנסט זיך גאר פאָר־שטעלען. און וואָס דו זאָגסט, אַז דער גאַמבעטע איז אַ משוגענער, האָסט דו אַ טעות; ער איז נאָר אַ ביסעל אַ „ספּילשלעווער“. גאָט זאָל היטען, עמיצער זאָל איהם אַ זאָג טהון אין פּאָליטיקע ניט אַזוי, ווי ער וויל! ער איז דעמאָלט קאַפּאַבל יענעם צערייסען אויף שטיקלעך! ער דרינגט, אז היינט־מאָרגען מוז עפּיס אַרויסשפּרינ־גען, און דאָס, זאָגט ער, וואָס ס'איז איצטער מיט אַ מאָל שטיל געוואָרען, איז ערשט אַ בעוויז, זאָגט ער, אויף מלחמה. „פּאַר אַ בורע איז תמיד, זאָגט ער, שטיל“... איך האָב נעכטען געקאָנט פער־קויפען עטליכע „בעסלעך“ מיט אַ צוויי־דריי „סטאַלאַזשען“ און פערדיענען שען געלד, האָט מיך גאַמבעטע נישט דערלאָזט. „איך וועל אייך, זאָגט ער, דעם קאָפּ צעשלאָגען, טאָמער לאָזט איהר אַרויס אין אַזאַ צייט אַ שטיקעל סחורה פון דער האַנד!“ עס געהט, זאָגט ער, אַ צייט, וואָס אַ „סטאַלאַזש“ פון אַ פופציגער וועט ווערטה זיין רי"ש קאַרבען, און שי"ן, און ת"ק, און טויזענד, און פאַר וואָס ניט קיין צוויי טויזענד?... עס זאָל זיין ווי גאַמבעטע זאָגט, האָטש האַלב ווי ער זאָגט, — ווער איך נתעשר! איך האָף, אַז איך וועל, אם ירצה השם, תיכף נאָך דער „ראַליזאַציע“ זיך געבען אַ קעהר־איבער צוריק אויפ'ן „האָס“ און וועל אָנהויבען קויפען קערבלעך און געבען „לאָנדאָן“ אויף וואָס די וועלט שטעהט! איך וועל זיי בעווייזען, וואָס הייסט „לאָנדאָן“ און וואָס הייסט קערבלעך! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינר אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה.

ממני בעלך מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. וואָס דו פרעגסט זיך נאָך אויף פּאַנקאַ־ני'ן (ניט ווי דו רופסט דאָס אָן „פּראַנקאַני“), איז דאָס ניט קיין

„ער“ און ניט קיין „זי“. ס׳איז אזא קאפיי, וואָס מע טרינקט דאָרט קאווע און מע עסט מאראָזשענע און מע מאכט געשעפטען אויף „לאָנדאָן“. לאָם איך דאָס פערמאָגען חאָטש האלב, וואָס דאָרט ווערד געמאכט אין איין טאָג!

הנ״ל.

X.

שיינה־שיינדעל ־פון כתרילעווקע צו איהר מאז מנחם־מענדעל אין אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אז די קינדער מאָזלען אלע דריי, און איך שלאָף נישט קיין נעכט, און ער טרינקט דאָרטען קובעבע מיט לאַקריץ! וואָס געהט איהם אָפּ, איך בעט אייך, קאָפּ־וועהטיג? ער האָט זיך עס אביסעל צעהעצקעט! קיין אדעס וויל ער מיך אַרויסנעמען! ער מיינט, אז ער וועט מיר זאָגען אדעס, פליה איך באלד! הערסט דו, מענדעל, זאָלסט דיר אַרויסשלאָגען פון קאָפּ, מענדעל, וועסט מיך אהינצו ניט פערנאַרען. זיי רוהיג! מיין באבע'ס באבע איז דאָרטען קיינמאָל ניט געוועזען און האָט זיך בעגאַנגען אָהן דעם, וועל איך זיך מסתמא אויך אָהן דעם בע־געהן. דו וועסט מיך ניט איינרעדען, מענדעל, אז איך זאָל דיר אַוועקוואַרפען מיין טאַטע־מאַמע מיט אלע ליעבע פריינד און זיך אַוועקלאָזען אין דעם ווּיסטען אדעס, ברענגען זאָל עס דיר אויפ'ן פייער! מעגסט זיך זאָגען, מענדעל, וואָס דו ווילסט, דיין אדעס הויבט מיר נישט אָן צו געפעלען. איך האָב עס פיינט, איך וויים ניט פאַר וואָס. נאָך מיין שכל נאָך קומט אויס, אז דו בעדאַרפסט די סחורה דיינע ביסלעכווייז אויספערקויפען און מאַ־כען דערפון געלד, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „פון אלע מיל־כיגע מאכלים איז דאָס בעסטע — א שטיקעל פלייש"... אי, וואָס?

טאָמער האָסט דו זיך גענאַרט? פאַר יענֿעם דאָס גליק! און וואָס דיין משוגענער גאַמבעט (איך זאָג דיר פאָרט, אַז ער איז אַ משוגע־נער!) לאָזט דיך ניט פערקויפען, פערשטעה איך ניט. וואָס געהט עס איהם אָן? וואָס איז זיין באַבע'ס דאגה? שפיי איהם אָן אַ פולען פנים, וואָס ער ווע׳) דיר דערצעהלען מלחמות! פאָלג מיך, מענדעל, שנייד־אָפּ, פערקויף אויס, ווי גאָט איז דיר ליעב! האָסט פערדיענט עטליכע קערבלעך? גענוג! ביז וואַנעט איז דער שיעור צו חאָליען דאָרטען? נאָר גאַרניט, משטיינס געזאָגט, איך האָב רען עפּיס אויך אַ ווערטה? איך בין דאָך ש י י נ ה־ש י י נ ד ע ל, ניט ב ל י ו מ ע־ז ל א ט ע; ב ל י ו מ ע־ז ל א ט ע, אַז זי טהוט נאָר אַ פּיפּס דעם מאַן איהרען, וואַרפט דאָס מיט איהם דאָס נייעניעהריגע קדהת! למען השם, מענדעל סערדצע, פערקויף און פּאַק זיך אין וועגֿ אריין. פערגעס נאָר נישט אַ טוץ געשטיקטע העמדער פון מיינעטוועגען, סאַמעט אויף אַ מלבוש פון דער מאַ־מעס וועגען — לאָז זי אויך געדענקען, ווען דער איידעם איהרער איז געוועזען אין אַדעס און געהאַנדעלט מיט משוגעים, — ציץ אַ שטיקעל פון היינטיגע מוסטערען, און, אַז עס וועט קריכען אין טשעמאָדאַן אריין, אַ ביסעל גלאָזוואַרג, און דאָס איבעריגע דאָרטען, ווי דו פערשטעהסט, און קום צו פאָהרען אַהיים, לאָז אויפהערען די וועלט מיר שטעכען די אויגען און שוואַרצען דאָס פנים, און לאָס איך זעהן, אַז דו זאָלסט מיך ניט פאָלגען, אַזאַ מכה מיינע שונאים, ווי דו וועסט מיך פאָלגען, ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען הארצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה־ש י י נ ד ע ל.

XI.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי',

ר א ש י ת באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז דאָס „אולטימאָ" איז אָנגעקומען, און ס'איז געוואָרען איין איבערקעהרעניש, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! פון דער גרויסער „וואַריאַציע", וואָס איך האָב אויף איהר אַרויסגעקוקט ווי אויף משיח'ן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ביסמאַרק, שמועסט מען, האָט זיך צוגעקיהלט, בעקומען דעם קאָ־מער, — איז אין דער פּאָליטיקע געוואָרען אַ מהומה, מע ווייסט ניט וואָס סע טהוט זיך. „לאָנדאָן" איז טאַקי געוואָרען מיט גאָלד גלייך, און דאָס קערבעל איז טאַקי געפאַלען אין שאול תחתיה אריין, און ס'איז אַוועק אַ מורא'דיגער „בעס"! ווערסט דו דאָך פרעגען: וואו זענען מיינע „בעסען" מיט מיינע „סטאַלאַזשען"? איז דער תירוץ: די „בעסען" זענען ניט קיין „בעסען", די „סטאַלאַזשען" זענען ניט קיין „סטאַלאַזשען". קיינער וויל ניט נ ע מ ע ן, קיינער וויל ניט ג ע ב ע ן — און רוף מיך קנאַקניסעל! און ווי אויף־צו־להכעיס, האָב איך געשטעקט מיט מיין סחורה אַלץ ביי אזעלכע מענשלעך, וואָס מיט איין קוועטש זענען זיי דערשטיקט געוואָרען. הכלל, עס איז אַ שרפה, אַ מגפה, גאָר נישט צו דערקע־נען דעם פּלאַץ! אוי, ווען איך קעהר זיך איבער מיט איין טאָג פריהער! נו געה, זיי אַ נביא! אַלע לויפען אַרום, ווי די פער'־

סמ'טע מיוז; עפּיס אַ מהומה אויף איטאַליכען בעזונדער! אַלע שרייען „לאָנדאָן"! וואו איז מיין „לאָנדאָן"? געב מיר דאָס „לאָנ־דאָן"! „לאָנדאָן", „לאָנדאָן"! נאָר ווער מיר „לאָנדאָן"? וואָס מיר „לאָנדאָן"? עס פליהען פּעטש, פייגען, אין טאַטענס טאַטען, און איך אויך בתוכם... דער שפּיץ — ס'איז, אַפּנים, גאָר נישטאָ קיין „לאָנדאָן" אין ערגיץ ניט! — הכלל, זוגתי היקרה, ס'איז בי־טער און ניינסטער, איך האָב אוועקגעגעבען דאָס גאַנצע פערדיענסט, מיט'ן קרן, מיט'ן ציערונג, וואָס איך האָב דיר איינגעקויפט, אפילו די קאַפּאָטע, י שבת'דיגע אויסגעטהאָן און פערזעצט — און דאָס איז אַלסדינג אריין אהין... און איך געפין זיך איצט אין אזא טרוי־עריגער לאַגע, וואָס איז אין לשער, און אהיים בענג איך אזוי, אז ממש עס געהט מיר אויס דאָס חיות! איך פערשעלט מיר דאָס געביין הונדערט מאָל אַ טאָג. בעסער וואָלט איך זיך אויסגעבראָ־כען אַ פוס, איידער איך בין געקומען אהער אין אדעס, וואו אַ מענש האָט קיין שום ווערדע נישט; אַ מענש קאָן דאָ געהענגדיג שטאַרבען אין מיטען גאַס, און קיינער וועט זיך אפילו ניט אָפּשטע־לען אַ קוק טהון. וויפיעל מעקלערס האָבען געלעבט ארום מיר, אָפּ־געלעקט אַביינדעל, און היינט דערקענען זיי מיך שוין גאָר ניט! פריהער האָב איך דאָ געהאַט אַ נאָמען „ד ע ר כ ת ר י ל ע ו ו ־ ק ע ר ב ל י י כ ר ע ד ע ר", און היינט מאַכען זיי פון מיר חוזק, טאַקי די מעקלערס אַליין. זיי זאָגען, באשר איך פערשטעה ניט דאָס געשעפט. „לאָנדאָן, זאָגען זיי, בעדאַרף מען פערשטעהן". וואו זענען זיי געווען פריהער, די חכמים? — מע רעדט שוין גאָר קיי־נער ניט פון מיר, גלייך ווי איך וואָלט גאָר געווען אַ געשטאָרבע־נער! הלואי וואָלט איך טאַקי געשטאָרבען, איידער אזעלכעס דער־לעבען! און ווי אויף־צו־להכעיס, זיצט אָט דער גאַמבעטע, ימח שמו זאָל ער ווערען, און הערט ניט אויף צו גראַגערען אין די אויהע־רען מיט זיין פּאָליטיקע: „האַ, זאָגט ער, האָב איך אייך געזאָגט אַ בעם?" — „וואָס קומט מיר אַרויס, זאָג איך, פון אייער בעם, אז מע גיט מיר ניט, זאָג איך, קיין לאָנדאָן?" לאַכט ער און זאָגט

מיר: „ווער איז אייך שולדיג? די ברוזע, זאָגט ער, דאַרף מען פערשטעהן, און אז מע קאָן ניט האַנדלען מיט „לאָנדאָן", דאַרף מען, זאָגט ער, האַנדלען מיט אתרוגים"... איך זאָג דיר, זוגתי היקרה, ס'איז מיר אַזוי נמאס אָט דאָס אַדעס, מיט דער היגער ברוזע, מיט דעם פּאַנקאָני, מיט די אַלע מענשלעך! איך וואָלט געלאָפען אין דער וועלט אַריין! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די ווייטערע בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָר געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. און גריס די קינדערלעך אַלע און שווער און שוויגער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. דאָ אין דעם אַדעס איז אַ מנהג, אַז עמיצער דאַרף אַ גמילות־חסד, געהט ער נישט צו אַ שכן, צו אַ קרוב אָדער צו אַ בעקאַנטען, ווי, למשל, ביי אונז אין כתרילעווקע; נישט מחמת מע פוילט זיך געהן, נאָר פּשוט, מע ווייסט פריהער, אַז יענער וועט ניט שטעקען; מע נתנ'ט ניט — און שוין! וואָס זשע טהוט מען פּאָרט, אַז מע דאַרף? איז געמאַכט געוואָרען אַ „לאָמבאַרד", וואָס גיט אַרויס געלד וויפיעל דו ווילסט, אַבי נאָר דו ברענגסט אַ רעכטען משכון: גאָלד איז גאָלד, זילבער איז זילבער, מעש איז מעש, און אַ מלבוש, און אַ סאַמאָוואַר, און אַ בענקעל, און אפילו די בהמה, אַז דו ברענגסט צו פיהרען, גיט מען דיר אויך אַרויס אויף איהר געלד. דער חסרון איז נאָר, וואָס זיי שאַצען אַלסדינג זעהר וואָלוועל, בחצי חנם! דערפאַר האָבען זיי אַ מעלה: פּריצענט נעמען זיי געשמאַקע, בייסענדיגע, אַזוי, אַז דאָס פּריצענט עסט אויף דאָס קרן; מוז מען אַלע צוויי וואָכען מאַכען דאָרט אַ „לעסיטאַציע", דאָס הייסט, מע פערקויפט אוים די איבערגעבליבענע משכונות, און מענשען האַנדלען מציאות, מאַרען דערפון אַ שען קערבעל. ווען איך בין איצטער ביי געלד, וואָלט איך געקאָנט אַ

האַנדעל טהון אויפ'ן לאָמבאַרד און אומקעהרען מיין היזק אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק... נאָר געה מאַך! אָהן געלד זאָל מען גאָר־ניט־געבאָרען ווערען אויף דער וועלט, און טאָמער איז מען געבאָרען געוואָרען, זאָל מען בעסער שטאַרבען... איך קאָן מעהר ניט שרייבען. שרייב מיר פון דיין געזונד, און וואָס מאַכען די קינדערלעך זאָלען לעבען, און גריס שווער און שוויעגער און אַלעמען בעזונדער גאָר פריינדליך.

הנ"ל

XII.

שיינה־שיינדעל פון כתריליעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוה"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, נארישער לעקיש, זעה וואס דו האסט געטהאן! וועלכער רוח האט דיך גאר געטראגען קיין אדעס? וואס האסט דו דארטען אנגעשמעקט אזעלכעס? געברא־טענע פויגעלעך האט זיך איהם פערגלוסט! „לאנדאן"! מאראזש־נעווע! קובעבע מיט לאקריץ! האסט דערהערט, אז מע זעצט דיר גאן אינ'ם „לאנדאן" אריין, פאר וואס זשע האסט דו ניט געזעהן בעצייטענס אפצועקען אויף פריצענטען, דו בהמה, ווי עס פיהרט זיך צווישען סוחרים? וואו איז מענשען? וואו איז א רב? אין גאטעס ווילען, וואס איז דאס פאר א תירוץ אולטימא־שמולטימא? האסט געקויפט סחורה, וואו איז די סחורה?! אוי, אזא־נ־אומגליק! דאס האר'ץ האט מיר אבער געזאגט, אז פונ'ם אדעס, ברענען זאל דאס, וועט קיין גוטס ניט ארויס! איך שרייב איהם: פאהר אוועק, מענדעל, טהו א שפיי אויף זיי מיט זייער „לאנדאן", עס זאל אויף דעם קומען א חלירע, רבונו של עולם! אנטלויף, זאג איך איהם, אנטלויף, מענדעל, ווי זאגט די מאמע: „ארעמער דאך, וואס קנאקסט דו?"... ניין, הערט ער מיך ניט, וואָרום איך בין דאך שיינה־שיינדעל, אז אך און וועה איז מיר, ניט בליומע־זלאטע. אוי, די מאמע מיינע איז טאקי א חכמה! זי

טענה'ט מיט מיר כסדר, אַז אַ מאַן טאָר מען נישט נאָכגעבען די שמה, אַז מע בעדאַרף אַ מאַן האַלטען אין די הענד אַזוי, אַז ער זאָל פ י ה ל ע ן, אַז ער האָט אַ ווייב! נאָר גטה, אַז ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, איך קאָן ניט זיין אַזוי גראָב, ווי בליומע־זלאַטע; איך קאָן זיך ניט שעלטען, אַריינלעגען אַ מאַן אין דער ערד אַריין, אַזוי ווי זי. איך קאָן ניט! זאָלסט האָבען בליומע־זלאַטע'ן, ניט דער־הארען זאָל זי, פאַר אַ ווייב, וואָלסט דו שוין געוואוסט וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען! און וואָס דו זאָגסט מכח שטאַרבען, חכם איי־נער, ביזט דו אַ גרויסער נאַר: אַ מענש נעמט זיך ניט אַליין דאָס לעבען, אַ מענש נעמט זיך ניט אַליין דעם טוידט. און אַז מע ווערט אַן דאָס גרן, בעדאַרף מען זיך שוין טאָקי אַ מעשה אָנטהון? דו נאַר איינער, וואו שטעהט דאָס דען אָנגעצייכענט, אַז מנחם־מענדעל בעדאַרף האָבען געלד? און מיט געלד איז מנחם־מענדעל דען ניט דער אייגענער מנחם־מענדעל, וואָס אָהן געלד? שוטה! דו ווילסט געהן קעגען גאָט? זעהסט דאָך, אַז ע ר הייסט ניט, היינט וואָס פילערסט דו? אַ שענע ריינע כפרה! לאָז זיך דיר דאַכטען, עלעהיי גזלנים האָבען דיך בעפאַלען אין מיטען וואַלד, גדער ביזט קראַנק געלעגען און הלילה פערקרענקט דאָס גרן צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! דער עיקר, זאָלסט ניט זיין קיין אידינע, מענדעל! בערלאָז דיך אויף דעם וואָס לעבט אייביג, ער איז אַ זן ומפרנס. קום צו פאָהרען אהיים, וועסט דו זיין, אם ירצה השם, אַ גאַכט ביי די קינדער... איך שיק דיר אויף דער הוצאה עטליכע קערבלעך, און זעה, מענדעל, זאָלסט נישט געהן אויף קיין „לעסטאַציעס" און נישט האַנדלען מיט קיין אַלטע שמאַטעס, — נאָך דאָס געהט דיר אָפּ! למען השם, באַלד ווי דו וועסט בעקומען מיין בריעף מיט'ן געלד, זאָלסט דו זיך אויפזעצען און אָפּגעזעגענען זיך מיט אַדעס, און ווי באַלד דו וועסט נאָר אַרויספאָהרען פון שטאָדט, אַזוי זאָל עס זיך אָנצינדען פון אַלע פיער זייטען, און עס זאָל ברענען און

פלאקערען, שרפה׳נען און פער׳שרפה׳ט ווערען, ס׳זאָל פון דעם ניט בלייבען קיין שריד ופליט, ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען הארצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

סוף פונ׳ם ערשטען בוך.

פאַפּיערלעך

(יעהופעצער בערזש).

I.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מ'זאָל תמיד האָרכען איינס פון'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז איך בין שוין ניט אין אדעס, איך בין אין יעהופעץ (אויך א שענע שטאָדט, לאָם איך האָבען אזא יאָהר!), און האנדעל שוין מעהר נישט מיט קיין ווינד, מיט קיין לופט, מיט קיין „לאָנדאָן" — איך האָב שוין היינט, ברוך השם, אביסעל א לייטישער געשעפט אין האנד, א קאַראַנטנע געשעפט, א פאַפּיער־געשעפט, דאָס הייסט, איך האַנדעל מיט „פאַפּיערלעך" האנדעל איך. ווערסט דו דאָך מיך פרעגען, ווי קום איך קיין יע־הופעץ? דאַרף איך דיר דערצעהלען, זוגתי היקרה, א גאַנצע מעשה, און בעטען דיך, זאָלסט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָס איך האָב דיר אזא צייט קיין בריעף ניט געשריבען. ס'איז פּשוט ניט געווען ו ו אָ ס צו שרייבען. און חוץ לזה האָב איך גערעכענט, אט־אָט פאָהר איך אהיים, און גאָט איז יודע דעם אמת, ווי ווייט,

עס האָט מיך געצויגען אהיים, נאָר ס'איז, אפנים, מן השמים מיר אָנגעצייכענט געוואָרען, אַז איך זאָל מגולגל ווערען קיין יעהופּעץ און זאָל האַנדלען מיט „פּאַפּיערלעך". איך שווער דיר, זוגתי היקרה, ביי מיין לעבען, אַז איך בין שוין געזעסען אין וואַגאָן צו פאָהרען קיין כתרילעווקע, בעדאַרף איך מיך בעגעגענען מיט איינעם איין אַדעסער שפּעגעלאַנט, וואָס פאָהרט קיין יעהופּעץ. וואָס טהוט ער, פרעג איך איהם, אין יעהופּעץ? זאָגט ער מיר: ער האַנדעלט מיט פּאַפּיערלעך. וואָס הייסט דאָס פּאַפּיערלעך? גיט ער מיר צו פערשטעהן, אַז „פּאַפּיערלעך" איז ניט קיין „לאָנדאָן", וואָס הענגט אָפּ פון בערלין און פון ביסמארק'ען און פון דער איינגעלשער מלכה. פּאַפּיערלעך — דאָס איז אזא מין געשעפט, וואָס װענדט זיך נאָר אין פּייטערבאַרג און אין וואַרשאָ. היינט האָט דאָס נאָך א מעלה: ס'איז א זאַך, וואָס מע קאָן דאָס זעהען, אָנטאַפּען מיט די הענד, נישט אזוי ווי „לאָנדאָן", וואָס ס'איז נאָר א דמיון, א מין חלום. היינט האָט ער מיר גענומען אָפּלויבען די שטאָדט יעהופּעץ מיט די יעהופּעצער שפּעגעלאַנטען אין טאָג אריין: ס'איז גאָר לא זו הדרך, זאָגט ער, איידעלע מענשען! ער וועט ניט אוועקגעבען, זאָגט ער, קיין צעהן אויסגעפּאַשעטע אַדעסיטען פאַר איין יעהופּעצער שפּעגעלאַנט! הקיצור, דער פאַרשוין האָט מיך אזוי צענומען, אַז איך בין א בעלן געווען, איך פאָהר דאָך במילא פאַרביי פאַסטאָוו, וועל איך מיך אַראָפּהאַפּען שוין קיין יעהופּעץ אויף א טשיקאַוועסט, אָנקוקען די היגע בערזע מיט די היגע שפּעגעלאַנטען. און, ווי גאָט פיהרט, בעדאַרף איך אָנטרעפען אקוראט אויף אזא צייט, וואָס עס געהט א מוראדיגער בעם אויף פּאַפּיערלעך, און „פּרעמיעס" פערקויפען זיך בחצי חנם. קיין סך געלד אריינלעגען דאַרף מען נישט, האָב איך מיך מיישב געווען, איך וועל מיך א שפּיעל טהון, אולי ירחם, א קשיא אויף א מעשה, טאָמער וועל איך חאַפּען פון אויבען, וועל איך האָבען צושטייער אויף הוצאות. און דער אויבערשטער האָט רחמנות געהאַט, „פּאַפּיערלעך" האָבען זיך א הויב געטהאָן, און איך האָב מיין פּרעמיע פערקויפט מיט רוחים און גע־

קויפט אַ פּאָר פרישע פּרעמיעס, און האָב ווידער געחאַפּט פון אוי־בען און האָב מיך אַרויפגעשלאָגען אויף שענע עטליכע הונדערט קערבלעך, און דוקא מזומנ׳ע. האָב איך מיך מיישב געווען: דאַרף איך צאָהלען יענעם „פּרעמיעס“, אַמעהר איך וועל מיר אַליין „איינ־גאַזשירען“ מזומנ׳ע „פּאַפּיערלעך“! און בין אַוועק דורך אַ קאַנ־טאָר קיין פּיטערבאַרג און האָב מיר צענויפגעשטעלט אַ „פּאָרטע־פעל“ פון כל מאמינים שהוא: „פּוטיוויל“ מיט „טראַנספּאָרט“, מיט „וואָלגע“, מיט „מאַלצעווער“, וכדומה אַזעלכע אַקציעס, וואָס הויבען זיך, און דאַנקען השם יתברך, איך וואַקס! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. לאָז גריסען די קינדערלעך אַלע און שווער און שוויעגער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. אז דו וועסט מיר שרייבען, זאָלסט דו מיר שרייבען אויף מיין נאָמען קיין ב ו י ב ע ר י ק, מחמת אין יעהופּעץ טאָר איך ניט זיין... דרעה איך מיך אַרום דעם גאַנצען טאָג אויף „קרעשטשאַטעק“ ביי דער בערזע, און קומט ביי נאַכט, חאַפּ איך מיך אָראָפּ קיין בויבעריק. דאָרט זיצט די גאַנצע חברה „שפּעגעלאַנטען“ אויף די דאַטשעס און מע שפּילט אַ גאַנצע נאַכט אין קאָרטען (זכרים מיט נקבות אינאיינעם — אַזוי איז דאָ דער מנהג...), און גאַנץ פריה לויפען אַלע קיין יעהופּעץ, און איך אויך בתוכם.

הנ״ל.

II.

שיינה־שיינדעל פון כתריעלעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעכטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, מיינע שונאים זאָלען אַזוי כח האָבען צו לעבען, רבונו של עולם, ווי איך האָב כח שוין צו שרייבען דיר אפילו אַ בריוועל, אַז קוים־קוים וואָס איך פלאָנטע מיט די פיס; ס'איז גאָר אַ סברא, אַז איך וועל דאַרפען אַ „רעפּעראַציע", אַזוי זאָגט דער נייער דאָקטאָר, געזאָגט זאָל איהם ווערען צרות מיט פרעה'ס שלעק! ער מיינט, ער וועט ביי מיר צאַפּען קערבלעך! און פון וואָס, מיינסט דו, איז דאָס מיר געקומען? נאָר פון גריזאָטע, נאָר פון האַרצוועהטיג. סטייטש, איך שיק דיר אַרויס אויף הוצאות און זאָג דיר אָן, זאָלסט קומען אַהיים, נעמסט דו און פאַהרסט אַראָפּ קיין יעהעפּעץ — ביזט דו ניט ווערטה, מע זאָל דיך בעגראָבען אַ לעבעדיגען? היינט דער בזיון! די חרפה פאַר דער וועלט! ווי זאָגט די מאַמע: „שנייץ די נאָז, שמיר דאָס פּנים"... מכחרים! געשעפטען! איך האָב אַלץ גע־מיינט, אַז דאָס שענע „לאָנדאָן" האָט שוין יאָ איינגענומען אַ מיתה משונה, וועל איך אויך שוין אויפגערעכט ווערען, און ער וועט קו־מען אַהיים חאָטש מיט'ן לעבען, דער זיסער ברויטגעבער מיינער. וואָס לאָזט זיך אויס דער סוף? אַ נייער חלום, אַ וויסטער, אַ פינ־סטערער „יעהופּעץ"! „פּאַפּיערלעך"! נאָ דיר אַזאַ משא־ומתן!

אידען זאָלען נאָר האנדלען דער שוואַרץ יאָהר ווייסט מיט וואָס, מיט שטיקלעך פאַפּיער!... איך לייען דיין בריוועל, בעלי היקר, און קלער מיר בשעת מעשה: ליעבער פאָטער, הארציגער געטריי־ער! צי ד ו ביזט חלילה משוגע, צי א י ך בין ניט ביי אַלע געדאנקען? עפּיס רעדסט דו מיט מיר טאָטערש: „פּאַפּיערלעך“... „פּייטערבאַרג“... „קרעשטשאַטעק“... „פּאַרטעפּעל“... עפּיס א קליפּה, א ניט־גוטער האָט זיך אין איהם אריינגעהאַפּט! ביי טאָג איז ער אין יעהופּעץ, און ביי נאַכט איז ער אין בויבעריק, מיט די מאַנסבילען און מיט די ווייבער אינאיינעם... וואָס טהוסט דו ביי נאַכט אין בויבעריק? וואָס טראַכסט דו זיך? ממה נפשך, ווילסט מיך ניט, קום צו פאָהרען און גט מיך אָפּ; אלא ניט, פאָהר שוין בעסער אוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָהר קיין אמעריקע, ווי יוסיל לייב־אהרן׳ס, און לאָם איך חאַטש ניט וויסען וואו דיין געביין איז אהינגעקומען, אויב ס׳איז מיר שוין יאָ בעשערט צו בלייבען איין אייביגע עגונה מיט קליינע קינדער פּיסקליאַטעם! נאָר אזוי לאַנג קרענקען מיינע שונאים! דיין טרפה׳נע הצלחה, וואָס איך קאָן אצינד צו דיר ניט פאָהרען; איך בין, משטיינס געזאָגט, אווי גע־שטראָפט, אז איך מוז גאָר ליגען צום בעט, ווי זאָגט די מאַמע מיינע זאָל געזונד זיין: „אז מע האָט ניט קיין פינגער, קאָן מען קיין פייג ניט שטעלען“... אניט, וואָלט איך באַלד נאָך דיין שענעם בריעף אראָפּגעפאָהרען צו דיר קיין יעהופּעץ און וואָלט דיך שוין אראָפּגע־בראַכט אהיים! איך וואָלט דיר געוויזען, אז א ווייב איז א ווייב! אי וואָס, איך האָפּ זיך אַרוים א מאָל מיט א הארב וואָרט? איז דאָס נאָר מחמת גריזאָטע, און ניט אויף לאַנג. ווי זאָגט די מאַמע: „א שוועבעלע צינדט זיך גיך אָן און ווערד באַלד פערלאָשען“... ווי עס ווינשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

III.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כּתריליעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פון׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז דער ענין פון פּאַפּיערלעך איז ניט, ווי דו מיינסט, טאַקי פּאַפּיער ממש. עס רעדט זיך נאָר אַזוי פּאַפּיער, מיינען מיינט מען גאָר אַקציעס, פּייטערבאַרגער אַקציעס, למשל: „פּוטיווויל“, „טראַנספּאָרט“, „וואָלגע“, „מאַלצעווער“ וכדומה. דאָס זענען אַזעלכע פאַבריקעס, וואָס עס אַרבייטען זיך דאָרטען אייזענבאַהנען אויף אַקציעס, דאָס הייסט, מע לאָזט אַרויס אַקציעס אויף־אַ הונדערטער און מע צאָהלט פאַר זיי דריי, וואָרום מע גיט „דעווענדענט“; וואָס מעהר „דעווענדענט“, איז אַלץ בעסער. נאָר כּפי אַזוי ווי עס ווייסט קיינער נישט פאַר׳ן יאָהר, וואָס פאַר אַ „דעווענדענט“ מע וועט אַרויסגעבען, לכן געהט מען בלינד און מע קויפט און מע קויפט; און דערפון ווערד אַ „האָס“, דאָס הייסט, פּאַפּיער שטייגט, און אידען פערדיענען געלד, און איך אויך בתוכם. זאָלסט אָנקוקען, זוגתי היקרה, ווי אַזוי קליינע מענשעלעך, מעקלערס, אָרעמע לייט זענען פּלוצים מיט אַ מאָל אויסגעוואַכסען, געוואָרען גבירים אדירים! מע זיצט שוין אויף דאַטשעס אין בויבעריק, מע פאָהרט זיך באָדען קיין אויסלאַנד, זייערע דאַמעס געהען איינגעטונקען אין גאָלד און אין סאַמעט, די קינדער פאָהרען אַרום אויף לעספּעדען, אין שטוב האַלט מען גובערנאַנטקעס, מע רעדט

אויף פראַנצויזיש און מע שפּיעלט פּיאַנע, מע עסט אײַנגעמאַכטס און מע טרינקט ווישניק, אַ קערבעל איז אַ ממזר, ס'איז חי געלעבט און אײַן עק, און אַלץ פון די „פּאַפּיערלעך"! אַז עס קומט דער טאָג, זאָלסט דו זעהען וואָס עס טהוט זיך אויף „קרעשטשאַטעק": פול און פיל מיט אידען! נאָר וואָס איז דאָס חידוש? אַז פון די קאַנטאָרען טרייבט מען, און אויף דער גאַס לאָזט מען ניט שטעהן. ווילט זיך איטליכען וויסען וואָס פריהער — איז הושך! חושך! אָט איז היינט אָנגעקומען פון פּיטערבאָרג „פּוטיוויל" הונדערט אַכט און זיעבעציג, — נו, ווי אַזוי קויפט מען נישט קיין „פּוטיוויל"? צי, למשל, „מאַלצעווער", זאָגט מען, זענען אָנגעקומען שוין דריי־צעהן הונדערט פופציג, — זאָל מען ניט קויפען קיין „מאַלצעווער"? אַז אַלע טאָג, אַלע טאָג שפּרינגט עס אַרויף! אויף מיין „פּוטיוויל", ברוך השם, שטעהט מיר איצטער צו פערדיענען שענע עטליכע הונ־דערטער! נאָר אַזוי לאַנג שמייסט מען זיי, ווי לאַנג איך וועל זיי פערקויפען! אדרבה, איך רעכען נאָך צוקויפען אַ ק"ן שטיקלעך „פּוטיוויל" מיט אַ פינף „מאַלצעווער" מיט נאָך אַביסעל „וואָלגע", און אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען — צו קויפען אַביסעל „טראַנספּאָרט", מחמת מע שרייבט פון פּיטערבאָרג, מע זאָל לביען השם קויפען „טראַנספּאָרט"! אַלע האָבען דאָ טראַנספּאָרט: אי־דען, ווייבער, דאָקטוירים, מלמדים, משרתים, דיענסטען, בעלי־מלאכות — ווער האָט ניט קיין „טראַנספּאָרט"? דאָ, אַז אַ איד בעגעגענט זיך מיט אַ אידען, איז דער ערשטער ברוך־הבא: „ווי אַזוי איז היינט „טראַנספּאָרט"?" קומסט אַריין אין אַ רעסטאָ־ראַציע, בעגעגענט דיך די בעל־הבית'טע: „ווי טייער איז היינט „טראַנספּאָרט"?" געהסט דו קויפען אַ פעקעל שוועבעלעך, פרעגט דיך דער קרעמער: „ווי טייער איז היינט „טראַנספּאָרט"?" הכלל, יעהופּעץ איז טאַקי אַ מקום פּרנסה. אַלע שפּעגעלירען, אַלע וואַק־סען, אַלע פערדיענען געלד, און איך אויך בתוכם! נאָר מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות.

לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים אַלע־מען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י . וואָס דו פרעגסט, וואָס טהו איך ביי־נאַכט אין בויבעריק, האָב איך דאָך דיר שוין געזאָגט, אז יעהופּעץ איז אַ שטאָדט, וואָס אַ איד טאָר דאָרט ניט זיין, סיידען אַ „פּער־וועגעלדיע“. אַז איך וועל זיך אָפּוויקלען מיט מיין „פּאָרטעפּעל“ און וועל זעהען די אונטערשטע שורה, וועל איך אַריינטראָגען „געלדיע“, וועל איך מעגען זיין אין יעהופּעץ גלייך מיט אַלע. לעת־עתה מוז מען זיך אויסבעהאַלטען, און קיין בעסערע בעהעלטעניש, ווי בוי־בעריק, איז ניטאָ. ס'איז איין אַיין ערטעל פון דאַטשעס. פאַרהאַן אַ סך דאַטשניקעס. די דאַטשניקעס לויפען, לויף איך אויך — היינט פער־שטעהסט דו שוין?

הנ"ל.

IV.

שיתה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד. געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז ביי אונז האָט זיך געטראָפען איין אומגליק מיט אַ גליק אינאיינעם. אונזער משה־הערשעלי האָט איינגעשלונגען אַ קאָפּיקע! איך בין געקומען פון'ם מאַרק, פרייטאָג איז דאָס געוועזען, געקויפט פיש, פרישע, צאַפּעלדיגע, זיך נאָך געוואָרפען, און דאָס קינד שרייט, ווערד צעריסען! איך שלאָג דאָס, איך הרג'ע דאָס — עס האַלט אין איין שרייען! „וואָס ווילסט דו? שלים־מזל! באַשעפעניש! נאַ דיר צרות מיינע! נאַ דיר אַ קאָפּיקע! נאַ דיר בויכוועהטיג!" קוים מיט צרות אַנשוויגען געוואָרען. אין עטליכע מינוט אַרום, איך טהו מיך אַ חאַפּ: „משה־הערשעלי! וואו איז די קאָפּיקע?" „ניטאָ טאַפּעטע!" — מאַכט ער צו מיר און ווייזט מיט'ן הענטעל אין מויל אַריין. איינגעשלונגען? אַ צרה איז מיר! אַ שלאַק איז מיר! איך נעם דאָס קינד, איך קוק דעם אין מויל אַריין, וועה און ווינד איז מיר! „משה־הערשעניו! נשמה מיינע! מיר זאָל זיין פּאַר דיינע ביינדעלעך! זאָג, וואו האָסט דו אַהינגעטהאָן די קאָפּיקע?" איך טרייסעל איהם, איך שלאָג איהם, קנייפּ איהם, מאַך איהם ברוין און בלוי — ער שרייט אין איין קול: „ניטאָ, האָם טאַפּעטע, האָם!" בקיצור, איך האָב איהם געבראַכט צום דאָקטאָר, האָט ער געהייסען

מע זאָל איהם געבען קאַרטאָפּלים. צוויי טאָג האָט מען דאָס קינד נעבאַך געמוטשעט, געשטאָפּט מיט גוואַלד, נישט קיין מילך, נישט קיין טרונק וואַסער, נאָר קאַרטאָפּלים, נאָר קאַרטאָפּלים, — איך האָב געמיינט, ס'איז איין עק פון מיין קינד! ערשט אויפ'ן דריטען טאָג, איך נעם אויפראַמען די שטוב, איך טהו אַ קוק אין בעט אונ־טער'ן קישען — ליגט ניט די קאָפּיקע? דאָקטוירים זאָלען אַזוי ווי־סען פון זייער געזונד, ווי זיי וויסען, ווער עס האָט זיי געשלייערט! נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג, ווי זאָגט די מאַמע: „אַ רעשטעל צו די צרות"... איך דאַרף האָבען צו טהון מיט זיינע קינדער, מיט דאָקטוירים, מיט רוחות און מיט שדים, און ער, דער גאָלדשפּינער, גאַרנישט, פליהט אַרום פון אַדעס קיין יעהופּעץ, פון יעהופּעץ קיין בוינעוריק! וואָס איז? אַ גדולה אויף איהם, אַ היץ: „פּאַפּיער־לעך!" „טראַנספּאָרטען!" „פּאַרטעפעלען!" האָט זיך איינגערעדט, אַז מע קאָן ווערען אין איין שמע־ישראל אַ נגיד! „איין איינרעדע־ניש, זאָגט די מאַמע, איז ערגער פון אַ קרענק"... נאַרעלע, וואָס וועסט דו מיר דערצעהלען גליקען, פּזמונות: „אַקציעס, שמאַקציעס, דעוועגדענט, מעדעוועגט" — ס'איז ווערטה איין אויסגעבלאָזען איי! מיט פינף פינגער ווערד מען ניט רייך. „אַז מע לעגט אַריין, זאָגט די מאַמע, קדחת, נעמט מען אַרויס אַ קרענק"... פערשרייב דיר, מענדעל, וואָס איך זאָג דיר, אַז אַלע דיינע יעהופּעצער לייט, וואָס דו שרייבסט, אַז זיי זענען מיט אַ מאָל בעגליקט געוואָרען, וועלען אם ירצה השם אין גיכען ווערען צוריק די אייגענע קבצנים, וואָס פריהער, נאָך מיט מעהר פרישקייט. וואָרום איך גלויב אַזוי אין דיינע „טראַנספּאָרטען" מיט דיינע „שמאַלצעווער", ווי אין דעם אַדעסער „לאָנדאָן"; אין כשוף און אין שרעטעלעך גלויב איך שוין אַ סך מעהר, ווי אין אַלע דיינע יעהופּעצער „פּאַרטעפעלען". אוי, אַ הונד זאָל אויפעסען מיין האַרץ, וואָלט ער משוגע געוואָרען, אַז איך זעה ביי לייטען ווייבער האָבען אויך אַ שטיקעל דעה ביי זיי־ערע מאַנען, מישען זיך אַריין אַמאָל מיט אַ וואָרט, טהוען אַ גע־שריי, אַ הוק, אַז עס וואַרפט מיט'ן מאַן דאָס נייעניעהריגע, נישט

אַזוי ווי איך דאַרף מיט איהם געהן מיט ווייבע רערעלעך, נישט רערוועגען זיך חלילה אַ קרום וואָרט, צי אויסשעלטען אַמאָל פאַר די בזיונות, וואָס איך טראָג דאָ איבער פאַר דיר, אַז איך דאַרף נאָך פאַר איטליכען בעזונדער מאַכען אַ פריילּיך פנים, ווי זאָגט די מאַמע: „אַ קניפּ אין באַק, די פאַרב זאָל שטעהן“... נאַר גוואַלד, מה אָנו מה חיינו? איך וועל אַזוי לאַנג צאַנקען און צאַנקען שטי־לערהייד, ביז איך וועל, שונאי ציון, אויסגעהן, ווי אַ ליכט מיינע שונאים, אָדער אַזוי חלילה צעזעצט ווערען פון גריזאָטע, צעזעצט און צעשפּרונגען זאָלען ווערען אַלע דיינע יעהופּעצער קנאַקערס, ווי עס ווינשט דיר היינט און אַלע מאָל פונ׳ם טיעפען האַרצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

שאַ, בערעל דעם פעטער מנשה׳ס האָט שוין אויף זיך אַ נייעם אומגליק: ער איז יענע וואָך אָפּגעברענט געוואָרען, אַרוים ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט. און איצט האָט ער נאָך דאָס לויפּעניש — שונאים האָבען איהם גע׳מסר׳ט: אַזוי ווי ס׳איז ביי איהם געווען „געסטרעכעוועט“ אַלסדינג דריי מאָל אַזוי פיעל, האָט ער דאָך מסתמא אַליין געמאַכט „בורא מאורי האש“. האָט מען איהם געררו־פען צום סליעדאָוואַטעל. בערעל איז אָבער אויך ניט פון די וואָס צעהן אַ דרייער; שטעלט ער עדות, וואָס געהען שווערען, אַז ער איז יענע נאַכט גאָר ניט געווען היע. דערווייל האָט מען איהם איינגעזעצט, און זלאַטקע איז פאַר שרעק געלעגען געוואָרען און גע־האָט אַ זיעבעלע. מזל טוב!

V.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל איז כתריל‌עווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפען, מע זאל תמיד הערכען איינס פונ'ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז איך געה שוין קיין ווארשא. ווערסט דאך מיך וועלען פרעגען מסתמא, אז ווי באלד אז איך זיץ אין יע־הופעץ און האנדעל מיט פייטערבארג, היינט ווי קום איך קיין ווארשא? זאלסט דו גאר קיין יסורים ניט האבען: ווארשא איז אויך א שטאדט! ווארשא האט אויך פאפיערלעך, און נאך וואסע־רע פאפיערלעך! אויף ווארשא זענען שפעגעלאנטען גליקליך גע־ווארען! ווארשא איז ניט פייטערבארג; ווארשא שמייסט מיט הונדערטע"ס! ווארשא איז זיך מיישב ערשט יענע וואך און הויבט־אויף „לילעפוטען" פון צוועלף הונדערט אויף צוויי טויזענד! נו, פרעג איך דיך, געה זעץ זיך אנידער און קויף ניט אזא פאפיערעל! צי, למשל, „וועגעלעך". געשטאנען אט ערשט, פריהער מיט א וואך דריי, פערצעהן הונדערט. וויפיעל, מיינסט דו, שטעהען זיי היינט? צוויי טויזענד. און דוקא אהן דעם קאפאן!! מע דארף דאך זיין, דאכט מיר, א רוצח, מע זאל ניט אוועקגעהן קויפען קיין „וועגע־לעך"! היינט האט דיר ווארשא גלאט א מעלה: זי פאדערט נישט קיין געלד; זי וויל נישט וויסען פון קיין „דעפא". דו ווילסט הא־בען „לילעפוטען", „וועגעלעך"? צאהל איבער א פאר הונדערט רובעל אויפ'ן קורס און מאך דיר א „פרעמיע" אויף „אולטימא":

אויף אונזער לשון הייסט דאָס ביז ראָש־חודש. **עס וועט קומען** ראָש־חודש, וועסט דו דעמאָלט האָבען די ברירה: צי נעמען די פּאַפּיערלעך, צי ניין. נאָר ווער וועט דיך לאָזען וואַרטען אויף ראָש־חודש? דערויף האָט דאָך גאָט געשאַפען מעקלערס אויף דער וועלט, זיי זאָלען נישט לאָזען דורכגעהן די גאָס: „אפשר האָט איהר „לילעפּוטען"? אפשר האָט איהר „וועגעלעך"?" אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז זיי גיבען־דיר עפּיס „פון אויבען" און נאַרען־אויס ביי דיר דיינע פּאַפּיערלעך. אָט האָבען זיך ערשט נעכטען צונויפגעשעפּעט צו מיר צוויי אַדעסער מעקלערס; איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיי האָבען זיך נאַסיאַדעט, איך זאָל זיי אָפּגעבען מיינע „לילעפּוטען" מיט מיינע „וועגעלעך". געפונען דעם אָרט, וואו אויסצונאַרען סחורה! „ברידערלעך, — טענה איך צו זיי — איך האָב ניט. איך זאָל אזוי ריין זיין פון שלעכטס!" הקיצור, איך האָב מיך מיט זיי אזוי לאַנג געראַנגעלט, ביז זיי האָבען פאַרט אויסגענאַרט ביי מיר מיינע פינף „לילעפּוטלעך" מיט די פינף „וועגעלעך", נאָר וואָס דענן? איך האָב זיי אָבער אויך גוט אָפּגעטהאָן. איך האָב מיך באַלד „אָפּגעדעקט", איך האָב „אַריבערגעשמיסען", און צו גאָט אַ האָפענונג, איך וועל, אם ירצה השם, חאַפּען אַ פון־אויבען, וואָרום עס געהט מיר, קיין עין־הרע, די לעצטע צייט אזוי, אַז וואָס איך קויף היינט, ווערד מאָרגען טהייערער; אַלע זאָגען, אַז איך בין אַ מוצלח! לאָז גאָט געבען, דאָס „[illegible]ולטימאָ" אין וואַרשאַ זאָל אָפּלויפען גלאַט, ווערד ביי מיר פריי דער גאַנצער „פּאַרטעפעל", דעמאָלט טראָג איך מיך איבער אין איין אַנדער קאַנטאָר, וואָרום אין דער קאַנטאָר, וואָס איך אַרבּ־יט אַצינד, איז פאַרהאַן, קיין עין־הרע, אזוי פיעל אידען, אַז מע ווייסט ניט וואו מע איז אין דער וועלט. יענע וואָך איז שיער אַרויס אַ גאַנצער שקאַנדאַל: עס האָט שוין געהאַלטען כמעט ביי פּעטש, דאָס הייסט, איינער פון אונז האָט געחאַפּט אַ פּאַטש... נאָר מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען

מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס אַלעמען בעזונדער גאָר פֿריינד־ליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו שרייבסט מיר מכח בערעל דעם פעטער מנשה'ס, איז ביי מיר זעהר צו גלויבען: ביי אייערע בתרילעווקער פּרנסות קאָן זיך קיין סוחר אַנדערש נישט אויסהאַנד־לען. זעהסט דו, ביי אונז אין יעהופּעץ קאָן זיך שוין אַזאַ מעשה נישט טרעפען. ראשית, איז דאָ איטליכען בעזונדער, קיין עין־הרע, זעהר גומ; והשנית, אַז עס מאַכט זיך דאָ חלילה אַ שׂרפה, לעשט מען דאָ גאָר אַנדערש, היינו: נאָך איידער עס הויבט אָן צו נעצען, לויפט שוין די קאָמאַנדע מיט די מעשענע קיווערס, שפּרינגען אין פייער אַריין און שפּריצען מיט דער קישקע. דו וואָלסט געמעגט זיך פערגינען אָנקוקען אין יעהופּעץ אַ שׂרפה!

הנ"ל.

VI.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך האַלט, אַז דו ביזט שוין חלילה פאַרמאַלנע משוגע, מעגסט שוין באַלד אָנהויבען לויפען אין די גאַסען. קאַרג פאַר איהם וואָס מע קען איהם אין אַדעס, אין יעהופּעץ, אין בויבעריק, בעדאַרף ער נאָך האָבען, אַז אין וואַרשא זאָל מען אויך וויסען, אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ מנחם־מענדעל, וואָס פערנעמט זיך מיט הענדעל; אַמאָל האָט ער געהאַנדעלט מיט „לאָנדאָן", און היינט האַנדעלט ער מיט אַלטע פּידקאָוועס, אָפּגעשלאָגענע הושענות, עפּיס „פּאַפּיערלעך", „פּאַרטעפּעלען", „וועועלעך", „פּיפּערנאָטערס", וואָס מע דאַרף נאָך געהן זוכען. עס אַזש אין וואַרשאָ, און זיך נאָך שלאָגען איבער דעם. הלואי, רבונו של עולם, זאָל זיך געפינען אַ חכם, וואָס זאָל דיר אַרויסשלאָגען דעם נאַר דיינעם, זאָלסט ניט אין זינען האָבען דאָרטען דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואָס, בעת דאָ אין דער היים האָסט דו אַ ווייב ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וואָס האָט צו טהון מיט די קינדער זיינע טאָג ווי נאַכט, טאָ דאָס, טאָ דאָס! ערשט נעכטען שיער אָפּגעקאָכט אַ קינד מיט זודיג וואַסער פון אַ דורכשלאַג. אַ גליק, וואָס ניט אויפ'ן גאַנצען קעפּעל, ווי זאָגט די מאַמע: „צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבען מזל!"... און ער—גאַרניט, שפּאַציערט דאָרט

אַרום אויף שרפות, אַ גדולה אויף איהם: יעהופּעץ ברענט, פּער־ברענט און פּער׳שרפה׳ט זאָל דאָס דיר ווערען מיט וואַרשאַ און מיט פּייטערבאַרג אינאיינעם, ליעבער גאָט! ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצען, דער באָדט זיך אין מיין בלוט. איך קאָן דען דורכ־געהן די גאַס אַפילו? יעדער טייט אויף מיר מיט די פינגער: „אָט געהט זי, מנחם־מענדעל׳ס פלונית׳טע פון יעהופּעץ!“ אַ שענער נאָ־מען, אַז אָך און וועה איז מיר! לעבען זאָל טאַקי די מאַמע מיינע. זי טענה׳ט איינס: „אַ מאַן, זאָגט זי, טאָר מען נ̇יט אָפּלאָזען אויף קיין מינוט, דען, זאָגט זי, אַז דער טעסער זיצט אויף די שפּענער, זענען די שפּענער — שפּענער... איך האָב, זאָגט זי, פריהער גע־וואוסט, אַז קיין גוטער סוף וועט דערפון נישט אַרויס; אַ געלד־שרוך, זאָגט זי, האָט זיך מיר פערגלוסט, ווי זאָגט מען: חזיר, האָסט געלד? זיי מיין מחותן!... אַ שמאַלץ־גרוב, זאָגט זי, די שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלייבט איבער. בריוולעך, זאָגט זי, וואָלט איך איהם געשריבען? פון קדחת וואָלט איך איהם געשרי־בען! ווער עס פערשטעהט ניט אויפ׳ן וואונק, זאָגט זי, דעם גיט מען מיט׳ן שטעקען... איך וואָלט איהם, זאָגט זי, אויף אַ בעזעם אַראָפּגעבראַכט אהיים! אויף אַ קאָטשערע!“... זאָג אפשר, אַז זי איז אומגערעכט? נאָר וואָס זאָל איך טהון, אַז איך בין, משטיינס געזאָגט, אַזאַ ציעג, אַז וואָס מע זאָגט מיר איז רעכט, און וואָס מע וויל פועלט מען ביי מיר! איין אַנדערע אויף מיין אָרט, למשל, ב ל י ו מ ע ־ ז ל א ט ע ; וואָלט שוין לאַנג געוועזן אין יעהופּעץ ביי אַלע רבנים און דיינים, דיך אָנגעפּאַלען אין גאַס און געגעבען דיר אַ וויסטען, אַ פינסטערען סוף, אַז דו וואָלסט פערגעסען אַביִלו, צי דו הייסט מנחם־מענדעל, און צי דו האַנדעלסט מיט פּיפּערנאָ־טערס... מאָהל דיר, דיינע גילדענע געשעפטען מיט די גליקען, וואָס דו האָפּסט דאָרטען, זעהט מען שוין אַרויס פון די מתנות, וואָס דו שיקסט מיר איבער פון יעהופּעץ; די דימענטען מיט די בּאַרליאַנ־טען, מיט די געשטיקטע העמידער, מיט די געשטעפּטע קאָלדרעס, אַ הלוויינהייט? איך זאָג דיר מיט גוטען, בעלי היקר, איך קאָן

דאָס שוין מעהר ניט אויסהאַלטען! איינס פון דיביידע: אָדער קום צו פאָהרען וואָס גיכער אַהיים און זיי אַ מענש גלייך מיט אַלע־מען, אָדער לאָז קומען אַ מיתה משונה אויף מיינע שונאים, און לאָז דאָס האָבען אַיין עק. ווי עס ווינשט דיר היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

VII.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת בין א׳. דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז איך קנאַק און פליה, איך ברען, איך שפּרינג אין פייער, איך וואַכס, איך וואַכס! אַ סך זענען מיר מקנא, ווארום וואָס איך קויף היינט, ווערד מאָרגען טייער. „ווע־נעלעך" האָבען זיך אַ רוק געטהאָן נאָך אויף צוויי הונדערט רובעל, און מיינע „לילעפּוטען" שטעהען שוין, ברוך השם, אויף יענער זייט דריטהאַלבענטויזענד; נאָר מיר לוינט נאָך נישט צו פערקוי־פען, ווייל אַלע זאָגען, אַז עס וועט נאָך געהן און געהן. ס'איז גאָר אַ סברא, אַז „אויסלאַמד" האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף אונזערע פּאַפּיערלעך. מע מאַכט אַ „סענדעקאַט", דאָס הייסט, יד אחת, מע וויל זיי אויסקויפען עד לפ"ק, נישט איבערלאָזען אַפילו אויף אַ רפואה! ווערסט דו דאָך מסתמא פרעגען: פאַר וואָס? גאַנץ פּשוט! געלד. פערשטעהסט דו מיך, איז היינט פאַרהאַן ביי דער וועלט אָהן אַ שעור; עס וואַלגערט זיך אין די גאַסען; פּריצענט איז בזיל הזול — פיער־פינף לשנה איז פאַר אונז איבערגענוג; היינט אַז עס טראָגט גאָר צעהן־פופצעהן, איז דאָך דאָס טאַקי אַ גליק! און וואָס דו זאָגסט „לילעפּוטען" (נישט, ווי דו רופסט עס אָן, „פּיפּערנאָ־טערס"), האָב איך דיר שוין געשריבען, אַז דאָס איז אַזאַ מין פּאַפּיער־

רעל פון אַ פאַבריקע, וואָס מע אַרבייט דאָרטען אייזענבאַהנען און
מע גיט דערויף „רעוועגדענט“. די אײַזענבאַהנען זענען אין סימ־
ביר, די פּאַפּיערלעך זענען אין וואַרשאָ, און די קונים זענען אין
יעהופּעץ, — היינט פערשטעהסט דו שוין? דאָס אייגענע איז מיט־
די „וועגעלעך“, מיט „פּוטיוויל“ און מיט „טראַנספּאָרט“. נאָר דו
קעהרסט מיינען, אַז מע קויפט פּאַפּיערלעך, קוקט זיי עמיצער אָן
אין די אויגען? האָסט דו ווידער אַ טעות. מע מוז דיר קלאָר מאַ־
כען אַקוראַט, זאָלסט פערשטעהן דאָס געשעפט. למשל, עס פער־
גלוסט זיך דיר קויפען „טראַנספּאָרט“; געהסט דו אַריין אין אַ
קאַנטאָר, טראַגסט אַריין אין קאַסע עטליכע קערבלעך אַ „דעפּאָ“,
און דו הייסט דיר פערשרייבען אַביסעל סחורה, און מע גיט דיר
אַרויס אַ בריוועל, אַז מע האָט אייַנגעקויפט פון דיינעטוועגען אַזוי
פיעל און אַזוי פיעל „טראַנספּאָרט“, אויף אַזאַ און אַזאַ מקח מיט
אַזאַ און אַזאַ „דעפּאָ“, און באם הלילה עס פאַלט אַראָפּ, ביזט דו
מחויב צוטראָגען נאָך געלד; — נאָר ס'איז בלאָטע, ניט אַזוי איך
פאַלט דאָס אַראָפּ, און מע בעדאַרף ניט צוטראָגען קיין געלד;
אַדרבה, עס הויבט זיך גאָר אויף! אָט אזוי אַרבייט איך. כסדר און
מאַך, ברוך השם, הלואי ווייטער ניט ערגער גאָט זאָל העלפען,
איך זאָל מיך קאָנען אָפּרייסען אויף אַ פּאָר טאָג, וואָלט איך זיך
אַראָפּגעכאַפּט קיין וואַסילקאָוו און וואָלט אַריינגעטראָגען „געלדיע“;
דעמאָלט וואָלט איך פערשפּאָרט זיין נע־ונד, ביי־טאָג אַ יעהופּע־
צער און ביי־נאַכט אַ בויבעריקער. אַלע מעקלערס זענען היינט גע־
וואָרען „קופּצים“. זאָלסט זעהן ווי מע לעבט, ווי מע עסט! היינט
די דאַמעס זייערע מיט די דימענטען און בריליאַנטען — איך האָב
מיך צעפרעגט, וואו קויפט מע דאָ בריליאַנטען, און האָב בעטראַכט
פון דיינעטוועגעז דאָרטען אַ פּאָר זאַכען, זאָג איך דיר, אַז ניט נאָר
ביי אייך אין כתרילעווקע, אַפילו ביי אונז אין יעהופּעץ וועט דאָס
אויך אָנמאַכען אַ רעש! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך
איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך
דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען

מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. דו מיינסט, אפנים, זוגתי היקרה, אז איך בין איינער אויפ'ן יריד, וואָס איך האַנדעל מיט פּאַפּיערלעך? בראָצקי האַנדעלט אויך דערמיט. דער חילוק איז: איך, אז איך געה קויפען פּאַפּיערלעך, בעדאַרף איך פריהער אויסרעכענען ווי־פיעל מיין מאָגען קאָן פּערדייען, און בראָצקי, אז ער טהוט א קויף פּאַפּיערלעך, קויפט ער מיט א מאָל טויזענד שטיק, פינף טויזענד שטיק, צעהן טויזענד שטיק. דו שפּיעלסט זיך מיט בראָצקי'ן? יענער, אז ער פאָהרט דורך אין דער קאַרעטע, ציטערט דער „קרעש־טשאַטיק", און אַלע אידען נעמען אראפּ די היטלען, און איך אויך בתוכם. שען וואָלט זיין, ווען איך ווער אמאָל א בראָצקי!...' אַז גאָט וויל, נאַרעלע...

הנ"ל.

VIII.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, „אַז פון אַ חזיר'שען עק, זאָגט די מאַמע, קאָן מען קיין שטריימעל ניט מאַכען"... איך שמועס עס קעגען דיין שענער שוועגערין, קעגען דיין יענטלען טאַקי, ברענען זאָל זי דיר אויפ'ן פייער! זי איז זיך מיישב יענע וואָך און לאָזט אַרויס אַ קלאַנג איבער דער גאַנצער שטאָדט, אַז דו ביזט אַוועק קיין אַמעריקע און מיך האָסט דו, ניט דערלעבען וועט זי דאָס, אַוועקגעוואָרפען איין אַלמנה חיה. פון וואַנען, זאָגט זי, האָט זי דאָס גענומען? שרה־נחמה האָט געהערט פון לייזי־הערשקע־אברהמ'ס מויל, אַז ברוך־בן־ציונ'ס האָט אַליין געזעהן ביי משה־שמואל'ן אַ בריוועל, וואָס מאיר־מאָטעל שרייבט איהם פון אַמעריקע. לויף איך דאָך אַוועק צו משה־שמואל'ן: וואו איז דאָס בריוועל? פרעגט ער מיך: וואָסער בריוועל? זאָג איך: וואָס מאיר־מאָטעל שרייבט אייך פון אַמעריקע. זאָגט ער: ווער האָט אייך געזאָגט? זאָג איך: ברוך־בן־ציונ'ס. זאָגט ער: ווי האָט אייך געקאָנט זאָגען אָט דער שקרן, אָט דער כזבן אַזאַ מעשה, אַז איך רעד ניט מיט איהם שוין העבער אַ יאָהר? לויף איך דאָך אַוועק פון דאָרטען צו ברוך־בן־ציונ'ס מיט אַ צעיושעטען קאָפּ. לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז ער איז גאָר נישטאָ אין כתרילעווקע שוין די דריטע וואָך. פליה איך דאָך פון דאָרטען אַוועק מסתמא צו

לייזי־הערשקע־אברהמ׳ס און געב איהם אוועק א פּאַרציע, ווי עס געהער צו זיין. למאי האָט ער דערצעהלט שרה־נחמה׳ן אזא פּזמון מיט א בריוועל, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען? קוקט ער מיך אָן, ווי א משוגענע: וואָסערע פלוימען? לאָזט זיך אויס א מעשה, אז דאָס האָט זי טאַקי אליין, דיין יענטעל הייסט עס, די כּפּרה זאָל זי זיין פאר אונזביידען, אויסגעטראַכט פון׳ם קאָפּ. א הולטייקע קאָן! נאָר עס קריכט דיר שטאַרק אין קאָפּ אריין אודאי וואָס איך שרייב דיר, אז דיר ליגען גאָר אין זינען מסתמא דיינע יע־הופּעצער דאַמעס, צע׳דמ׳ט און צעבלוטיגט זאָלען זיי דיר ווערען מיט זייערע באַרליאַנטען! הערסט דו, מענדעל! איך קאָן ניט הערען זייער נאָמען אַפּילו, אזוי פיינד האָב איך זיי! עס איז מיר שוין נמאס אפילו די מתנה דיינע, וואָס דו ווילסט מיר דאָרטען קויפען! איך זאָג דיר פריהער, בעלי היקר, אויב דו ווילסט מיר עפּיס קויפען, זאָלסט דו מיר קויפען אַזעלכעס, וואָס מע טראָגט דאָרט ניט; איך דאַרף ניט, דו זאָלסט מיך פערגלייכען צו עמיצען, לאָזען זיי דיר זיין מיין כּפּרה היינטיגען טאָג! נאָר לאָמיך שוין דערלעבען זעהען טאַקי עפּיס פון דיר אויף דער רעכטער אמת, ניט אויף פּאַפּיער, ווי זאָגט די מאַמע: „ווינציגער מיט א וואָרט, מעהר מיט די כיכען״... וואָס טויג דיר אָפּלעגען אויף מאָרגען, נאַרעלע? ביי אזא געשעפט, אז מע רייסט נישט אָפּ מיט גוואַלד, האָט מען ניט! נאָר מעגסט דיר זאָגען וואָס דו ווילסט, ביז איך וועל נישט זעהען אַליין מיט מיינע אויגען, וועל איך דיר נישט גלויבען; נישט מחמת איך האַלט דיך חלילה פאר א ליגנער, נאָר דערפאַר ווייל אַלסדינג, וואָס די יעהופּעצער פיינע מענשלעך דערצעהלען דיר, מיינסט דו, אז ס׳איז תורת לאָקש. וואָס גלייכסט דו זיך צו בראָצ־קי׳ן? האָסט מיט זיי אינאיינעם חזירים געפּאַשעט? מע גיט דיר פאַר דיינע פּאַפּירלעך עפּיס געלד — נעם! וואָס מאַכסט דו אָנ־שטעלען? די אדעסער שאַרלאַטאַנעס האָבען געטראָפען צו דיר קיין בויבעריק אזש, געוואָלט אויסנאַרען ביי דיר דעם טייערען אָנ־מיק? — מיט מזל ברכה! פאַר זיי די מציאה! ווי זאָגט די מאַמע

מיינע: „האַפּ אויס די יאַרמעלקע מיט נים און אַנטלויף“... נאָר געה רעד מיט אַ משוגע'נעם! אָט האָט זיך איהם פּלוצים פערוואָלט ווערען אַ קופּעץ, און נאָך אַ וואַסילקאָווער דערצו! ער ווייסט שוין גאָרנים וואָס איבערצוטראַכטען פאַר גרויס ראָסקאָש! וואָס איז דיר עפּיס געפעלען געוואָרען וואַסילקאָוו? נאָר וואָס איז דאָס הידוש: אַז ביי־טאָג איז מען אַ יעהופּעצער, ביי־נאַכט אַ בויבעריקער, און געהן געהט מען קיין פּיטערבאַרג און קיין וואַרשאַ, מעג מען שוין זיין נישט נאָר אַ וואַסילקאָווער נגיד — אַפּילו פון האָצעפּלאָץ. מענדעל, זעה נאָר, אַז פון אַלע גליקען זאָל איך דיר נישט דאַרפען חלילה אַרויסשיקען פון דאַנען נאָך אַ מאָל אויף־דער הוצאה, ווי עס ווינשט דיר הייגט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדעל.

איך דאַרף דיר, בעלי היקר, אָנזאָגען אַ בשורה, און נישט קיין פרייליכע: דיין ברודער בערעל־בנימין איז געבליבען איין אַלמן... שוין אַז דער בריעף איז געוועזן פער'חתמ'ט איז מען געקומען און מע האָט אונז געזאָגט, אַז יענטעל איז געשטאָרבען. פון אַ קימפּעט איז דאָס איהר געקומען, זי האָט געהאַט אַ צווילינג. דאָס צווילינג לעבט, און זי איז געשטאָרבען. דאַכט מיר, עס וואָלט געמעגט זיין דאָס אייגענע קאַפּויר? ווי זאָגט די מאַמע: „גאָט איז אַ גרויסער צו־להכעיס'ניק“... לאָז זי זיין ווייט אָפּגעשיידט פון מיר. דיין שוועגערין איז תמיד געוועזן מיט מיר קידער־ווידער, לאָז זי מיר מוחל זיין, נאָר אויף מיין ערד איז זי דאָך ניט געגאַנגען. וואָס וואָלט מיך אהרען, אַז זי זאָל לעבען נאָך הונדערט יאָהר און נישט איבערלאָזען קיין זיעבען יתומים'לעך, איינס קלענער פונ'ם אַנדערען? ביי דער לויה בין איך דוקא געוועזן און האָב מיך דוקא אַזוי אָנגעוויינט, אַז איך בין קוים געקומען אַ לעבעדיגע אַהיים. ווי זאָגט די מאַמע: „אַז מע דערמאַנט זיך אינ'ם טוידט, איז מען ניט זיכער מיט'ן לעבען“...

IX.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז איך בין אַ גאַנצע וואָך געלעגען אין בויבעריק, דאָס הייסט, חלילה נישט מסוכן, נאָר אַ פּאַסקודנע שלאָפקייט: איך בין געפאַלען אויפ'ן רוקען, קאָן זיך נישט איבער־קעהרען אויף דער אַנדערער זייט. איצט איז מיר שוין אַביסעל גרינגער. איך האָב געמיינט די גאַנצע וואָך, אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען: אַ קליינינגקייט, אַכט טאָג כסדר זיין אָפּגעריסען פון דער בערזע, נישט וויסען פון קיין קורסען? עס האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזען, אַז דאָרט קעהרט זיך איבער די וועלט! אם ירצה השם, מאָרגען־איבערמאָרגען פאָהר איך שוין געווים אין שטאָדט אריין. דערווייל שרייב איך דיר אַ בריוועל, עס ווילט זיך מיר אַביסעל דורכשמועסען מיט דיר, און אַגב דיר געבען אַ ריכטיגען חשבון, וואו איך האַלט, זאָלסט נישט מיינען, אַז איך „פלוטעווע", אַז איך בין חלילה פערדרעהט אָדער איך בין גענאַרט. מיין „פּאָר־טעפעל" בעשטעהט אַצינד סך־הכל פון הונדערט פופציג שטיקלעך „פּוטיוויל", הונדערט שטיקלעך „טראַנספּאָרט", פינף „מאַלצעווער", פינף „לילעפּוטלעך" און פינף „וועגעלעך", אַ חוץ „פּרעמיעס". מילא, „פּוטיוויל" און „טראַנספּאָרט" איז ביי מיר פערקויפט אויף שפּעטער (מיט אַ דרייערעל האַנדגעלד); ווי באַלד מע קויפט זיי

ביי מיר אויס צום זמן; — און אויסקויפען וועט מען זיי דאָך גע־
ווים — בלייבט מיר איבער אויף זיי ריין פּערדיענסט נאָך אַלע
הוצאות אַ רובעל פיער־פינף טויזענד. חוץ לזה, האָב איך אַ פּאָר
צעהנדליג „האָסלעך" אויף „פּוטיוניל" און אויף „מאַלצעווער", פּרי־
מיאַ בריוועלעך, — רעכען איך האַפּען אויף זיי אויך אַ רובעל זיעבע־
צייהן־אַכטצעהן הונדערט. האָסט דו שוין כמעט גוטע זיעבען טוי־
זענד רובעל. אויף די פינף „מאַלצעווער" מזומן רעכען איך אויף
טרפות פיער טויזענד רובעל, וואָרום עס וועט דאָך זיין אַ חרפה,
אַ בזיון, אויב זיי וועלען ניט שטעהן אין גיבען, צום וועניגסטען,
צוויי טויזענד רובעל אַ שטיק, חאָטש אפילו זיי האָבען זיך די לעצ־
טע טעג אַ קאַפּעלע אַראָפּגערוקט; נאָר דאָס איז נישט מעהר ווי
אַ מאַניפּאָרגעלע פון די פּייטערבאַרגער „בלאַנקיסטען", בכדי זיי
זאָלען זיך קאָנען „אָפּדעקען"! בלייבט איבער דער רעכטער שפּיע־
געל: איך מיין די „ליליפּוטלעך" מיט די „וועגעלעך"; דאָ איז
אַ ריינער חשבון, ווי גאָלד: ביז „אולטימאָ" האָבען מיר נאָך אַזוי
גרוים ווי אַכטצעהן טאָג, און אַזוי ווי די „ליליפּוטלעך" הויבען
זיך אויף הונדערט רובעל אַ טאָג, האָסט דו אַ קיימאַ־לן פון אַכט־
צעהן מאָל הונדערט גע'כפּל'ט אויף פינף, בעטרעפט דאָס פּונקט
גייען טויזענד רובעל. און די „וועגעלעך"? זיי שפּרינגען דאָך אויף
ק"ן רובעל אַ טאָג, — האָסט דו אַכטצעהן מאָל ק"ן גע'כפּל'ט אויף
פינף, — בעטרעפט דאָס ניט קיין דרייצעהן טויזענד פינף הונדערט
רובעל? היינט וואו איז עבים „וואָלגע"? „דניעפּר"? „דאָן"? און
שאר ירקות? הכלל, גאָר קיין גרויסען בייטעל נעה איך מיר נישט,
נאָר איך רעכען אַלסדינג, שוין נאָך אַלע הוצאות: „קאַרטאַזש",
„גנבה'זש" אַרום און אַרים, — קרוב צו פערציג־פופציג טויזענד!
השם יתברך זאָל העלפען, דאָס „אולטימאָ" זאָל נאָר אָפּגייען גלאַט,
וועל איך, אם ירצה השם, „ראַליזירען" אַלע מיינע פּאַפּיערלעך און
וועל מיך „איבערקעהרען אויף דער אַנדערער זייט", דאָס הייסט,
איך וועל געהן „אַ־לאַ־בעס", ווערען אַ מוכר אויף אַלסדינג, און וועל
פּערדיענען געלד אויף דער „ליגקער זייט"; נאָבדעם וועל איך

מיך א וואָרף טהון צוריק „א־לא־האָס“ און ווידער א מאָל האפען א גראָבס. אזוי, אז דער אויבערשטער זאָל נאָר וועלען, קאָן פון די פופציג טויזענד ווערען מאה אלף, פון די מאה אלף — רי“ש אלפים, פון די רי“ש אלפים — ת“ק, און אזוי ווייטער, ביז א מי־ליאָן. ווי אזוי זשע דען, נארעלע, ווערד מען א מיליאָנשטשיק, א בראָצקי? און וואָס, מיינסט דו, איז בראָצקי? א בשר־ודם, וואָס עסט און טרינקט און שלאָפט. איך האָב איהם אליין געזעהן, איך זאָל אזוי זעהען אלדאָס גוטס!... הכלל, זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבען, זוגתי היקרה, איך האָב מיך גוט צוגעקוקט צו דער שפּעגעלאציע און בין געוואָרען אויף דער בערזע אזא חריף, אז מע קומט שוין א מאָל צו מיר, נישקשה, מיט איין עצה; מיט גאָטס הילף, איך פערשטעה דאָס שפּיעל! און וואָס דו גלויבסט נישט און הייסט מיר אָפּשניידען, איז ביי מיר קיין חידוש ניט. למאי חינקים? פאַרהאַן ביי אונז א שפּעגעלאַנט, חינקים רופט מען איהם, זעהר א הייסער שפּעגעלאַנט און א מורא׳דיגער קאָרטענשפּיעלער; ביי־טאָג שפּיעלט ער אויף דער בערזע, און ביי־נאַכט שפּיעלט ער אין קאָרטען. האָט זיך געטראָפען מיט איהם א מעשה ערשט יענע וואָך. עס האָט זיך איהם ביי־נאַכט גע׳חלומ׳ט א שלעכטע קאָרט, — א סימן אויף א „בעס“ — איז ער אוועק קיין פּיטערבאַרג און קיין וואַרשאָ און האָט אָפּגעשניטען אין איין טאָג דעם גאַנצען „פּאָרטע־פעל“; אודאי רייסט ער איצט נעבאַך אויף זיך די האָר! א מצוה אויף איהם! לאָז ער ניט גלויבען אין חלומות! איך קוק שוין ארוים אויף מאָרגענדיגען טאָג, געוואָהר ווערען די קורסען. איך האָב מיך בעשלאָסען, תיכף ווי באַלד איך קום אין שטאָדט אריין, זיין ביי׳ם יובעלירער נאָך דיין „בראָש“ מיט די באַרליאַנטענע אויהרינגלעך. און אז איך וועל נאָר האָבען צייט, חאַפּ איך מיך אראָפּ אויף „פּאַראָל“ איינקויפען דיר אַביסעל וועש, טישטיכער, האַנדטיכער, און די קינדער אויף העמדלעך, און נאָך עפּיס אין בעל־הבתישקייט אריין, נישט ווי דו זאָגסט, אז איך האָב דיך חלילה פערגעסען. און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס

בקיצור. אם ירצה השם, אינים אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויס־שרייבען אלסדינג באריכות. לעת־עתה זאל גאט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. קוש די קינדער און גיים שווער אין שוויעגער און אלעמען בעזונדער גאר פריינדליך. און בערעל־בנימינ׳ען זאלסט דו זאגען פון מיינעטוועגען, אז ער זאל זיך אזוי ניט נעמען צום „קע“, אין „אקע“ אדער גאר אין „טערטעל־מערטעל“.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואס דו שרייבסט מיר מכח וואסיל־קאוו, האסט דו, אפנים, גארנישט פערשטאנען, וואס איך מיין. אזוי ווי מחמת איך טאר דא ניט זיין, וויל איך ווערען א היגער קו־פעץ, קאן מען אנדערש נישט אויספיהרען, כיידען מען איז פריהער חאטש א האלב יאהר א וואסילקאווער נכתב. און קוים ווער איך א היגער, דינג איך, אם ירצה השם, א דירה אויף פאדאל און נעם ריך ארויס אהערצו מיט די קינדער אין א גוטער שעה. און וואס דו ביזט אזוי אויפגעטראגען אויף יעהופעץ, איז נאר דערפאר, ווייל דו קענסט נאך נישט די שטאדט מיט די היגע מענשען; מילא די שטאדט אליין, שמועסט מען נישט — ס׳איז א צאצקעלע, און די מענשען די היגע זענען ממש גאלד און זילבער; ווייס איך, ווי קומט דאס צו ארעם? די היגע מענשען זענען אלע אזוי מילד, אזוי צוגעלאזט, סאי די מאנסבילען, סאי די נקבות... איין שטיקעל הסרון האבען זיי דא, וואס זיי האבען ליעב א קערטעל; קומט די נאכט — נעמט מען זיך צו דער ארבייט און מע זיצט אוועק ביז טאג און מע שרייט: „פאס!“ די גרויסע שפיעלען אין אזא שפיעל, וואס הייסט „פרעפעראנץ“, און די קליינע שפיעלען אין „סטוקעל־קע“, אין „אקע“ אדער גאר אין „טערטעל־מערטעל“.

ה נ״ל.

X.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד. געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, זאָלסט גאָר נישט איבערטראַכטען. חלילה קיין שלעכטס, עס קומט דיר מזל־טוב: דער בראַטישעק דיינער, דיין בערעל־בנימין, האָט שוין חתונה געהאַט, אין אַ גוטער שעה, אַ מזל'דיגער! ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו וואַרטען אַפילו גאַנצע צוויי חדשים: ער איז אוועקגעפאָהרען קיין באַרדיטשעוו, פון וואַנען מע בעציהט אויף דער גאַנצער וועלט שטיפמאַמעס, און האָט אַראָפּגעבראַכט פאַר זיינע קינדער אַ מאַמע, און דוקא אַ מיידעל פון אַ יאָהר נייענצעהן! אַזאַ יאָהר, אַזאַ מזל אויף אַלע מאַנסבילען, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס האָט! ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „בעסער זאָלען מיר בלייבען נאָך אייך אַלמנות, איידער איהר זאָלט מאַכען אונזערע קינדער פאַר יתומים!"... איך שטעל מיר פאַר דיינע טרערען, מענדעל, ווען דו זאָלסט מיך, אַשטייגער, חלילה איבערלעבען, ניט דערלעבען זאָלען דאָס די יעהופּעצער דאַמעס! זיי וואָלטען דיך בעפאַלען, ווי די ביענען, איין אויסהאַפּעניש וואָלט אויף דיר געקומען נאָך פאַר שלשים! עס וואָלט געוועזען ביי דיר, ווי די מאַמע זאָגט: „אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ען לעפעל". וואָלסט שוין דיזמאָלט געקאָנט בלייבען אַ יעהופּעצער אויף אייביג! דו קנאַקסט. זאָגסט דו, מענדעל?

קנאַק! פליה! שפּרינג אין פייער! איך וועל צו דיר נישט פאָהרען, איך זאָל וויסען, אַז דו ליגסט דאָרט אויפ׳ן טוידטען בעט! און דיינע פופציג טויזענד שרעקען מיך אויך קאַרג וואָס. ערשטענס, ביזט דו מיינער מיט די פופציג טויזענד, אַזוי ווי אָהן די פופציג טויזענד. און, צווייטענס, האָבען ביי מיר דיינע פופציג טויזענד אַ ממש, פונקט ווי אַ שמעק טאַבעקע, ווי זאָגט די מאַמע: „כל זמן דאָס געלד איז אוינ׳ן פּאַפּיער, איז דאָס פּאַפּיער“... איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, בעלי היקר, אַז דו האַסט איצט ביך איבערצוצעהלען עטליכע קערבלעך און ווילסט וואַרטען ביז עס וועט ווערען דוקא פופציג טויזענד, ביזט דו אָדער אַ משוגע׳נער, אָדער אַ גזלן, אַ רוצח, האָסט קיין רחמנות נישט אויף דיין ווייב ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר און אויף דיינע קינדער. עס געפעלט מיר, ווי ער האָדעוועט מיך מיט „זאַווטריקלעך“: מ אָ ר ג ע ן וועט ער זיין ביי׳ם גאָלדוואַרגער, מ אָ ר ג ע ן וועט ער מיר קויפען וועש — אַלץ אויף מאָרגען. נאַר איינער! פאַר מאָרגען לאָז זיך גאָט זאָרגען! דו קויף בעסער היינט. ריים אָפּ, האַפּ אַריין, עס וועט זיין גלייך ווי געפונען! די מאַמע מיינע, זאָל לעבען און געזונד זיין, זאָגט גאַנץ קלוג. זי זאָגט: „וואָס טויג דיר, טאָכטער, מתנות, טישטיכער, האַנדטיכער? געלד, זאָגט זי, לאָז ער דיר שיקען! דער מלאך־המות, זאָגט זי, פרעגט נישט, צי דער מת האָט תכריכים“... איך וועל וואַרטען נאָך אַ פּאָר וואָכען, ביז איך וועל מיך פיהלען אין גאַנצען געזונד, דעמאָלט זעץ איך מיך אויף און פאָהר, גם ירצה השם, אַראָפּ צו דיר אַהינצו, און דעמאָלט בין איך דיר ניט מקנא! איך וועל דיר דאָרטען נאָכגעהן פיס־טריט, איך וועל דאָרטען זיין אומעדום. איך בין דיר ערב, אַז דו וועסט אַנטלויפען פון דאָרטען אין מיטען האַלבע נאַכט, ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען הארצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש ײ נ ד ע ל.

XI.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פון'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז עס טהוט זיך חושך! היינו, עס איז אָנגעקומען פון פּייטערבאָרג אזעלכע קורסען, אַז ס'איז אונז אַלע־מען פינסטער געוואָרען אין די אויגען! ווי אַ דונער האָט דאָס אונז דערשלאָגען, ווי אַ באָמבע! עס איז געוואָרען פינסטער אין אַלע קאַנטאָרען, ערד־ציטערניש אויף „קרעשטשאַטעק"! און תיכף נאָך פּייטערבאָרג האָט אויך וואַרשאַ געגעבען אַ זעץ איהרע קורסען! ס'איז געוואָרען אַ לויפעריי, אַ בהלה, אַ פּחד, אַ מהומה! די שפּע־געלאַנטען זענען זיך צעלאָפען, אויסגעטריקענט געוואָרען, און איך אויך בתוכם. אוים בערזע! די קאַנטאָרען זענען געבליבען פּוסט, די באַנקירען פערזאָרגט, ס'איז חורבן בית־המקדש! שטעל דיר פאָר, זוגתי היקרה, אז די „מאַלצעווער", וואָס איך האָב זיי גערע־כענט אויף טרפות צוויי טויזענד קערבלעך, האָבען זיך מיישב גע־ווען און האָבען זיך אַראָפּגערוקט ביז נייעטהונדערט פופציג! צי, למשל, „פּוטיוויל": גיכער. וואָלט איך זיך גערעכט אויף זיי אַ מפּלה, איידער זיי זאָלען ווערען פון הונדערט אַכציג צוריק זיעבען און זעכציג! פון „טראַנספּאָרט" שמועסט מען נישט; „טראַנס־פּאָרט" איז גאָר אין דער ערד, קיינער נעמט דאָס נישט אין די הענד אריין! דאָס איינענע איז מיט „וואָלגע", מיט „דאָן" און מיט אַלע

אַנדערע פּאַפּיערלעך. נאָר דאָס אַלסדינג איז נאָך גאָלד קעגען וואַר־שאַ. אין וואַרשאַ איז גאָר איין אומגליק! זינט די וועלט שטעהט איז נאָך אַזאַ שחיטה נישט געשעהן, ווי אין וואַרשאַ. וואַרשאַ איז זיך מיישב און טהוט אַ שמיץ די „לילעפּוטען" פון צוויי טויזענד פיער הונדערט פופציג גאָר אויף זעכס הונדערט צוואַנציג! היינט „וועגעלעך"! די זענען שוין געשטאַנען אַזוי שען, אַזוי פיין; מיר האָבען געמיינט, אָט־אָט זענען זיי דריי טויזענד קאַרבען! וויפיעל, מיינסטו, שטעהען זיי היינט? וועסט גאָר נישט טרעפען: פיער־הונדערט שמאַרדאָוועצעס! ווי געפעלט דיר אַ קורס? ס'איז עק וועלט! אַז אָך און וועה איז וואַרשאַ, זיך שען אויסגעפיינט: גע־טריבען, געטריבען, און פלוצים אין מיטען דרינען — נאַ דיר אַ התונה! פון וואַנען נעמט זיך דאָס איבערקעהרעניש — ווייסט קיינער נישט. דער זאָגט דאָס, דער זאָגט דאָס. עס וואַכסט פון געלד, דאָס הייסט, פון דעם, וואָס עס איז נישטאָ קיין געלד. אויף דייטש רופען זיי דאָס אָן: „געלד־מאַנגעל", און אויף אונזער לשון הייסט דאָס פשוט: „נישטאָ אַ פרוטה". וועסט דו דאָך מסתמא פרעגען: סטייטש, עס האָט זיך דאָך ערשט נעכטען געוואַלגערט אין אַלע גאַסען? תיקו, בלייבט אַ קשיא! נאָר ווי אַזוי די מעשה איז, שפּעגעלאַנטען זענען געוואָרען אָפּגעקאַכט, און איך אויך בתוכם. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אויף פּייטערבאַרג פערדריסט מיך ניט אַזוי, ווי אויף וואַרשאַ. מילא פּייטערבאַרג — גאָרנישט, געהט זיך פּאַוואָלינקע, אַלע טאָג פאַלט דאָרטען צוואַנציג־דרייסיג רובעל און גענוג; ס'איז חאָטש, ווי זאָגט ער, מעשׂר זוחר. וואַרשאַ — קיין גוּ־טער איד זאָל דאָס ניט קענען! דאָס איז עפּיס אַ מין סדום, רחמנא לצלן! נישטאָ דער טאָג וואַרשאַ זאָל ניט געבען אַ ריס מיט ק"ן, מיט רי"ש, מיני שי"ן קערבלעך נידעריגער, אַ פּאַטש נאָך אַ פּאַטש, אַזוי, אַז מיר זענען דאָ אַלע געבליבען פריהלישעט, גאָר קיין צייט נישט געהאַט אפילו זיך אַרומצוקוקען! מיליאָנען קאָסט אונז אָפּ אָט דאָס וואַרשאַ, מיליאָנען! גוואַלד, וואו איז געווען אונזער שכל? הלואי וואָלט איך דיך געפאָלגט, זוגתי היקרה, וואָלט איך

איצט אַרויסגעשטעלט דער וועלט דריי פייגען; בראָצקי וואָלט צו מיר נישט געווען גלייך! נאָר מסתמא הייסט גאָט אַזוי; ס'איז, אַפּנים, נאָך נישט געקומען די רעכטע צייט... אַ שטיקעל גליק, וואָס כיין באַנקיר, לאַנג לעבען זאָל ער, מאָהנט מיך חאָטש נישט די עטליכע קערבלעך, וואָס איך בין איהם געבליבען שולדיג אין קאָנ־טאָר. אַדרבה, ער האָט אויף מיר רחמנות. ער זאָגט מיר צו, אַז עס וועט זיך אַביסעל פּערבעסערען די צייט, וועט ער אפשר זעהן מיר „צושאַרען", איך זאָל אַרום איהם קאָנען אַ מאָל פּערדיענען אַ קערבעל... נאָר דערווייל איז נישטאָ וואָס צו טהון. עס געהען אַרום אויף דער בערזע מתים, נישט קיין שפּעגולאַנטען. מעקלערס דרעהען זיך אַרום פּוסט און פּאַס. ס'איז ביטער און פינסטער אַרום און אַרום. די שפּעגולאַציע, זאָגט מען, איז אָפּגעשטאָרבען, קאָן שוין תחית־המתים נישט אויפשטעהן. נישטאָ צו וואָס זיך צו נע־מען. איך זאָל האָבען מיט וואָס, וואָלט איך מיך נאָך פּאַרט יאַקאָש דורכגעשלאָגען, איבערגעוואַרט די שלעכטע צייט. דער הימעל, ווי זאָגט ער, איז נאָך צו דער ערד נישט געפאַלען. נאַרישקייטען! דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עס וועט נאָך זיין וואָס צו טהון, גאָט לעבט און יעהופּעץ איז אַ שטאָדט; אַז נישט דאָס, איז דאָס... נאָר וואו נעמט מען קלינגערס? ווי זאָגט די מאַמע דיינע: „אַז מע האָט נישט קיין פינגער, קאָן מען נישט שטעלען קיין פייג"... איך האָב מיך געפּרובט צוּנעמען אַ פּאָר מענשלעך מכח אַ גמילות־חסד'על אויף אַ קליינער צייט, האָבען זיי מיר געשוואָרען, אַז אין שטאָדט איז איצט ענג איין געלד, אַפילו גאָר ביי די גרויסע איי ענג, ממש מע פאַלט מיט'ן פּנים צו דער ערד, מע ציהט זיך אויס פּאַר אַ גראָשען... השם יתברך זאָל עפּיס אַ נס טהון מיט מיר: גזלנים זאָלען אויף מיר אָנפאַלען און מיך הרג'ענען, אָדער איך זאָל אַזוי שטאַרבען געהענדיג אין גאַס, וואָרום, זוגתי היקרה, איך קאָן דאָס שוין מעהר ניט איבערטראָגען! סטייטש, סטייטש! אַזוי פיין, אַזוי שען געשטאַנען אויפ'ן פּלאַץ! געהאַט, ווי מע זאָגט, אַ פולע היטעל — און פּלוצים נאַ דיר! און מחמת איך בין זעהר דערשלאָ־

גען, מאַך איך דאָס בקיצור. אם יִרצה השם, אינ׳ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באַריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. שרייב מיר וואָס מאַכען די קינדערלעך זאָלען לעבען, און ווי געהט דיר אין געזונד, און גריס שווער און שוויעגער און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

מעני בעלק מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. די וועלט זאָגט אַ ווערטעל, אַז נאָך אַ שרפה ווערד מען רייך. איך מיין, אַז נאָך אַזאַ מפלה, ווי מיר האָבען דאָ איצינד, קאָן מען ערשט מאַכען גאָלדענע געשעפטען. וואָרום ס׳איז אַלסדינג געוואָרען בחצי חנם. מע קאָן היינט מאַכען „האָס־לעך" מיט „פּרעמייעס" אויף די בעסטע „פּאַפּיערלעך" כמעט אָהן געלד. איך זאָג נביאות, און קאָן דיר געהן שווערען, אַז ווער עס וועט איצט אַוועקגעהן קיין פּיטערבאַרג אָדער קיין וואַרשאַ עפּיס קויפען, וועט ער גליקליך ווערען! וואָרום נאָך אַלע מעשׂות קאָן איך מיך בערימען, אַז איך פערשטעה דאָס שפּיעל אין תוך אַריין. צו דער שפּעגעלאַציע בעדאַרף מען האָבען נאָר דריי זאַכען: שׂכל, מזל און געלד. שׂכל איז, ברוך השם, פאַראַן ביי מיר אַזוי פיעל, וויפיעל ביי אַלע היגע שפּעגעלאַנטען. מזל איז ביי גאָט. און געלד? — געלד איז ביי די בראָצקים.

הנ"ל.

XII.

שיינה־שיינדעל פון כתריִלעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אז, אייגענטליך, וואָלט איך דיך בעדאַרפט שרייבען גאָר אַ סך, נאָר איך האָב דיר נישט וואָס צו שרייבען, עס האָט זיך שוין אויסגעלאָזט ביי מיר שטאָף. וואָרום וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אז איך וועל דיך שוין אַריינלעגען אין דער ערד אַריין, חלילה, לעבעדיגערהייד, עס וועט מיר דען עפּיס העלפען? איך בין דאָך ניט בליומע־זלאַטע, וואָס האָט ליעב „עסען כאַן"; איך וועל דיך נישט עסען, איך וועל דיר ניט זאָגען קיין קרום וואָרט, נישט איבערקעהרען די צונג אפילו. נאָר איין זאַך וועל איך ביי דיר פרעגען, אַ שלאַק זאָל אַריין אין מיינע שונאים'ס ביינער אַריין: זאָג, צי האָב איך דיר נישט געזאָגט פריהער, אז עס וועט אַזוי זיין דער סוף? זאָג, צי האָב איך דיר נישט געשריבען די גאַנצע צייט: אנטלויף, זאָג איך, מענדעל, ווי פאַר פייער! וואָס טויג דיר, זאָג איך, שמאַטעס, פּאַפּיערלעך? ווי די מאַמע זאָגט: „זיץ אין דערהיים, וועסט דו נישט רייסען קיין שטיוועל"... פאָלגט ער מיך נישט! עס האָט איהם צוגעקאָוועט צו יעהופּעץ! ער איז גאָר די כפּרה נאָך די דאָרטיגע פיינע מענשלעך, די כפּרה מעגען זיי שוין זיין פאַר דיר און פאַר מיר און פאַר אונז אלע און פאַר כל ישראל, נישט איך

זאָל מיך פאַר זיי אויסציהען אַ גמילות־חסד, געבען זאָל זיי גאָט גרינגע קרענק מיט מאַיאָווע קדחת אויף אַ גאַנץ יאָהר! ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „בעסער אַנקומען צו עלינו, איידער צום בעסטען מענשען"... אויף דיר איז מיר אַ חידוש, מענדעל. דו ווייסט דאָך יאָ, וואָס אין די הייליגע ספרים שטעהט געשריבען: „מיט גוואַלד טהוט לעבען דער מענש און מיט גוואַלד טהוט ער שטאַרבען", — היינט וואָס רעדסט דו נאַרישקייטען? ס'איז אַלס־דינג פון גאָט. דו זעהסט דאָך, ווי דער רבונו־של־עולם פיהרט מיט דיר, עס זאָל זיך דיר נישט גלוסטען קיין גרינגע פויגעלעך אין יעהופּעץ! אַ איד בעדאַרף האָרעווען, פערשוואַרצט ווערען און געבען אַ ווייב ברויט! אָט איז נחמיה אויך אַ ליטישער יונגער־מאַן, אַ יודע־ספר — לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר! פון דעסטוועגען טהו אַ קוק, ווי אַזוי ער ווערד אויסגעריסען, פאָהרט אויף אַלע ירידים, געהט צו־פוס, קריכט אין דער ערד אריין, האָרעוועט ווי איין אייזעל. עס קאָן זיין, ער וואָלט אפשר אויך געוואָלט, אַזוי ווי דו, ארומגעהן מיט'ן שטעקעלע איבער יעהופּעץ, אויך נישט טהון קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, אויך האַנדלען מיט שמות, אויך שליטלען זיך קיין בויבעריק און אויך קוקען, ווי די יעהופּע־צער דאַמעס שפּיעלען דאָרטען אין דער גוטער שפּיעל „פּערדעל־מערדעל". האָט ער אָבער זיין אייגענס אַ ווייב, וואָס זי הייסט בליומע־זלאַטע. בליומע־זלאַטע, אז זי טהוט נאָר איין קוק אויף נחמיה'ן, נעמט איהם שוין אָפּ דאָס לשון: ער פערשטעהט זי שוין אויפ'ן וואונק. אנו, לאָז איהם גאָט געבען אַזאַ זין, ער זאָל קומען, למשל, פון יאַרמעלינעץ און נישט ברענגען איהר קיין מענטעלע, קיין היטעלע, קיין זאַנטיקעל, מיט צרות, מיט שלעק איהר אין האַרצען?! וואָס זשע? אַזוי ווי איך קום אָפּ נאָר דערמיט, וואָס דו שרייבסט מיר אַלע מאָל: אָט קויפסט דו מיר דאָס, אָט קויפסט דו מיר דאָס, און ביז עפּיס וואָס — לאָזט זיך אויס אַ בוידעם! נאָר דו מיינסט אודאי, אַז איך געה־אויס נאָך דיינע מרנות? איך דאַרף זיי אויך כפּרות, דיינע בראָשעס,

ניט דיינע באַרליאַנטען! אַבי לאָם איך דערלעבען זעהן דיך געזונדערהייד! עס גלויבט זיך מיר גאָר ניט, אַז דו לעבסט! היינטיגע נאַכט האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט די באָבע צייטעל, עליה השלום, פונקט אַזוי ווי זי איז געווען, נישט געמינערט. דעריבער וואָלט איך שוין געוואָלט דערלעבען זעהן דיך געזונדער ייד, און וואָס פריהער, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

סוף פונ׳ם צווייטען בוך.

מיליאָנען

(סוחרים, מעקלערס און „שפּעגעלאַנטען").

I.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז איך בין שוין אוים שפּעגעלאַנט. כ'האָב אַ שפּיי געטהאָן אויף דער שפּעגעלאַציע, קיין איד זאָל זי ניט קענען! זי האָט מיך אויסגעמוטשעט ווי אַ קדחת, מיך געמאַכט גרוי און אַלט! אַ ווערטעלע אויסצורעדען, וואָס מיר האָבען דאָ איבערגעטראָגען! עס איז געוואָרען אַ תל פון יעהופּעץ, איין איבערקעהרעניש אויף דער בערזע, הושך אין אַלע ווינקעלעך, ווי נאָך אַ מלחמה, נאָך ערגער ווי, ניט היינט געדאַכט, אין אַרעס! עס איז געקומען אויף אַלעמען אַ מפּלה, אַ בהלה. דער עולם האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו באַנקראָטירען, און איך אויך בתוכם. אַלע טאָג האָט זיך געלאָזט הערען אַ נייער אָנזעץ. אָנזעצען — איז גאָר אַריין אין דער מאָדע! וואָס דאַרפסטו מעהר? גרויסע באַנקירען,

בערען, האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען פּליטה. דעם ערשטען פּע־טשאַטשעק האָט געמאַכט יענער באַנקיר, וואָס דורך איהם פּלעגען מיר אַלע געהן מיט אונזערע „פּאַפּיערלעך“ קיין פּייטערבאַרג און קיין וואַרשאַ. אין אַ שענעם פריהמאָרגען קום איך אַריין אין קאַנטאָר, איך האָב געהאַט ביי איהם צו שטעקען מיט אַ פּאָר „מאַלצעווער“ און מיט עטליכע „פּוטיווילעווער“ אַקציעס. וואָס ס'איז איהם אַרויסגעקומען פון מיר אַ קליינער דיפערענץ. איך הויב מיך אָן נאָכצופרעגען, וואו איז ער ערגיץ, דער פּריץ? זאָגט מען מיר: הלך לעולמו — ער איז שוין לאַנג אין אַמעריקע! הקיצור, ס'איז געוואָרען אַ גוואַלד! מע האָט זיך באַלד אַ נעם געטהאָן צו דער אייזערנער קאַסע און מע האָט געפונען דאָרט אַ פלעשעל טינט מיט איין אַלטען אָפּגעריבענעם גילדען, און נאָך מיט אַ לעבעל דערצו. דער אַנדערער האָט איבערגעלאָזט אין דער אייזערנער שאַפע אַ גאַנצען פּאַק מיט אַלטע לוחות אויף עברי־טייטש פון שנת תרל"ג ביז היינטיגס יאָהר, און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. דער דריטער, גאָר אַ גרויסער באַנקיר, האָט נישט באַנקראָטירט, נאָר גלאַט ניזוק ונהרג געוואָרען מיט עטליכע מיליאָן אין איין וואָך און איז געבליבען ביי'ם נאָמען. נאָר די בראָצקים זענען עפּים מיט נסים אַרויסגעשפּרונגען גליקליך. איין מאָל פאַר אַלע מאָל — איך האָב אַרויסגעזעהען, אז סאיז ניט בעשערט, העלפט נישט קיין חכמות! אַ שטיקעל גליק, וואָס איך האָב מיך בעציי־טענס אַרומגעקוקט און האָב מיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איין אַנדער פּרנסה, אַ בכבוד'ע פּרנסה, היינו: איך בין איצט געוואָרען אַ מעקלער, פּשוט אַ מעקלער, טאַקי דאָ אין יעהופּעץ אויף דער בערזע. פאַרהאַן אין יעהופּעץ מעקלערס, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל, ווי שטערען אין הימעל, מיט וואָס בין איך ערגער פון זיי? דאַכט זיך, איך האָב אויך העגד און פיס און אַ נאָז מיט אויגען גלייך מיט אַלע אידען, און אַזעלכע מיוחסים ווי איך איז ז'אַ אַ סך, — פון דעסטוועגען שטעהט זיי אָן נעמען דאָס שטעקעל און געהן מעק־לערען. די גרויסע תורה, וואָס מע בעדאַרף דאָ האָבען? אבי

מע קאָן זאָגען אַ ליגען, און דערצו, אַז מע איז נאָך אַ שטיקעל עזות־פּנים אויך, קאָן מען שוין זיין אַ מעקלער; און אדרבה, וואָס מעהר ליגנער און וואָס מעהר עזות־פּנים, איז אַלץ מעהר מעקלער! מעגסט מיר גלויבען, פאַרהאַן דאָ אין יעהופּעץ מעקלערס, וואָס קאַטאָרי ביי אייך אין כתרילעווקע וואָלט זיי אָנגעשטאַנען זיין בעהעלפערס אָדער בעלי־עגלות, זיי קאָנען זיך קוים חתמ'ענען, און פון דעסטוועגען — זעהסט דאָך, ווי זאָגט די מאַמע דיינע: „אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם"... מע בעראַרף נאָר אָנטהון אַ ווייס העמד מיט אַ שענעם קאַפּעליש, קריכען, שמעקען, חאַפּען אַ וואָרט, אַ לויף אהער, אַ שפּרונג אהין — „פּאָזשאַלעטי קאַרטאַזש!" „קאַר־טאַזש" הייסט מעקלעריי, „שחיטה־געלד". אי איז דאָס אַ זיסער גראָשען, אָט דאָס „קאַרטאַזש"! אָהן קאָפּ־דרעהעניש, אָהן בויכ־ווערהטיג! אָט האָב איך געחאַפּט ערשט נעכטען אַ פּופּציגער „קאַר־טאַזש" — זאָל מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע מיט דיר אינ־איינעם, ווי איך ווייס פאַר וואָס! איך האָב געמאַכט צעהן טוי־זענד פּוד צוקער גרינגג, נאָך גרינגער ווי אויסרויכערען אַ פּאַפּיראָס. דאָס הייסט, געמאַכט האָבען אַנדערע, נאָר איך בין אריינגעשפּרונ־גען אין מיטען. הקיצור, איך האָב מיט גאָט'ס הילף געחאַפּט אַ פּופּציגער! אַז גאָט העלפט, עס געהט אַוועק אַזוי איין האַלב יאָהר, שטעל איך מיך צוריק אויף די פיס און ווער דער אייגענער ווי פריהער, וואָרום ביי אונז אין יעהופּעץ שפּיעלט דאָס געלד די גרעסטע ראָלע! דער מענש אַליין איז בלאָטע, יחוס וויל מען דאָ נישט וויסען. מעגסט זיך זיין ווער דו ווילסט און וואָס אין דער קאָרט — אבי געלד! און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינדער זאָלען לעבען, און שווער און שוויגער און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

עיקר שכחת׳. שרייב מיר, איך בעט דיך, וואָס האָבן זיך עפּיס ביי אייך, צו געהען רעגענס, און וואָס מאַכען די בורע־קעס, און צי ס׳איז פאַרהאַן עפּיס אַ סך זשוקלעך? איך בעדאַרף דאָס זעהר נויטיג וויסען, און וואָס גיכער!

הנ״ל.

II.

שיינה־שיינדעל פון כתריל֗עווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו וי י ט ע נ ס שרייב איך דיר, מיין זיס לעבען, א מיתה־משונה, א חלירע אויף מיינע שונאים! דו רוצח, דו טיטוס, דו גזלן איינער! דו ווייסט, אַז דיין ווייב איז געלעגען טוידט־קראַנק, נאָך דער רעפּעראַציע, וואָס דער שענער דאָקטאָר האָט מיר געמאַכט, אויף דיינע יעהופּעצער בעלי־בית'טעס געזאָגט געוואָרען, אַז קוים וואָס איך פּלאָנטע מיט די פיס, און די קינדער דיינע האָב איך צו טהון מיט זיי, צייהנדלעך, העלזלעך, בייכלעך, דיפטעריט, מיט שלעק, מיט צרות אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! ווי אַזוי שווייגט מען אָפּ אַזאַ צייט און מע שרייבט נישט אַריין קיין בריוועל? מכה נפשך: ביזט דו געשטאָרבען — שרייב, אלא דו לעבסט נאָך, בעדאַרפסט דו דאָך אַודאי שרייבען! נאָר גער טענה זיך אוים מיט א קרעטים, ווי זאָגט די מאַמע מיינע זאָל טאַקי לעבען און געזונד זיין: „גיכער וועט זיך א שכור אויסניכטערען, איידער א נאַר וועט קליגער ווערען"... מאָהל דיר, אַז אָך און וועה, אַז שיינה־שיינדעל־ברוך־הערש־לאה־דוואָסיס בעדאַרף האָבען א מאַן א מעקלער! נאַר מ'איז אַבער אַלץ כדאַי: זיין א מעקלער, א

בייגעל־טרעגער, א הונט־שלעגער — אבי אין יעהופעץ, אייגגעזונ־
קען זאָל דאָס ווערען! היינט שרייבסט דו מיר, אז דו האָסט גע־
חאַפּט א פופציגער ביי דער איצטיגער שענער פּרנסה דיינער, און
דו האָפסט, אז דאָס חאַפּסט דו אַלע טאָג א פופציגער. נישט אַלע
מאָנטאָג איז פורים. דו מיינסט, ס'איז דיר דאָס אַמאָליגע אדעסער
„לאָנדאָן", מיט די „פאַפּיערלעך", מיט די „פּיפּערנאָטערס", מיט
די אַלע איבעריגע גליקען דיינע, וואָס ליגען מיר נאָך ער היום אין
טעם? נאָר איינער, עס וועט דיר פופציג מאָל ארויס די אויגען
פונ'ם קאָפּ, איידער דו וועסט דערלעבען זעהען דעם אנדערען פופ־
ציגער! און אויסערדעם גלויב איך עפּיס גלאָט ניט אין די יעהו־
פּעצער פּערדיענסטען, וואָס הויבען זיך אָן תמיד מיט א גליק און
לאָזען זיך אויס מיט א בוידעם. און וואָס דו שרייבסט מיר, אז
דו ביזט גליקליך, וואָס דו ביזט ניט אראָפּ פונ'ם זינען, זאָג איך
דיר, אז פון דיינע דבורים זעה איך דאָס ניט ארויס; עפּיס רעדסט
דו מיר ניט צו דער זאַך. דו פרעגסט זיך נאָך אויף בורעקעס, און
צי עס געהען ביי אונז רעגענס? וואָס דען האָסט דו געוואָלט —
עס זאָל זומער־לעבען שיטען א שניי? און וואָס געהער זיך אָן
מיט א מאַנסביל בורעקעס? און וואו האָסט דו היינט בורעקעס?
ביי אונז קאָכט מען א באָרשט פון ראָסעל, אָדער פון שטשאַוועל;
בורעקעס איז ערשט העט־העט ארום סוכות! היינט פרעגסט דו
זיך עפּיס נאָך אויף זשוקלעך? וואָס פאַר זשוקלעך אויף דיר?
נאָ דיר גאָר זשוקלעך! קאַרג האָט מען פון די וואַנצען, דאַרפען
מיר נאָך זשוקלעך! נו, פרעג איך דיך אַליין: אין יעהופעץ זיצסט
דו, צוקער מאַכסט דו, פופציגערס חאַפּסט דו, — פעהלט דיר נאָר
בורעקעס, רעגען און זשוקלעך! ביזט עפּיס א מבין דערויף? נאָר
די מאַמע, זאָל טאַקי לעבען און געזונד זיין, זאָגט זעהר גלייך:
„א משוגענער שלאָגט פרעמדע פּענסטער, נישט קיין איי־
גענע"... לכן פאָלג מיך, מענדעל, וואַרף אוועק די נארישע
וועלט, און אויב דו האָסט נאָך עפּיס פונ'ם פופציגער, נעם און
קום צו פאָהרען אהיים, און אויב ניט, וועל איך דיר ארויסשיקען

אויף דער הוצאה. דערמאַן דיך, אַז דו האָסט אַ ווייב ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר און קליינע קינדער, וואָס קוקען אַרוים אויף דיר אַלע טאָג, און לאָז די וועלט אויפהערען צו טהון מיט מיר, און לאָז מיר אויפהערען ברענגען מיין פּנים, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי שׁ י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

יאָ, פאַר וואָס פרעגסט דו ניט, וואָס הערט זיך עפּיס אין דער היים? אפּנים, עס אהרט דיך ווינציג־וואָס, וואָס די מאַמע מיינע האָט אָפּגעלאָזט דעם שדוך מיט מיין שוועסטערעל? דו מיינסט, איבער געלד האָט זיך דאָס צעגאַנגען? געלד איז אַ חוץ אַ מעשה. נאָר געגומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס דער מחותן איז דאָ געוועזען אויף שבת, האָט זיך מיט איהם די מאַמע צעווערטעלט, איהם גע־געבען אָנצוהערעניש, אַז ער שטאַמט פון קצבים, געזאָגט אַ ווער־טעל, אַז פון איין אָכס קאָן מען מעהר ווי אָכסענפליישׁ ניט פער־לאַנגען, וכדומה אזעלכע שטעכווערטלעך; איך ער געקומען אהיים, אַ מכה איהם, און האָט אָפּגעשיקט די תנאים, און דערווייל איז געבאַך נחמה־בריינדעל דאָס דריטע מאָל „אויס כלה און ווידער אַ מויד".

III.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל איין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרבען איינס פון'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז דו האָסט ניט רעכט צעקייעט וואָס איך האָב דיר געשריבען. זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבען, וואָס איך בין געוואָרען פון א שפּעגעלאַנט א מעקלער — ס'איז גם זו לטובה. איך בין נישט איינער אין יעהופּעץ. פאַרהאַן ביי אונז, קיין עין־הרע, א סך מעקלערס, מעקלערס פון צוקער, מעקלערס פון אקציעס, מעקלערס פון ברויט, מעקלערס פון געלד, פון הייזער, פון אימעניעס, פון וועלדער, פון מאַשינעס, פון בערלינעס, פון קלעצער, פון פאַבריקעס, פון זאַוואָדען, פון באַהנען, און וואָס א מויל קאָן אויסרעדען און וואָס דאָס הארץ פערגלוסט — איז הערויף דאָ א מעקלער... עס ווערד דאָ נישט געמאַכט קיין שום געשעפט אָהן א מעקלער. און יעדער מעקלער קומט־אָן צום אנ־דערען מעקלער, ווארום דער מעקלער האָט א קונה, און יענער מעקלער האָט א מוכר, קומט דאָס אויס אינאיינעם א זיווג; הייסט מאַכט זיך אָפּט, אז צו איטליכען מעקלער טשעפּען זיך צו נאָך צוויי־דריי מעקלערס, טיילען זיי זיך אַלע מיט'ן „קאַרטאַזש" חלק כחלק, און אז מע קאָן זיך ניט איינטיילען מיט די חלקים, איז אָדער מע פערלאָזט זיך אויף מענשען, אָדער מע טהוט, ווי מע

פלעגט טהון אין אַדעס, דאָס הייסט, מע „קאָמפּעזירט“ מיט פּעטש... הייגט פערשטעהסט דו שוין דעם ענין המעקלעריי ? נאָר די גרעכטע מעקלערס פון אַלע זענען די צוקער־מעקלערס, וואָרום אַלע צוקערען גּעהען דורך זייערע הענד, זענען זיי מאסף ממון, פּאָהרען מיט אייגענע קאַרעטעס, זיצען אין בויבעריק אויף דאַטשעס, שפּיעלען אין קאָרטען און האָבען „סאָרדעזשאַנקעס מיט שאַנשע־נעטקעס“... הכלל, איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז מעקלעריי איז דאָס בעסטע געשעפט, וואָרום וואָס האָט אַ מעקלער אַיינצושטעלען ? ממה נפשך : האָב איך געטראָפען, וועט יענער פערדיענען געלד, אלא ניט — וועלען מיר ביידע ליגען אין דער ערד ! אמת, דו ביזט גערעכט, נישט אַלע טאָג האַפּט מען פּופּציגערס. איך האָב פון דעם ערשטען געשעפט אָן לעת־עתה מעהר ניט געמאַכט גאָר־נישט, און דער פופציגער איז צעקראָכען געוואָרען אין איין כהרף־עין, וואָרום אַ בעל־חוב בין איך געווען, אַז די האָר זענען נישט מיינע, און אַ פּאָר קערבלעך האָב איך צעטיילט גמילות־חסדים, און איך זיץ שוין ווידער אָהן אַ גראָשען. נאָר וואָס דען ? איך האָף, אַז איך וועל, אם ירצה השם, מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף, מאַכען אַ געשעפט אין גיכען, און דעמאָלט וועל איך דיר צושיקען עטליכע קערבלעך דורך איין אַנווייזונג. און וואָס איך פרעג דיך מכח רעגענס, איז אַ פּשוט'ער שכל : ווייל צוקער, פערשטעהסט דו, מאַכט מען דאָך פון בורעקעס, און בורעקעס בעדאַרפען האָבען רעגען, אַנדערש קאָנען זיי ניט וואַכסען. לכן פרעג איך דיך, צי עס געהען ביי אייך אָפטער רעגענס. נאָר הלוואַי זאָל גאָט געבען, אַז קיין רעגען זאָל בעסער נישט געהן, און די זשוקלעך זאָלען עסען די בורעקעס אויף וואָס די וועלט שטעהט, וואָרום ווי באַלד אַז עס וועט ניט זיין קיין בורעקעס, וועט דאָך ניט זיין קיין צוקער, און אַז עס וועט ניט זיין קיין צוקער, וועט צוקער זיין מיט גאָלד גלייך, וועלען די שפּעגעלאַנטען מאַכען געשעפטען, די מעקלערס וועלען פערדיענען געלד, און איך אויך בתוכם. און מחמת איך בין פער־נומען און איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. לעת־

עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינ־דערלעך און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ע ל.

עיקר שכחתי. וואָס דו שרייבסט מכח דיין שוועסטערעל, איז אויב זי איז נאָך נישט קיין כלה, האָב איך פון איהרטוועגען א חתן, איין אנטיקעל, טאקי פון היע, און דוקא א בחור, חאָטש אפילו נישט קיין יונגער, טאקי רעכט אין די יאָהרען, שוין מיט א גרויליך בערדעל. קיין גביר איז ער נים. נאָר א מלאכה אין דער האנד האָט ער, היינו: ער איז א מעקלער און רייבט זיך ארום צוקער. אָט דער שידוך איז פאַר איהר אָנגעמאָסטען, ווייל דער בחור איז זעהר א שטילער בחור. אויב עס לעגט זיך דיר אויפ'ן מוח, קלאָפּ מיר א דעפּעשׁ, אָדער שרייב מיר אריין איין אָטקריטקע, וועל איך מאכען, מע זאָל זיך צענויפפאָהרען.

IV.

שיינה־שיינדעל פון כתריליעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדעל נ״י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, וואָס עס האָט זיך מיר גע־חלומ׳ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר — זאָל אויסגעהן צו מיינע שונאים׳ס קעפּ! אַ גדולה אויף דער באָבע — אַז עס וועט ניט געהן קיין רעגען, וועט ניט זיין קיין בורעקעס, און אַז עס וועט ניט זיין קיין בורעקעס, וועט ניט זיין קיין צוקער, און אַז עס וועט ניט זיין קיין צוקער, וועט ער דעמאָלט פערדיענען געלד! פּונקט די מעשה מיט׳ן ציגיינער און מיט׳ן בער! און וואָס וועט זיין, מענדעל, אַז איך וועל דיר אָנזאָגען אַ בשורה, אַז ביי אונז גיסען אַלע טאָג שלאַקס־רעגענס, און די בורעקעס וואַכסען מיט רוחות, און קיין זשוקלעך איז ביי אונז נישטאָ, חוץ וואַנצען מיט טאַראַקאַנעס — וועט דיר שוין זיין גרינגער? גאָט זאָל מיר טאָקי אַזוי העלפען, ווי איך האָב דאָס געוואוסט פריהער, אַז פונ׳ם פּופּציגער האָסט דו שוין אַ גוט־אויג, נישט קיין געלד. איך האָב געוואוסט פריהער, אַז דו וועסט גיכער צעטרענצלען די עטליכע קערבלעך אויף גמילות־חסדים, איידער נעמען אויפ׳ן קאָפּ. אַז דו האָסט אַ ווייב ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר. גמילות־חסדים? קרענק וואָלט איך זיי געגעבען מיט צרות מיינע, וואָרום אַז דו

וועסט בעדאַרפֿען צו זיי אָנקומען מיט אַ גמילות־חסד, וועסט דו זעהן, אַז קיינער וועט ניט זיין אין דער היים, ווי זאָגט די מאַמע: „אַ נעמערוואָוער איז ניט קיין געבערוואָוער, און אַ גוטער ברודער איז נאָר ביז צו דער קעשענע“... נאָר ווער איז שולדיג, ווען ניט איך אליין? אַ קלייניגקייט, מע גיט אַזוי נאָך אַ מאַן! ער ווייסט דען וואָס צו טהון פֿאַר גרויס ראָסקאָש? ער דרעהט זיך דאָרט אַרום אין יעהופּעץ, ווי אַ גראַף, עס פֿעהלט איהם נאָר רעגענס מיט זשוקלעך, און איך ליג דאָ ווי אַ הונד בע־גראָבען, שלים־שלים־מזל אויף יעדען טריט! געהט אַ קינד, משה־הערשעלי, ברענגען זאָל ער, פֿאַלט דאָס און האַקט זיך איבער אַ ליפּ; האָב איך אַ פֿינגערל מיט שפּריצלעך, גנבה'ט דאָס אַוועק ביי מיר די דיענסט — עס געהט, קיין עין־הרע, פֿון אַלע זייטען, ווי זאָגט די מאַמע: „קומט אָן דאָס גליק, גיס־אויס די פּאַמע־ניצע“... נו, בין איך נישט גערעכט געווען, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אַז ניט אַלע מאָנטאָג איז פּורים, און אַז קיין פּופּציגערס וואַלגערען זיך נישט? און מכּה דעם שענעם שדוך, וואָס דו לעגסט־פּיר פֿאַר מיין נחמה־בריינדלען, מעג ער זיצען דאָרטען אין גע־האַקטע וואונדען, דער אַלטער בחור דיינער מיט דער גרויער באָרד; ניט דערלעבען וועט יעהופּעץ, אַז מיר זאָלען פֿון דאָרטען אַ שדוך טהון! מע רעדט איהר, ווייסט דו, ווער? טאַקי דעם ערשטען חתן איהרען; ער האָט זיך מיט'ן ערשטען ווייב געגט, און איצט שדכנ'ט ער זיך ווידער אַ מאָל צו מיין שוועסטערל. זי איז איהם, אַפֿנים, שטאַרק געפֿעלען, דעם שאַרלאַטאַן! נאָר, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „גלייכער מיט אַ היימישען גנב, איידער מיט אַ פֿרעמדען רב“... און ווי באַלד דער שידוך וועט ווערען, אַזוי שטעלט מען באַלד אַ חופּה, און לאָם איך זעהען, אַז דו וועסט ניט קומען צו נחמה־בריינדלען אויף דער חתונה, ווי עס ווינשט דיר פֿיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פֿרוי שיינה־שיינדעל.

אונזער קאָפּעל האָט זיך ווידער אַ מאָל געזאָגט דעם פּסוק, אָנגעזעצט אפשר דריי הונדערט קערבלעך און איז שוין ווידער אַ בטוח אין שטעדטעל. און בערעל דעם פעטער מנשה׳ס האָט ווידער אַ מאָל געטראָפען איין אומגליק — ער איז אָפּגעברענט געוואָרען אפשר אויף אַ הונדערטער און נעמען נעמט ער דריטהאַל־בען הונדערט קאַרבען. נאָר מיר דאַכט, אַז דאָס איז שוין ביי אונז די לעצטע טרפה אין שטאָדט, וואָרום ס׳איז אַ סברה, אַז די חברה „יאַקער" האָט שוין אויפגעהערט סטריכירען אידישע הייזער מיט אידישע קלייטען אין כתרילעווקע. און מרים־ביילה האָט זיך מיישב געווען: וואָס טויג איהר אַ פאַבריק? אַ מעהר וועט זי געהן פאַרמאַלנע מיט די האָר! גלייכט זיך צו אונזער גביר׳ס שניר, אַ מכה זיי, וואָס שפּיעלען מיט יונגע לייט אין קאָרטען. נאָר איך האָב פיינד יענעם צו בערעדען, ווי זאָגט די מאַמע: „האָב אין זינען זיך, וועסט דו פערגעסען אין יענעם"... און שרייב מיר, למען השם, וואָס הייסט דאָס „שאָרעזאַנקעס" מיט „שענזעשעט־קעס"? וואָס איז דאָס און אויף וואָס דאַרף מען דאָס?

V.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השב יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פון'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אַז דו האָסט געטראָפען. דאָס צוקער־געשעפט איז פאַר מיר טאַקי קיין געשעפט נישט: ערשטענס, איז פון די גרויסע צוקער־מעקלערס נישט אויסצושטעהן; איידער מע טהוט זיך אַ ריהר, פליהט־אונטער דער גרעסטער פון אַלע צוקער־מעקלערס און חאַפּט־אויס פון אונטער די הענד, חאָטש ער איז אַ גרויסער גביר, און געה לאָד איהם צום „ונתנה תוקף"! וועסט דו דאָך פרעגען: היתכן? וואו איז יושר? זאָלסט דו וויסען, אַז אַזעלכע קשיות אין יעהופּעץ פרעגט מען נישט; יושר איז דאָ נישט קיין מטבע; ריין „צוליעב" מיט קיין „רחמנות" איז דאָ נישטאָ. דאָס איז איין מאָל אַוועק. צווייטענס, פרעג איך דיך, וואָס איז דאָס פאַר איין עסק, אָט דאָס צוקער־געשעפט, אַז טאָג ווי נאַכט בעדאַרפסט דו קוקען אויפ'ן הימעל און בעטען גאָט, אַז אַ טאָג זאָל געהן אַ רעגען, און אַ טאָג זאָל ניט געהן קיין רעגען? הכלל, איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז דער עסק איז ניט פאַר מיר; מע בעדאַרף זיין אַ גרויסער עזות־פּנים, דעם לוח מאַכען מיט דער

בלאָטע, און דעם שפּעגעלאַנט איינדרינגען, אַז ער פערשטעהט ניט פון דאַנען אהין, און אַזוי לאַנג רעדען, ביז עס זאָל איהם נמאס ווערען הערענדיג, און עס זאָל איהם בעשלאָגען אַ קאַלטער שוויס... איין גאָט איז אָבער יודע דעם אמת, אַז איך קאָן דאָס נישט; איך האָב ליעב צו פערדיענען אַ קערבעל בכבוד. מיט גאָט'ס הילף, איך האָב איצט אַ געשעפט אין די הענד, וויים איך, אַז ס'איז אַ געשעפט; היינו: איך געה ארום געלד, איך מאַך הלוואות, שקאָנטע, דאָס הייסט, איך לייה און פערלייה געלד אויף וועכ־סעלער, דאָס הייסט, איך שקאָנטיר דער וועלט'ס וועכסלען, און דווקא אויף בעלי־בתישע פּריצענטען, ווי זאָגט ער, ווינציגער פער־דיענט, אבי געשלאָפען רוהיג. דאָס איז אַזא מין עסק, וואָס מע גיט דיר אָפּ כבוד פון אַלע זייטען, וואָרום אַז מע בעדאַרף האָבען די קלינגערס, ווערד מען ווייך ווי טייג, מע קריכט אין דער ערד אריין און מע זאָגט־צו דעם מעקלער גילדענע בערג... אָט האָט מיר גאָט צוגעשיקט איינעם אַ געוועזענעם פון באַרדיטשעוו, איך האָב מיך מיט איהם בעקענט אויף דער אכסניא, וואו איך שטעה — אַ זעלטענער יונגערמאַן מיט אַ גילדענעם כאַראַקטער. ער זאָגט מיר צו, אַז אויב איך מאַך איהם היע אַ קרעדיט פון אַ צעהן־פופ־צעהן מויזענד קערבלעך, וועט ער מיך אַזוי שען בעפריעדיגען, אַז איך וועל פערשפּאָרען זיין אַ מעקלער... און הגם איך האָב איהם ביז אהער קיין געלד נאָך נישט געקריגען, נאָר צו גאָט אַ האָפענונג, אַז איך וועל, אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף געווים קריגען... אַלע מעקלערס, וואָס דרעהען זיך דאָ ארום געלד, ווערען גליקליך, פאָהרען ארוים מיט אייגענע פערדלעך. איין אייגען פערד־און־וועגעלע, זאָלסט דו וויסען, איז אַ סגולה צו פּרנסה, וואָרום דאָ, אין יעהופּעץ, האָט מען פאַר אַ שען פערד־און־וועגעלע אַ סך מעהר דרך־ארץ, ווי פאַר אַ מענשען... און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה.

גרים די קינדערלעך, און שווער און שוויעגער, און איטליכען בע־
זונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו שרייבסט מכח קאָפּעל׳ס אָנזעץ,
האָט דאָס ביי מיר אַ שענעם פּנים קעגען די היגע אָנזעצען! אַ
סוחר, וואָס האָט נאָך ניט אָנגעזעצט קיין דריי מאָל, הייסט דאָ
גאָר קיין סוחר ניט. אַמאָל פלעגט דאָ זיין אַ מאָדע, אַז איין אָנ־
זעצער האָט געמוזט מאַכען איין אַפּטריט; היינט איז שוין גע־
וואָרען אויס מאָדע אַנטלויפען. דאָ הייסט דאָס גאָרניט „אָנזעץ״;
דאָ הייסט דאָס „ער צאָהלט ניט״, דאָס הייסט, ער וויל ניט צאָה־
לען — און רופט מיך קאָנקאָניסעל! — און וואָס דו פרעגסט זיך נאָך,
וואָס בעדייט „סאָדערזשאַנקעס און שאַנשענעטקעס״? אויף לשון־
קודש הייסט דאָס „פּילגשים״, און בלשון אשכנז רופט מען דאָס
„קעפּסווייבער״. נאָר מעגסט מיר גלויבען בנאמנות, אַז עס קריכט
מיר אין דער לינקער פּאה...

הנ״ל.

VI.

שיינה־שיינדעל פֿון כתריִלעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פֿון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אַז פֿון דיינע זיסע בריוולעך האָב איך שוין, בליִבען, אַ געשוואָלען הארץ, געשוואָלען זאָלען ווערען די שונאים, ווי אַ באַרג. אַט ערשט ביזט דו, דאַכט זיך, געוועזען אַ צוקערמאַכער, פּלוצים — גאָר אַ בעל־הלוואה! וואו האָסט דו גענומען געלד? און אַז גאָט האָט דיר שוין יאָ אַמאָל געהאָלפען עטליכע קערבלעך, בעדאַרפסט דו זיי טאַקי צעפּלעכטען אין דער גיך? האָסט דאָך מיר אַליין ערשט ניט לאַנג געשריבען, אַז ווי באַלד עס פאַלט דיר אַריין אַ ביסעל געלד, אַזוי האַפּסט דו און שיקסט מיר אַרויס דורך איין אָנווייזונג. וואו זענען דיינע ווערטער? נאָר די מאַמע זאָל לעבען און געזונד זיין איז טאַקי גערעכט; זי זאָגט מיר: „טאָכטער מיינע, פֿון דאָרט קיין געלד זאָלסט דו גאָר נישט וואַרטען, וואָרום פֿון'ם בית־עולם צוריק טראָגט מען נישט, ובפרט, זאָגט זי, פֿון דער שענער ליטישער שטאָדט יעהופּעץ, ברענען זאָל זי! איך האָב דיר שוין, זאָגט זי, לאַנג געזאָגט אָס ווערטעל: „היט מיך, גאָט, פֿון באַרדיטשעווער נגידים, פֿון אומעניער חסידים, פֿון קאָנסטאַנטינער משרתים, פֿון מאָהליווער אפּיקורסים, פֿון קאַמעניצער חאָדאָטאַיעס, פֿון יעהופּעצער הול־טייעס"... וואָג אפשר, אַז זי איז אומגערעכט? נאָר וואָס געהט

איהם אַן אַ זייב, וואָס געהט איהם אַן קינדער? טאָג ווי נאַכט — טאָ דאָס, טאָ דאָס! קאָרג האָט מען געהאַט צו טהון פאַר אַ יאָהרען, ניט היינט געדאַכט, מיט דער קאָפּיקע, וואָס מיר האָבען געמיינט, אַז משה־הערשעלי האָט איינגעשלונגען, איז ער זיך מיישב יענע וואָך (נאָר אַ רוח, ניט קיין קינד!) און טראָגט זיך שיער נישט אָפּ אויף יענער וועלט. געוועזן געזונד און שטאַרק. פּלוצים — איך זעה, מיין קינד איז אויס קינד; האַלט דאָס קעפּעל אויף אַ זייט און שרייט נישט מיט זיין קול. „וואָס איז דיר, זוהנעניו, גאָלד מיינער, זאָג, וואָס טהוט דיר וועה?" ווייזט ער מיט'ן הענטעל אויפ'ן לינקען אויהער און שרייט. איך שטיק איהם, איך קוש איהם, איך קנייפּ איהם, איך האַלז איהם — ער האַלט אין איין שרייען. ערשט אויפ'ן דריטען טאָג האָב איך געבראַכט דעם דאָקטאָר. פרעגט ער מיך, דער חכם, צי האָב איך געקוקט דעם קינד אין אויהער אריין? זאָג איך: נישט נאָר געקוקט, איך האָב שוין אַפילו געדרילעוועט מיט אַ שפּיזעל, און מע זעהט נישט גאָר־נישט! פרעגט ער מיך: וואָס האָבען מיר געגעסען היינטיגען שבת? זאָג איך: וואָס עסט מען ביי אידען שבת — רעטאַך, ציבעלקעס, פּעטשאַי, קוגעל — וואָס ווילט איהר נאָך? זאָג ער צו מיר: אפשר האָט איהר געקאָכט פאַסאָליעס, אָדער אַרבעס, אָדער איין אַנדער מין אויבסט? זאָג איך: ס'אַ משל! אז מיר האָבען געגעסען ארבעס, דעריבער בעדאַרף דאָס קינד האַלטען דאָס קעפּעל אויף אַ זייט און שרייען? מאַכט ער צו מיר: ווי באַלד איהר האָט געהאַט אין שטוב אַרבעס, האָט זיך אייער קינד מסתמא געשפּיעלט מיט'ן אַרבעס רויערהייד אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אויף קאַטאָוועס אריינגעלעגט זיך איין אַרבעסעל אין אויהער אריין, האָט דאָס אַרבעסעל אָנגעהויבען ביי'ם קינד אין אויהער צו שפּראָצען און צו וואַכסען... בקיצור, ער האָט געבראַכט צו טראָגען אַ גאַנצע מאַשין, אָפּגעמוטשעט דאָס קינד נעבאַך אַ האַלבע שעה און האָט ארויסגענומען פונ'ם אויהער אַ גאַנצע זשמעני מיט אַרבעס! נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג! די גאַנצע וועלט פרעסט אַרבעס

צעזעצטערהייד — און גאָר ניט, און ביי מיר בעדאַרף זיין מיט נסים, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „אַ שלים־מזל פאַלט אויף גראָז און צעשלאָגט זיך די נאָז"... לכן, בעלי היקר, וואָס טויג דיר די הלוואות, האָבען צו טהון מיט באַרדיטשעווער שווינדלערס, אָנ־זעצערס, — נעם צענויף בעסער די עטליכע קערבלעך און קום צו פאָהרען אהיים, וועסט געפינען דאָ אויך אַ געשעפט. ווי זאָגט די מאַמע: „פאַר געלד קריגט מען אַלץ, חוץ קדחת"... ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

ווייסט דו, וואָס איך וועל דיך בעטען, מענדעל? שרייב מיר נישט פון דיינע יעהופּעצער שאַרלאַטאַנעס מיט זייערע קעפּסוויי־בער — איך וויל נישט האָרכען זייער טרפה'נעם נאָמען אפילו. לאָזען זיי דיר דאָרטען ברענען אויפ'ן פייער! הער בעסער, וואָס ביי אונז האָט זיך פערלאָפען פאַר אַ מעשה: לוי משה־מענדי'ס זוהנדעלע, „באָריש" רופט מען איהם, נאָכ'ן זיידען רב בערישעל עליו השאָלעכץ, אַ טייערער שייגעץ, ער מעג זיין די כפּרה פאַר אונזער משה־הערשעלי'ן אַלע מינוט, איז זיך מיישב יענע וואָך און קומט אַריין מיט צוויי שמשים צו ליבע משה־מרדכי'ס אין קלייט אַריין און רופט זיך אָן צו ליבע'ס טעכטערעל פייגעלע'ן („פאַניטש־קע" האָט זי זיך גאָר אַ נאָמען געגעבען!): „פאַניטשקע, נשמה מיינע, ווייז נאָר אַהער אַ פינגער!" געהט פאַניטשקע און ווייזט אַ פינגער. נעמט ער און טהוט איהר אָן אַ פינגערעל און רופט זיך אָן צו די שמשים: „זייט עדות, רבותים, אַז איך האָב זי מקדש געווען כדת משה וישראל!" איז געוואָרען אַ גוואַלד, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער. ליבע איז געפאַלען חלשות, די גאַנצע שטאָדט איז זיך צענויפגעלאָפען אויף זייער בייז וואונדער. עס האָבען זיך אַריינגעמישט מענשען, מע איז געלאָפען צום רב. זאָגט דער רב, ער מוז איהר געבען אַ גט! זאָגט אָבער פאַניטשקע, אַז זי וויל ניט קיין גט זי איז אין איהם פערקאָכעט שוין פון לאַנג,

אַ בייז פּערליאַפּע׳יש ביי זיי, איין אָפּגערעדטע זאַך נאָך פון אַמאָל — וואָס זאָגסט דו אויף איהר טאַטען? זאָל ניט זיין מיינע צרות אויף זייער קאָפּ?

VII.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערען איינס פון׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז דאָס געלד־געשעפט איז אַ קבצנ׳יי־שער עסק. הלוואה איז אַפילו נישקשה, נאָר וואָס דען? אַז גאָט העלפט מיט אייגען געלד, גישט מיט פרעמדס; מע לויפט און מע לויפט — און ס׳איז ארויסגעוואָרפען! אַז אָך און וועה איז שוין דעם. וואָס בעדאַרף אָנקומען צו דער לאַסקע פון די היגע בעלי־הלוואות, די אַלע באַרדיטשעווער, די וויניצער און די שפּאָלער פּריצענטניקעס, וואָס וואַכסען אָהן רעגען, ווי קראָפּיווע... און אַפילו די גרויסע שוין, כלומר׳שט די באַנקירען, — איידער אָנ־קומען צו זיי, איז אויך גלייכער שוין זיצען אין דערהיים און שנייַ־דען „קאָמפּאָנעס“... הכלל, איך האָב אַ שפּיי געטהאָן אויף דעם געלד־געשעפט און האָב מיך גענומען צו הייזער. וואָס עפּיס צו הייזער? ווייל דאָ, אין יעהופּעץ, איז היינט געוואָרען אַ נייע שפּעגעלאַציע — הייזער. דו קעהרסט אוודאי מיינען, אַז אין יע־הופּעץ קויפט מען אַ שטוב, אַזוי ווי ביי אייך אין כתרילעווקע? האָסט דו אַ טעות. דאָ אין יעהופּעץ, אַז מע קויפט אַ שטוב, טראָגט מען זי באַלד אַוועק אין באַנק און מע נעמט אויף איהר געלד; נאָכ־דעם פערזעצט מען זי און מע נעמט נאָך אַ מאָל געלד; נאָכדעם

פערדינגט מען די דירות און מע נעמט ווידער א מאָל געלד. הכלל, מע קויפט א שטוב אָהן א גראָשען געלד און מע ווערד למזל א בעל־הבית. ווערסט דו דאָך פרעגען: ווי באַלד אזוי, קאָן דאָך איטליכער האָבען א שטוב? איז דער תירוץ: וואו נעמט מען איין אָדערוויף?... אוודאי ווען גאָט העלפט מיר, איך פיהר־אויס דאָס געשעפט, וואָס איך דרעה מיך אצינד (איך האַלט איצט ביי מאַכען א פּאָר הייזלעך), קויף איך מיר דעמאָלט אַליין א הייזעל (אויף דיין נאָמען) פאַר א קערבעל צוואַנציג טויזענד, און וועל נישט אריינלעגען קיין דריי צעבראָכענע גראָשענס. וואָרום אָט האָסט דו דעם חשבון אויבען־אויף: פופצעהן טויזענד גיט מיר ארויס די באַנק, זעכס טויזענד נעם איך ארויס פון דער צווייטער זאַקלאַדנע, בלייבט מיר נישט איבער קיין טויזענד קערבלעך אין קעשעני? האָב איך שוין צו־שטייער אויף הוצאות אויך! הייגנט וואו איז דירה־געלד און שאר ירקות? פון וואַנען דען, מיינסט דו, וואַכסט מען אויס א גביר אין יעהופּעץ? און מחמת איך בין פערנומען און איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינדערלעך און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו בעשרייבסט מיר די מעשה מיט לוי משה־מענדי'ס זוהנדעל, וואָס ער האָט מקדש געווען ליבע'ס טאָכטער, איז דאָס ביי מיר פון די קליינע חידושים. דאָ אין יעהופּעץ איז מען זיך נוהג נאָר מיט פערליעבעניש; חתן־כלה מוזען פריהער פריהער א פערליעבעניש, אַנדערש איז דער שדוך קיין שדוך ניט. דאָ טרעפט זיך אָפּט־מאָל, אז א מאַן ווארפט אוועק א ווייב און פערליעבט זיך אין יענעמ'ס ווייב, אָדער א ווייב וואַרפט־אוועק איהר מאַן און פערליעבט זיך אין יענער'ס

מאַן, און דאָס ווייב פון יענעם מאַן פערליעבט זיך אין יענער'ס ווייב'ס מאַנ'ס ווייב, איך מיין, אין יענעמ'ס ווייב'ס מאַן — מע פערבייט זיך מיט די יוצרות, שלי שלך ושלך שלי... ס'איז ניט כתרילעווקע, ס'איז יעהופעץ...

בנ"ל.

VIII.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער נימ ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אויף דער וועלט, אַז אַ יונגערמאַן זאָל נעמען און אוועקוואַרפען ווייב און קינדער, שווער און שוויעגער, און אוועקלאָזען זיך אין אַ פרעמדער שטאָדט און פערנעמען זיך אַלע מאָל מיט איין אנדער געשעפט: אָט איז ער אַ צוקער־מאַכער, אָט איז ער אַ בעל־הלוואה, און אָט ווערד ער גאָר אַ בעל־הבית פון איין אייגענעם מויער אין יעהופּעץ אָהן אַ גראָשען געלד! ? ס'איז טאַקי כדאי, כלעבען! איידער צו האָבען אַ שטוב און זיין אויף איהר שולדיג מעהר וויפיעל זי איז ווערטה, איז גלייכער זי זאָל פריהער פערברענט און פער'שרפה'ט ווערען אינאיינעם מיט אַלע הייזער אין יעהופּעץ. אַ גליק וויזט מיך טרעפען, אַז ער וועט מאַכען אַ געשעפט און וועט פערדיענען געלד, וועט ער מיר קויפען אַ הייזעל אויף מיין נאָמען. וואָס טויג מיר הייזלעך? דו שיק מיר בעסער געלד, וועל איך מיר שוין געפינען וואָס צו קויפען, ווי זאָגט די מאַמע זאָל געזונד זיין: „געב מיר נאָר אהער דאָס ברויט, אַ מעסער וועל איך מיר אַליין געפינען"... עס איז נאָר איין אָנשיקעניש, אַ גוט אויג אויף מיר — און גענוג! דאַכט זיך, איך וויים, איך בין אויך אַזאַ אידישע טאָכטער, ווי בליומע־זלאַטע, און אַזוי שען

אויך ווי זי, און אַזוי קלוג און ציקאַווע ווי זי אוודאי, — פאַר וואָס זשע, גוואַלד, פאַר וואָס קומט דאָס מיר, אַז איך זאָל האָבען אַזאַ ווייסט פינסטער מזל, און בליומע־זלאַטע זאָל ווערען וואָס אַ טאָג גרעבער ווי לענגער, איינגעדאַרט און אויסגעדריווערט זאָל זי ווערען, ליעבער גאָט! נאָר צוריק שמועסענדיג, וואָס האָב איך, אייגענט־ליך, צו בליומע־זלאַטע'ן? אויף מיין ערד געהט זי נישט אַרום? לאָז זי זיין געזונד און שטאַרק און זיך עלטערען מיט איהר נחמיה'ן, און מיר לאָז גאָט העלפען אין מיין שטייגער. ווי זאָגט די מאַמע: „בעסער זיך געוואונשען, איידער יענעם געשאָלטען"... נישמעהר, ס'איז מיר נאָך אַ וועהטיג צו זעהן ביי לייטען, ווי מע לעבט און ווי מע טהוט זיך אָן, און איך בעדאַרף זיצען איין אַלמנה חיה און אַרויסקוקען אויף מיין שענעם ברויטגעבער, טאָמער וועט איהם דאַרט טרעפען דאָס גליק: אַ גלח וועט פערלירען און ער וועט געפינען, וועט ער מיר מויערען אַ מויער אין יעהופּעץ! נישט דערהאַרען וועט דאָס נאָך יעהנפּעץ, איך זאָל מיך צוליעב דיינע שענע לייט, וואָס בייטען זיך מיט די ווייבער, מפקיר זיין און אוועקלאָזען זיך צו דיר אַהינצוצו, אַראָפּוואַרפען פון זיך דעם פאַריק און ווערען ביי דיר אַ קעפּסווייב, — דעם קאָפּ זאָלען זיי ברעכען, רבונו של עולם, אויפ'ן גלייכען וועג, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

„מע בעדאַרף ניט זיין שען, זאָגט די מאַמע, מע בעדאַרף ניט זיין קלוג, מע בעדאַרף נאָר האָבען מזל". נעם, אַשטייגער, מיין נחמה־ברײַנדלען און נעם רחל דער מוהמע דבורה'ס. די איז שען, ווי די זון אים תמוז, און יענע איז זויער, ווי עסיג. זיצט נחמה־בריינדעל נעבאַך אַ מיידעל, און רחל האָט חתונה און נעמט אַ חתן, עפּיס אַ שלים־מזל פון יאַמפּעלע, און דווקא אַ פיינעם, איין עהרליכען, אַ שטילען, דאָס הייסט, נאַרעשעוואַטע, נאָר פון אַ נרוי־

בען יחוס. ער האָט, זאָגט מען, א שוועסטער א משומדת. דער חסרון, וואָס ער איז אביסעל נישט קיין געזונדער, האָט ער אָבער קיין מורא ניט פאַר'ן פריזיוו. א פערגעניגען אנצוקוקען אָט דאָס פּאָרעל! זי מיינט, ס'איז נישטאָ קיין קליגערס, און ער מיינט, אַז ס'איז נישטאָ קיין שענערס, ווי זאָגט די מאמע: „נישט דאָס איז ליעב וואָס ס'איז שען, נאָר דאָס איז שען וואָס ס'איז ליעב"...

IX.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל איז כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז דאָס געשעפט פון הייזער איז בלאָ־טע. איך האָב מיך בעצייטענס אַ נעם געטהאָן צו אַנדערע מסחרים, צו „אימעניעס“ (גיטער). אימעניעס — דאָס איז גאָר איין אַנדער מין מסחר! ראשית, בעדאַרף מען דערצו נישט רייסען קיין שטי־וועל; מע שרייבט אַריין אַ בריוועל, מע שיקט אַוועק איין „אַפּיס“, יענער פאָהרט זיך דורך, קוקט־אָן די ערד — און עס ווערד מיט גאָט׳ס הילף אַ געשעפט. און והשנית האַנדעלט מען ניט מיט קיין זלידנים, מיט קיין קבצנים; מע האָט צו טהון מיט פּריצים, פּאָ־מעשטשיקעס, פירשטען, גראַפען. וועסט דו דאָך מיך פרעגען: ווי קום איך צו גראַפען? איז דרינען אַ גאַנצע מעשה! אַזוי ווי דו ווייסט דאָך, אַז איך טאָר ניט זיין היע... און עס טרעפט זיך, אַז פּאָליציע קומט אַמאָל ביי־נאַכט אויף דער אכסניא בודק חמץ זיין, גיט אונז די בעל־הבית׳טע פריהער אַ ידיעה, בכדי מיר זאָלען זיך בעצייטענס צעגעהן, ווי זאַלץ אין וואַסער, דער קיין בויבעריק, דער אויף דער דעמעיעווקע, אַזן דער אויף־דער סלאָבאָדקע... נאָר אַ מאָל טרעפט זיך, אַז די בעל־הבית׳טע אַליין ווייסט אויך ניט, ווען עס וועט זיין די בהלה, איז דעמאָלט זעהר ניט גוט! יענע

וואָך ליגען מיר אַזוי אַלע אורחים און שלאָפֿען, דערווייל האָרכען מיר, מע קלאַפּט. שפּרינגט אַראָפּ די בעל־הבית'טע אין איין ציטערניש און רופט זיך אָן צו אונז: „יהודים בלא, קריכט אין שטריי!" — איז געוואָרען אַ שפּרינגערײַ מיט אַ בעהאַלטערײַ: ווער אין קעלער, און איך — אויף מיין אַלט אָרט, אויפ'ן בוידעם, און באַלד נאָך מיר נאָך איינער, אַ אידעל פון קאַמעניץ. ליגענדיג אַזוי אין געהאַקטע וואונדען אויפ'ן בוידעם, הער איך, ווי דאָס אידעל נעבאָך קרעכצט. — וואָס קרעכצט איהר? — פרעג איך איהם שטילערהייד. „אַז אָך און וועה איז צו מיר, זאָגט ער, מיינע פּאַפּיערען האָב איך געלאָזט צוקאָפּענס! איך האָב מורא פאַר מיינע פּאַפּיערען!" — וואָס פאַר פּאַפּיערען? — מאַך איך צו איהם. „אוי, מאַכט ער, זעהר נויטיגע פּאַפּיערען! מ'רעפֿען אָן בלי נוזמא אפשר אַ האַלבען מיליאָן!" איך האָב דערהערט אַ האַלבען מיליאָן, האָב איך מיך שטילערהייד צוגערוקט צו מיין אידעל און פרעג איהם: ווי קומט צו אייך אַזוי פיעל פּאַפּיערען און וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פּאַפּיערען? „ס'איז אימעניעס, מאַכט ער צו מיר, איך האָב אימעניעס אין וואָהלינער גובערניע, גרויסע אימעניעס, מיט די בעסטע רעמאַנענטען, פערד און אָכסען און שאָף אָהן אַ שיעור, מיט וואַסערמיהלען, מיט גוראַלניעס, מיט הויפען שאַרפע, אויסגעצייכענטע גערטנער, מיט אַלדאָס גוטס!" דערהערט אַזעלכע דבורים, רוק איך מיך צו מיין אידעל נאָך נעהענטער: ווי קומט צו אייך אַזוי פיעל אימעניעס מיט אַזא גוטס? „די אימעניעס, מאַכט ער צו מיר, זענען נישט אויף מיין מיסט געוואַכסען געוואָרען; די אימעניעס זענען פּריצישע אימעניעס, נאָר איך האָב זיי אויף דער האַנד, דאָס הייסט, איך בין פון זיי דער פערקויפער, דערויף טאַקי בין איך געקומען אַהער צו פאָהרען, נעבראַכט מיט זיך אַלע פּאַפּיערען, די אָפּיסען פון זיי. ווי מיינט איהר, איך וועל חלילה ניט האָבען קיין שאָדען?" — חס ושלום, זאָג איך, ווער דאַרף דאָס פרעמדס? דער אויבערשטער זאָל העלפען, מע זאָל חלילה ניט פערקריכען, זאָג איך, אַהער

צו אָנגן אויפ'ן בנידעם. און דערווייל טהו איך איהם א טאָפּ פון יענער זייט: — נו, האָט איהר עפּיס געמאכט היע מיט אייערע אימעניעס? „ניין, מאכט ער, לעת־עתה נאָך גאָרניט. איך האָב מורא פאר די היגע מעקלערס. זיי זענען, זאָגט מען, גרויסע ליג־נערס, האָבען ניט אין זיך קיין וואָהר וואָרט! אפשר ווייסט איהר א מעקלער פון אימעניעס, נאָר א רעכטער מעקלער זאָל זיין, דער עיקר איין עהרליכער, ניט קיין ליגנער?“ — אָך, זאָג איך, מיט'ן גרעסטען כבוד! איך אליין, זאָג איך, בין א מעקלער פון אימע־ניעס, דאָס הייסט, זאָג איך, קיין אימעניעס האָב איך נאָך אויף מיין לעבען ניט אויסגעמעקעלט, נאָר גאָרניט, זאָג איך, הלואי זאָל גאָט צושיקען א קונה, איז קיין מלאכה ניט צו מאכען א אימעניע אויך. „איך זעה, מאכט ער צו מיר, אז איך האָב צו טהון מיט איין אמת'ען מענשען און מיט איין עהרליכען מאַן, גיט זשע מיר די האַנד תקיעת־כף, אז צווישען אונז וועט דאָס בלייבען, וועל איך אייך איבערגעבען אלסדינג, וואו די אימעניעס מיינע ליגען, און וואָס ביי מיר געפינט זיך“. הקיצור, מיר האָבען מיט גאָט'ס הילף געמאכט א געשעפט, דאָס הייסט, מיר האָבען געשלאָסען שותפות אויף אלע געשעפטען: ער לעגט אריין אין שותפות אלע זיינע אימעניעס, און איך לעג אריין מיינע קונים. נאָר מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלסדינג באריכות. לעת-עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינדער זאָלען לעבען און איטליכען בע־זונדער נאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ע ל.

עיקר שכחתי. די בהלה, וואָס ס'איז געווען אויף דער אכסניא, איז געווען איין אומזיסטע בהלה. דאָס האָט איינער עפּיס א שכן על־פּי טעות געקלאַפּט צו אונז אין פענסטער, און

מיר זענען זיך אומזיסט צעלאָפען. נאָר דאָ זעהט מען אַרויס, ווי אַזוי דער אויבערשטער פיהרט, אַזוי איז גוט. למשל, ווען דער שכן זאָל ניט געווען קלאַפען אין פענסטער, וואָלט ניט געווען קיין בהלה, און איך וואָלט ניט געווען אויפ'ן בוידעם, און וואָלט מיך ניט בעקענט מיט דעם קאַמעניצער איד, און וואָלט ניט געוואוסט פון קיין אימעניעס און פון קיין גראַפען. עס פעהלט איצט נאָר איין שטיקעלע הצלחה!

הנ"ל.

X.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אַז איך האָב בעקומען אַ הוסט, אויף דיינע יעהופעצער „מאַראַמען“ געזאָגט געוואָרען. איך טרינק שוין ציעגען־מילך, איך בין שוין געוועזען ביי׳ם דאָקטאָר אויך. אין די פאָר יאָהר האָבען די דאָקטוירים ביי מיר אויסגעצאַפּט געלד, זיי מעגען דאָס אויסקרענקען מיט דער אַפּטייק אינאיינעם! — אַ שטיקעל גליק, וואָס עס האָט זיך געעפענט ביי אונז נאָך איין אַפּטייק, און מע קאָן זיך דינגען! מזל טוב דיר מיט דיין נייעם מסחר, מיט די אימעניעס און מיט די גראַפען! בראָש וואַרפט ער זיך מיט געשעפטען, אַלע טאָג אַ נייעס. געזוג וואָס ער איז אַזאַ בריה און אַזאַ גרויסער מוצלח, פערעבענדיוועט ער נאָך און זוכט חסרונות. ווי זאָגט די מאַמע: „אַז דאָס מיידעל קאָן ניט טאַנצען, זאָגט זי — די כלי־זמר קאָנען ניט שפּיעלען“... איך האָב מורא, מענדעל, דו וועסט אַזוי לאַנג פּרובען מיט געשעפטען, ביז דו וועסט אָנהויבען אַרומטראָגען שוועבעלעך צו פערקויפען, אַזוי ווי נעצעל דער מוהמע סאָסי׳ס, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע, געמיינט, אַז דאָרט האַפּט מען דעם קאָטער. צום סוף שרייבט ער היינט אַזעלכע בריוולעך, אַז אפילו אַ שטיין קאָן דאָס ריהרען. ער שרייבט, אַז דאָרט, אין אַמעריקע, מוז יעדער איינציגער אַר־

בייטען מיט דער נשמה, אלא ניט — מעג ער געשוואָלען ווערען פאר הונגער, וועט איהם קיינער ניט געבען קיין שטיקעל ברויט. א שען לאַנד, ברענען זאָל דאָס מיט דיין יעהופּעץ אויף איין פייער! א מצוה אויף אייך א גרויסע, ווי זאָגט די מאַמע: „אז מע האָט ברויט, זאָל זיך ניט גלוסטען קיין צוקערלעקאַך"... הלואי זאָל גאָט א נס טהון, איך זאָל חאָטש ניט הערען פון דיר אין גיכען וואָס מע הערט פון געצעל דער מוהמע סאָסי'ס, און נאָך מיט מעהר פרישקייט, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

„הימעל און ערד, זאָגט די מאַמע, האָבען געשוואָרען, אז קיין פערפאַלענע זאַך זאָל ניט מעהר זיין אויף דער וועלט!" ס'איז אָראָפּגעקומען צו אונז א טשינאָווניק פון דער גובערניע און זוכט און נישטערט, ער וויל זיך דערגרונטעווען, וואו איז אהינגעקומען דאָס געלד, וואָס משה־מרדכי האָט אָפּגעזאָגט אויף עולמות? שקצים האָבען גע'מסר'ט, אז דאָס געלד איז געבליבען ביי'ם גביר, און דער גביר ווייזט א חשבון, אז ס'איז אוועק! וואוהין איז דאָס אוועק? מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך... הלואי ער זאָל חאָטש האָבען אויף זיך ריסטאַנסקי ראָטע, ליעבער גאָט!...

XI.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתריעלעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פון׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז איך האָב אימעניעס אויף אַריבער אַ מיליאָן. איך האָב אַזעלכע אימעניעס, וואָס זענען אַ חריפות, מע זעהט דאָס גאָרניט! וועסט דו דאָך מיך פרעגען: ווי קומט צו מיר אַזאַ גוטס? וועסט דו הערען: אַז איך בין אַרויסגעקומען אויף דער בערזע מיט מיין שותף פון קאָמעניץ און האָב אויסגעקוקט, אַז איך האָב צו פערקויפען אימעניעס, האָבען זיך אַ שאָט געטהאָן מעקלערס, וואָס האָבען אויך אימעניעס צו פערקויפען, און מיר האָבען געמאַכט אַ געשעפט, היינו: מיר האָבען געביטען אימעניעס אויף אימעניעס, דאָס הייסט, מיר האָבען זיי געגעבען „אָפּיסען" פון א ו נ ז ע ר ע אימעניעס, און זיי האָבען אונז געגעבען „אָפּיסען" פון ז י י ע ר ע אימעניעס. איז דאָך ממה־נפשך: וועלען מ י ר מאַכען ז י י ע ר ע אימעניעס, וועלען מיר דאָך א ו ו ד א י פערדיענען געלד; וועלען ז י י מאַכען א ו נ ז ע ר ע אימעניעס, וועלען מיר ו ו י ט ד ע ר פערדיענען געלד, — סאַי ווי סאַי דערלעגען וועלען מיר שוין ניט! הכלל, איך האָב מיך אַריינגע־ האַפּט אין דער חברה מעקלערס און בין געוואָרען מיט גאָט׳ס הילף אַ מעקלער צווישען די גרויסע, און איך זיץ שוין אינוועניג ביי „סעמאַדעני׳ן", ווי אַלע, אַרום די ווייסע מירמעלשטיינערנע טיש־ לעך, ווי אין אַדעס, און איך טרינק קאַווע מיט פּוטערגעבעקס,

אַזוי איז דאָ דער מנהג, אלא ניט, געהט־צו אַ מענש און טרייבט אַרויס. דאָ ביי „סעמעדעני׳ן“ איז די רעכטע בערזע. עס קומען זיך צעננויף אַהער די גאַנצע וועלט מיט מעקלערס. עס איז דאָ שטענדיג אַ געשריי, אַ טומעל, אַ הו־האַ, ווי להבדיל אין שוהל: אַלע רעדען, לאַכען, מאַכען מיט די הענד. אַמאָל קריעגט מען זיך. מ׳ע אַמפּערט זיך און נאָכדעם לאָדט מען זיך, מחמת ביי׳ם טיילען זיך מיט׳ן „קאַרטאַזש“ איז תמיד פאַרהאַן טענות מיט פּרעמענ־ציעס, מיט פערלאָזענישען, מיט קללות, מיט פייגען, מיט פעטש, און איך בין אויך בתוכם. און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם אַנ־דערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די קינדער זאָלען געזונד זיין, און שווער און שוויגער, איטליכען בעזונדער נאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע יִ ק ר ש כ ח ת י. איין אימעניע האָב איך אין וואָהלינער גובערניע מיט אַ פּאַלאַץ. איז דאָרטען פאַרהאַן זעכס און זעכציג חדרים, וואָס די וועגד מיט דער סטעלי מיט די בריקען זענען בסך־הכל דורכאויס פון שפיעגעל־גלאָז, מיט אַ גאָרטען, וואָס ווערד אָנגערופען „האַנדזשירייי“, און וואָס זומער און ווינטער וואַכסען דאָרטען לימענעס מיט פּאָמעראַנצען, היינט די פערד מיט די קאַ־רעטעס. וואָס דאָרט געפיינט זיך, נעמט אָפּ איין אויג, — און דאָס אַלסדינג פערקויפט זיך בחצי חנם! ווען גאָט ברוך־הוא שיקט מיר צו דעם רעכטען קונה, ווער וואָלט צו מיר דעמאָלט געווען גלייך? כ׳איז נאָר איין שטיקעל חסרון, וואָס די מעקלערס פון אימעניעס זענען, צום מיינסטען, געהאַפּט אויף דער צונג, דאָס הייסט, זיי האָבען ליעב אַמאָל מנזם זיין דעם עסק. נאָר וואָס זאָל מען טהון? פון פרנסה ווענען מוז מען אַ מאָל זאָגען אַ ליגען אויך!...

הנ״ל.

XII.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז איך שפּיי שוין מיט בלוט פון דיינע שענע בריוולעך! ס'איז מיר אַ חרפּה אַ בושה צו ווייזען אַפילו עמיצען וואָס דו שרייבסט מיר. ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „דער גרעסטער וועהטיג איז דער, וואָס מע קאָן איהם נישט אַרויסרעדען"... וואָס איז דאָס פאַר איין עובדא, פרעג איך דיך, זיצען גאַנצע טעג ביי סימע־דינה'ן (ווער איז זי אָט די סימע־דינה, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר? ביי אונז איז געווען אַמאָל סימע־דינה די רופאַ'טע, איז זי שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט!) און טרינקען קאַווע מיט פּוטערגעבעקסלעך אין מיטען מיטוואָך שבת־צו־נאַכטס? אַ גדולה אויף איהם, ער האָט „זשעמעניעס" אויף צו פערקויפען מיט זעכס און זעכציג חדרים, זעכס און זעכציג מכות זאָל זיך זעצען מיינע שונאים אויף דער צונג! וואָרום וואָס געהט איהם אָן, אַשטייגער, דאָרטען אין יעהופּעץ, וואָס איך האָב דאָ צו טהון טאָג ווי נאַכט מיט זיינע קינדער? אָט האָט זיך ערשט נעכטען לאה'ניו, מיר זאָל זיין פאַר איהר, צעשלאָגען מיט משה־הערשעלי'ן, לעבען זאָל ער, האָט זי איהם דערלאַנגט מיט אַ גאָפּעל אין פּנים אַריין, אַ גליק וואָס ניט אין אויג! נאָר וואָס העלפט מיר דאָס רעדען מיינס, אַז ס'איז אין איין אויהער אַריין, פון'ם

אַנדערען אַרוים? אַזאַ רציחה! איך שרייב און שרייב, איך וועל צעזעצט שרייבענדיג, און ער זיצט זיך אין געהאַקטע וואונדען אין יעהופּעץ און טרינקט קאַווע, און קוקט ווי מעקלערס פּאַטשען זיך אויף דער בערזע! הלואי זאָל טאַקי עמיצען גאָט געבען אַ זינען, ער זאָל זיך מיט דיר אָפּרעכענען, ווי דו ביזט ווערטה, וואָלסט דו אפשר קליגער געוואָרען. ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

מעגסט זיך איבערנעמען, מענדעל, מיט דיינע „סטעקראַטען", אַזאַ יאָהר אויף זיי! זאָלסט הערען, וואָס סע טהוט זיך ביי אונז אין שטאָדט מיט אונזערע צוויי יונגע דאָקטוירים׳לעך, דאָקטאָר קובעבע און דאָקטאָר לאַקריץ. זיי רייסען זיך ווי די קעץ. דער דאָקטאָר קובעבע האָט זיך מיישב געווען און האָט איינגעגעבען אויפ׳ן דאָקטאָר לאַקריץ, אַז דער דאָקטאָר לאַקריץ האָט גע׳סמ׳ט אַ קינד... איז געגאַנגען דער דאָקטאָר לאַקריץ און האָט איינגע־געבען אויפ׳ן דאָקטאָר קובעבע, אַז דער דאָקטאָר קובעבע האָט אינאיינעם מיט פּיוועל דעם אַגענט פערסטערעכירט אַ טויטען אין דער חברה „יאַקער"... איז געגאַנגען דער דאָקטאָר קובעבע און האָט איינגעגעבען אויפ׳ן דאָקטאָר לאַקריץ, אַז דער דאָקטאָר לאַק־ריץ — — — נאָר לאָזען זיי דיר זיין ביידע די כפרה פאַר מיר און פאַר מיין משפחה און פאַר אַלע מיינע ליעבע און פאַר כל ישראל!

XIII.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החייב והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינם פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז איך האנדעל שוין אצינד נאָר מיט וואַלד, וואָרום א אימעניע אליין אָהן א וואלד איז ווי א שטוב אָהן א קוימען. דער גאַנצער אנטיק פון יעדער אימעניע איז דער וואלד. פון וועלדער זענען אידען גליקליך געוואָרען, געמאַכט מיליאָנען! וועסט דו דאָך מיך געווית פרעגען: ווי קום איך צו וואלד? הער ווי גאָט פיהרט: אז איך בין דאָ געוואָרען א מעקלער פון אימעניעס און האָב מיך אָנגעהויבען רייבען אָרום מעקלערס, האָב איך אָנגעטראָפען גראדע צו איינעם פון די גרויסע מעקלערס. פרעגט ער מיך: „וואָס האָט איהר פאַר סחורה, אנו ווייזט?" געה איך און נעם אַרוים מיין פּעקעל מיט „אָפּיסען" פון אימעניעס אויף א מיליאָן מיט זיעבענהונדערט טויזענד. רופט ער זיך אָן צו מיר: „האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אלע אייערע אימעניעס זענען ניט ווערטה קיין דריי שמעקטאַבעקעס". פרעג איך איהם מסתמא — פאַר וואָס? מאַכט ער צו מיר: „דערפאַר, ווייל ביי אייך זענען אלע אימעניעס נאַקעטע אימעניעס, ערד און הימעל, און ווידער א מאָל ערד און הימעל, און אָבער א מאָל ערד און הימעל! וואו איז עפּיס וואלד? וואָס טויג מיר א אימעניע, אז

זי האָט ניט קיין וואַלד? וואָס שווייגט איהר? וואַלד גיט מיר אהער, וואַלד!!" בקיצור, איך האָב געמאַכט אַ שווייג, ווארום ס'איז מיר געווען אַ חרפה א בושה פאַר זיך אליין, וואָס איך טראָג מיך ארום מיט אַזאַ מין סחורה, וואָס איז גאָר קיין סחורה ניט! — אז ס'איז יאָ אַ וי, רוף איך מיך אָן צו איהם, גיט זשע מיר עפּיס אַ רעכטע אימעניע מיט אַ וואַלד, איך האָב קונים. „אַך, מאַכט ער צו מיר, מיט'ן גרעסטען כבוד! איך האָב, זאָגט ער, פון אייערטוועגען אַ וואַלד — קיין בן־אדם, זאָגט ער, איז דאָרט נאָך נישט געוועזען; ס'איז דאָרטען, זאָגט ער, פאַרהאַן בוימער מששת ימי בראשית, פון זינט די וועלט שטעהט, דעמבעס הויכע ביז דער חמאַרע, ארזי לבנון, פון איין זייט אַ באַהן, פון דער אַנ־דערער זייט אַ טייך. נאָר ווי אַזוי מיינט איהר, זאָגט ער, אַ טייך? אָט איז דער וואַלד און אָט איז דער טייך. אַ האַק אַ בוים, אַ פליוך אין וואַסער!" — — — דערהערט אַזעלכע דבורים, בין איך באַלד אַוועק נאָכשמעקען אַ קונה אויף דעם דאָזיגען וואַלד, און גאָט האָט מיר געהאָלפען, איך האָב געפּאַקט אַ קונה. אָנגעשמעקט האָב איך איהם, געוויינטליך, דורך אַ מעקלער, און דער מעקלער — דורך נאָך אַ מעקלער; נאָר עס מאַכט נישט אויס. לאָז גאָט געבען, דאָס געשעפט זאָל זיין אַ געשעפט, וועט זיין גענוג פאַר אַלעמען. אַז איך בין געקומען צום קונה און האָב איהם פאַרגעלעגט, אָז איך האָב אַזאַ און אַזאַ וואַלד מששת ימי בראשית, פון איין זייט אַ באַהן, פון דער אַנדערער זייט אַ טייך, אַ האַק אַ בוים, אַ פליוך אין וואַסער, — איז איהם דאָס געשעפט באַלד געפעלען געוואָרען; האָט ער מיך באַלד אַ נעם געטהאָן אויפ'ן צימבעל און האָט מיך אָנגעהויבען צו פערהערען אין הלכות וואַלד: ווי אַזוי הייסט דער וואַלד, און וואו שטעהט ער, און וואָסערע בוימער וואַכסען דאָרט, וויפיעל אַרשין זענען זיי פון דער ערד, וויפיעל האַלטען זיי די הויך און וויפיעל די ברייט, פון וואַנען הויבען זיך אָן די צווייגען, וואָס פאַר אַ קאָרע איז אויף זיי, און ווי אַזוי געהען די סלאָיעס אינוועניג, און ווי אַזוי פאָהרט מען אהין, און ווי אַזוי איז דער וועג, און צי

ס'איז דאַרטען ווינטער שנייען?... הכלל, ער האָט מיך בעשאָטען מיט רעד און מיך נישט געלאָזט אויסרעדען א וואָרט. ערשט אויפ'ן סוף רופט ער זיך אָן צו מיר: „וואָס טויג אונז פּוסטע דבורים? איהר ברענגט מיר בעסער איין אָפּיס פונ'ם וואלד, וועלען מיר נאָכ־דעם רעדען". — צו וואָס טויג אייך, זאָג איך, אָפּיסען? אמעהה, אָט טהו איך א שפּרונג אויף איין פוס און ברענג אייך אהער צו פיהרען דעם מוכר אליין, דעם בעל־הבית פונ'ם וואלד, איז דאָך בע־סער פון טויזענד אָפּיסען! הכלל, איך לויף אוועק צו מיין מוכר און חאַפּ איהם און ברענג איהם אריין גלייך צום קונה אין נומער אריין. מיין קונה מיט'ן מוכר האָבען זיך דערזעהן, איז אויף זיי אָנגעפאַלען א געלעכטער, איך האָב געמיינט, זיי וועלען ביידע דעם שלאַג בעקומען. „אָט דאָס איז אייער בעל־הבית פונ'ם וואלד?" מאכט צו מיר דער קונה. „אָט דאָס איז אייער קונה אויפ'ן וואלד?" מאכט צו מיר דער מוכר. אין דעם עפענט זיך די טהיר און עס קומען אריין נאָך צוויי אידען, ביידע פון שדה־לבן, און מע מאכט נישט קיין לאַנגע דבורים, מע בעלעגט דאָס טישעל, מע נעמט ארויס די קאָרטען און מע זעצט זיך אוועק אַלע פיער מאַכען איין „אָקע", און דאָס געשעפט האָט מען געלאָזט אויף אם ירצה השם מאָרגען, און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס שווער און שוויעגער, און די קינדער זאָלען לעבען, און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

XIV.

שיינה־שיינדעל פון כתריל׳עווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדעל נ״י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אז מיין לעבען איז קיין לעבען ניט, ווי זאָגט די מאמע: „איידער אזוי צו פאָהרען, איז שוין גלייכער געהן צו פוס״... איך קאָן מיר פאָרשטעלען, אז אָך און אז וועה, וועך דיינע סוחרים זענען, אז מע קומט זיך צענויף רעדען פון א וואלד, וואָס טרעפט אָן „מיליאָסען״, ווארפט מען אוועק האק און פּאק און מע זעצט זיך אנידער אויף א גאנצער נאכט שפּיעלען אין „אָקע״, עס זאָל אייך אזוי אָקען אין קאָפּ, ווי עס אָקעט מיר אין הארצען, בשעת דער ווײסטער פינסטערער הוסט קומט מיר אָן! וועה איז מיר, ווינד איז מיר, צו וואָס איך האָב מיך דערלעבט, אז מיין מאן, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואוסט קיין צורה פון קיין קאָרט, זאָל ער אצינד־רעדען פון קאָרטען! עס געהט דיר מעהר ניט אָפּ, מענדעל, צו דיינע זיידענע קליידער, אז דו אליין זאָלסט נאָך ווערען א „קאָרטיאָזשניק אויף דער עלטער! נא דיר גאָר וועלדער! ווי קומכט דו צו וועלדער? האָסט דען געזעהען אמאָל, ווי א בוים וואכסט? ווי זאָגט די מאמע זאָל לעבען: „ווי קומט א רב האנדלען מיט חזירים?״... איך האָב מורא, אז פון דיינע וועלדער זאָל זיך ניט אויסלאָזען א בוידעם.

גלייך ווי פון אַלע דיינע גילדערנע געשעפטען, ווי עס ווינשט דיר פּיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

די גאַנצע וועלט טראָגט דיך אויף'ן קאָפּ! יענע וואָך איז זיך מיישב דיין קרובה קריינדעל, די כפּרה זאָל זי דיר זיין פאַר מיר, און בעגעגענט זיך מיט דער מאַמע מיינער אין מאַרק ביי די פיש און הויבט־אָן מיך צו בעוויינען און צו בעקלאָגען, אַ מכה איהר אַ גרויסע! פאַר וואָס, זאָגט זי, נעם איך ניט קיין גט ביי דיר, און איין עק לאָז דאָס האָבען? מאָהל דיר, זי האָט זיך פון דער מאַמע ניט געגאַרט. די מאַמע האָט זיך חלילה מיט איהר ניט געקריעגט, ניט געזידעלט, נאָר גלאַט אזוי דערלאַנגט מיט ווערטער, ווי זי קאָן: „דאַרטען, וואו צוויי זענען אויף איין קישען, טאָר זיך דער דריטער ניט מישען, און איידער אַ נייער שאַרבען, איז גלייכער איין אַלטער טאָפּ... גוטע פריינד זענען ווי קראָפּיווע, וואַכסען אָהן רעגען... פאַר וואָס קוקסט דו בעסער ניט אויף אַ נעהענטערען?... איטליכער דערהערט, ווי יענער האָט געגעסען קנאָבעל... איין אָכס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר ניט בלאָזען"... וכדומה אזעלכע ווערטלעך האָט איהר די מאַמע דערצעהלט אזוי לאַנג, ביז קריינדעל איז אוועק, עס האָט איהר אָפּגענומען דאָס לשון.

XV.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתריל‌עווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ׳ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז פונ׳ם וואלד האָט זיך אויסגעלאָזט א סטעפּ; ס׳איז ל א ד ו ב י ם ו ל א י ע ר , ניט קיין וואלד, ניט קיין בוימער, ניט קיין טייך, א נעכטיגער מאָג! אומזיסט געדולט א קאָפּ אי יענעם, אי זיך; אומזיסט געבראָכען פיס, גע־ריסען שטיוועל. איך האָב ארויסגעזעהן, זוגתי היקרה, אז וועלדער איז ניט פאר מיר, און מיט אזעלכע ליגנערס האנדלען איז ניט פאר מיין קאָפּ. זיי קאָנען דיר אויסטראָכטען אויפ׳ן הימעל א יריד, און מע קאָן דורך זיי אין ־ער שאול תחתיה אריין! וואָס זשע האָב איך געטהאָן? האָב איך מיך בעצייטענס א נעם געטהאָן צו איין אנדער געשעפט, צו זאוואָדלעך (דאָס הייסט, פאבריקען, וואָס מע מאכט צוקער). דאָס איז היינט דאָס בעסטע פון אלע געשעפטען; זוידען קויפען זאוואָדען, און די מעקלערס פערדיענען געלד, זענען מאָסף מכון! פארהאן דאָ א מעקלער פון שדה־לבן, ער האָט זיך אריינגעחאפּט צו די ר א ד א מ י ש ל ע ר און מאכט זיי אלע וואָך א צוויי־דריי זאוואָדלעך, האפּט א צעהן־פופצעהן טויזענד און פאָהרט אוועק אויף שבת אהיים! וואָס דארפסט דו מעהר — משרתים, פאקטוירים זענען היינט געוואָרען מאכערס פון זאוואָ־

דען, טראָגען גילדענע זייגערס, רעדען דייטש, האָבען שוין גאָר „מאָגען־קאַטאַר“, שיקען זייערע ווייבער אין די בעדער אריין, גע־וואָרען מורא׳דיגע סטיקראַטען! הכלל, איין געשעפט איז היינט געבליבען אין יעהופּעץ אויף דער בערזע — זאַוואָדען! אַלע מעק־לערס מאַכען זאַוואָדען, און איך אויך בתוכם. וועסט דו דאָך מסתמא וועלען וויסען, ווי קום איך מיך צושלאָגען צו אזא פונדאַ־מענטאַלנע געשעפט. וואָס איך וויים גאָר ניט מיט וואָס מע עסט דאָס? וועסט דו האָרכען, ווי אזוי גאָט פיהרט מיט אַ מענשען: שוין פון אַ צייט, אז איך האָב אויפגעהערט געהן צו סעמערעני׳ן (ניט, אזוי ווי דו רופסט איהם, סימע־דינה! ס׳איז גאָר אַ זכר, ניט קיין נקבה, און נאָך אַ רשע דערצו!). און אויפגעהערט צו געהן האָב איך, ניט ווייל איך האָב מיך מיט איהם געקריעגט, נאָר פשוט, ווייל ס׳איז מיר נמאס געוואָרען די קאַווע מיט די בולקע־לעך, און אגב האָב איך טאַקי ניט ביי זיך קיין קליין־געלד, האָב איך מיך אָנגעהויבען אַרומדרעהען גלייך מיט אַלע אידען אויף דער גאַס. אזוי לאַנג און אזוי ברייט, ביז איך האָב מיך בעקענט מיט איינעם אַ מעקלער פון זאַוואָדען, ווייזט אויס, אַ גאַנץ עהרליכער און האָט גרויס קענטשאַפט. ער קומט אריין, זאָגט ער, צו אַלע גרעסטע, אפילו צו די בראָצקים. „פון וואַנען, מאַכט ער צו מיר, איז אַ איד?“ — פון כתרילעווקע, זאָג איך. אַליין בין איך, הייסט דאָס, אַ יאַמפּעלער, זאָג איך, אַ נכתב בין איך אין מאַזעפּעווקע, איין איידעם בין איך פון כתרילעווקע, און האַנדלען האַנדעל איך אין יעהופּעץ. „וואָס איז אַזעלכעס, מאַכט ער צו מיר, אָט דאָס כתרילעווקע, אַ דאָרף, צי אַ שטעדטעל?“ — וואָס איז שייך, זאָג איך, אַ שטעדטעל? אַ גאַנצע שטאָדט! „מעגען דאָרטען אידען וואָהנען?“ — נאָך אַ מין מעגען! „נו, און אַ טייך, מאַכט ער, איז ביי אייך פאַרהאַן?“ — נאָך אַ מין טייך, זאָג איך, שטינקיילאָ הייסט דער טייך. „נו און פון אַ באַהן, מאַכט ער, איז עפּיס וויים?“ — סך־הכל, זאָג איך, אַ ווערסט עטליכע און זיעבעציג. וואָס איז, זאָג איך, אַקעגען וואָס פרעגט איהר דאָס? „גיט מיר,

מאכט ער צו מיר, די האנד תקיעת־כף, אז צווישען אונז וועט דאס בלייבען; איך קאן אייך אנזאגען א בשורה, רב מנחם־מענדעל, אז מיר וועלען, אם ירצה השם, אין גיכען ביידע פערדיענען געלד, און א סך, א פולע היטעל! ס'איז מיר נאר־וואס, זאגט ער, אריינ־געפאלען א מחשבה, וואס טרעפט איין מאל אין הונדערט יאהר, היינו: כפי אזוי ווי קונים אויף זאוואדען איז היינט פאראן לרוב, און קיין זאוואדען איז ניטא; וויפיעל ס'איז געוועזען זאוואדען האבען די ראדזשכישלער אויסגעקויפט, און מעהר וויל מען נישט פערקויפען; לכן האט זיך דער עולם א נעם געטהאן צו בויען פרישע צאפעלדיגע זאוואדען, און מחמת אין די דערפער טארען דאך קיין אידען ניט אריין, לכן זוכט מען ערטער אויף זאוואדען נאר אין די קליינע שטעהטלעך, דארטען, וואו אידען מעגען וואהנען; היינט פערשטעהט איהר שוין, אז אייער בתרילעווקע איז בעשאפען גע־ווארען מששת ימי בראשית, אז ס'זאל דארט זיין א זאוואדעל? און אזוי ווי איהר זעהט מיך, האב איך גראדע א קונה אויף צו בויען א זאוואדעל אויף א האלבען מיליאן קערבלעך, נאר קיין ארט איז ניטא: מע האט פערחאפט אלע ערטער! ווייסט איהר ניט, מאכט ער צו מיר, מיט וועמען רעדט מען, און צי קריגט מען דארט בורעקעס און א פלאץ אויף צו בויען א זאוואדעל?" — אך, מאך איך, מיט'ן גרעסטען כבוד! איך האב דארטען, זאג איך, א ווייב ביז הונדערט צוואנציג יאהר, מיט שווער און שוויעגער, מיט א גאנצער משפחה. איך קאן באלד אונעקשרייבען אהינצו א בריוועל, און איהר מענט, זאג איך, זיין זיכער, אז מע וועט מיר תיכף ומיד אפענטפערען מכל־דבר־שורש! לכן, זוגתי היקרה, שרייב איך דיר וועגען דעם און בעט דיך טאקי, זאלסט זיך זעהן מיט עזריאל דעם סטארעסטע און מיט מאשקע דעם רויטען, ער רייבט זיך צווישען פריצים, לאז ער אויסטאפען ביי זיי, צי קאן מען האבען א פלאץ, און וויפיעל קאן מען האבען בורעקעס, און ווי טייער, און טאקי באלד מיר אפענטפערען דורך א בריוועל, כי נחוץ מאד, מע קאן דא, פערשטעהסט דו מיך, חאפען א גראבס, טאקי א צעהן־פופצעהן

טויזענד! און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

עיקר שכחתי. איך האָב מיך צעפרעגט ביי מיין איצ־טיגען שותף, ווער איז דער קונה, און בין געוואָהר געוואָרען, אז דער קונה איז טאַקי איינער פון די ראַדאָמישלער. זעהר א הייסער קונה, מחמת די ראַדאָמישלער זענען אלע זעהר הייסע קונים, ברע־נען צו זאַוואָדלעך, עס מעג זיין א ווינד־מיהל, אבי ס'איז מיט א קוימען און סע פייפט! לכן האָף איך צו גאָט, אז דאָס געשעפט איז, אם ירצה השם, געווים א געשעפט, און מיר וועלען מיט גאָט'ס הילף געווים פערדיענען געלד, חאָטש אפילו מיר זענען דערביי ז׳יבעטע שותפים. איך האָב מורא, אויב ניט א גאַנצער מנין. נאָר לאָז גאָט געבען, דאָס געשעפט זאָל נאָר זיין א גע־שעפט — דו ווייסט דאָך, אז איך בין ניט קיין אָץ להעשיר!

הנ"ל.

XVI.

שיינה־שיינדעל פון כתריעלעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, גיב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אַז איך האָב דיין מגילה געלייענט און געלייענט און האָב ניט פערשטאַנען איין וואָרט, וואָס דו ווילסט! דו פרעגסט זיך נאָך, צי ס'איז דאָ פלאַץ? שרייב איך דיר, אַז אויף דעם נייעם בית־עולם איז פאַרהאַן גענוג, זיס וועט קלעקען פאַר האַלב יעהופעץ! און וואָס פרעגסט דו זיך אַלץ נאָך אויף בורעקעס? פאַר וואָס פרעגסט דו זיך שוין ניט אָן אין איין־וועגס אויף קרויט, אויף חריין און אויף פאַסטערנאַק? און דער טייך? אַזאַ מזל אויף דיינע שותפים, וואָס פאַר אַ וואַסער ביי אונז איז! קומט ערב פסח, טרינקט מען יאַשטשערקעס, און זומער ווערד דער טייך גרין ווי גראָז; איך וואָלט וועלען, אַז דיינע יעהופעצער פיינע בריות, וואָס האָבען צו טהון מיט די מאַ־נענס, זאָלען פערזוכען אונזער וואַסער אַרום תמוז... ניין, מענדעל, לאָזען זיי דיר קרענקען דאָרטען אין יעהופעץ, מיר וועלען זיך שוין בעגעהן אַזוי, אָהן זייערע זאַוואָדלעך, ווי זאָגט די מאַמע מיינע: „ראש־חודש אלול געהט אַוועק, און בעל־הבית בלייבט בעל־הבית"... שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ די דאָזיגע אַלע נאַרישקייטען, דו וועסט אַזוי מאַכען זאַוואָדלעך, פונקט אַזוי ווי דו האָסט געמאַכט וועלדער, אימעניעס, הייזער און צוקער! איך בין דיר ערב, אַז איידער דו

וועסט זיך ארומקוקען, וועלען דיך דיינע שותפים בענעמען פון קאָפּ ביז פיס, וואָרום דו ביזט געוועזן אַ שלים־מזל און וועסט בלייבען אַ שלים־מזל, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

יאָ, זאָג נאָר, מענדעל, וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס, וואָס מע דערצעהלט ביי אונז? מע זאָגט, אַז דאָרט, אין יעהופּעץ, פערשרייבט מען זיך שוין קיין ארץ־ישראל? ווער עס פערשרייבט זיך פערציג קאָפּיקעס, דער פאָהרט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין? ביי אונז האָט מען שטארק אָנגעהויבען דערפון צו שמועסען; יוננע לייט קלויבען זיך צענויף אַלע נאַכט ביי יוסיל משה־יאָסי׳ס און מע רעדט פון ארץ־ישראל. — הכלל, עס טהוט זיך חושך, ווי זאָגט די מאַמע: „שוין לאַנג שטיל געוועזן!“...

XVII.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל איז כתרילעווקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפען, מע זאל תמיד הערכען איינס פונ'ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז דער עסק פון זאווארען איז שטארק אפגעקיהלט געווארען. עס איז געקימען אויף זיי א קריזיס, ממש עס וואלגערען זיך זאווארלעך אין גאס, נישטא קיין קונים! דער עולם, פערשטעהסט דו מיך, האט זיך אנגעגעסען מיט זאווארען, אביסעל אריבערגעהאפט די מאס, געלד איז טייער און צוקער איז בזיל הזול, ווארום מע האט אנגעמאכט אזוי פיעל צוקער, אז ס'איז נישטא וואו זיך אהינצוטהון מיט איהם, האטש נעם ווארף איהם ארויס! ס'איז אין דער ערד דאס געשעפט, די זאווארטשיקעס שטארבען נאך א גראשען, די קאפיטאליסטען האלטען זיך איין און די מעקלערס געהען ארום בטל, אהן א שטאך ארבייט, און איך אויך בתוכם. מיינסט דו דאך אוודאי, אז ס'איז עק וועלט? זאלסט זיך גאר נישט זארגען, זוגתי היקרה, גאט איז גאט און יעהופעץ איז א שטאדט. אזעלכע מענשלעך, ווי איך, ווערען חלילה נישט פער־פאלען; אדרבה, איך האב ערשט א האפנונג, אז היינט, אם ירצה השם, בעדארף איך ערשט אויפקומען, ווארום איך פיהר איצט אזא געשעפט, וואס איך בעדארף פערדיענען אויף מיין חלק כמעט

ביז אַ מאה אלף! דאָס געשעפט, וואָס איך פיהר, טרעפט אָן אַ צעהן מיליאָן, און אפשר נאָך מעהר פון צעהן מיליאָן, עס האָט גאָר נים קיין שיעור און קיין ערך. ס'איז אַ סברא, אַז גאָלד אַליין זאָל דאָרטען זיין אין די אלפים; היינט וואו איז זילבער, וואו איז אַייזען, וואו איז קופער, וואו איז בליי, וואו איז קוועק־זילבער? פון ערדקויהלען און פון שטיינער רעד איך שוין נים! היינט געפי־נען זיך דאָרטען וועלדער מיט פעלדער מיט כל טוב — ס'איז, זאָגט מען, עפרות זהב, און ווילען וויל מען דערפאַר סך־הכל דריטהאַלבען מיליאָן, עס איז אַ מציאה פון אַ גנב! איין חסרון איז נאָר, וואָס ס'איז אַביסעל צו ווייטליך, היינו, סע שטעקט אַזש אין סימביר, און פאָהרען בעדאַרף מען אַהינצו אפשר דריי וואָכען כסדר, וואָרום אַהין געהט נישט קיין באַהן. ווען ווען לעגט מען פיר אַזאַ גרויס גע־שעפט? געוויינטליך, בראָצקי'ן! איז אָבער די צרה, ווי אַזוי דער־יאָגט מען זיך צו בראָצקי'ן אין דער קאָנטאָר? ראשית חכמה, שטעהט ביי דער טהיר אַ שווייצאַר מיט קנעפּ און קוקט אויף דער קאַפּאָטע; ווי באַלד איין אַלטע קאַפּאָטע, אַזוי גיט מען איהר דעם וועג; און אַז גאָט העלפט, מע קומט שוין איבער דעם שווייצאַר, שטעהט מען אָפּ אַ שעה זעכס אויף די טרעפּ און מע וואַרט, טאָ־מער וועט גאָט רחמנות האָבען, מע וועט דערזעהן בראָצקי'ן דורכ־געהן, און אַז מע דערלעבט איהם שוין יאָ צו זעהן געהן, פליהט ער פאַרביי פייל אויס'ן בויגען, און איידער מע קוקט זיך ארום, זיצט ער שוין אין דער קארעטע — און אַ גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָ־טע! קאָן מען נים זיין אַזוי גראָב און מע מוז קומען מאָרגען נאָך אַ מאָל. אויף מאָרגען איז ווידער די אייגענע געשיכטע; אַ קליי־ניגקייט, אַ מענש האָט אַזוי פיעל געשעפטען?! מע קאָן נים אַזוי גיך זיך דערשלאָגען צו בראָצקי'ן! נאָר צו גאָט אַ האָפנונג, איך וועל־מיך מסתמא אַ מאָל דערשלאָגען, און דעמאָלט וועט שוין זיין גימל! און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט נים, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט גע־

בען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינדער און אלעמען בע־
זונדער גאר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם־מענדעל

עיקר שכחתי. וואס דו פרעגסט זיך נאך אויף „ארץ־ישראל", קעהרסט דו אוודאי מיינען „ציניזם"? דאס איז זייער א הויכער ענין, חאטש אין יעהופּעץ אויף דער בערזע האלט מען עפּיס נישט דערפון. איך בין געוועזען א פּאר מאל ביי די היגע „ציניסטען" אויף די „זאסעדאניעס" און האב געוואלט וויסען, וואס דאס איז. האט מען אבער אלץ גערעדט אויף רוסיש, און דוקא א סך גערעדט. דאכט זיך, וואס וואלט זיי געשאדט, זיי זאלען זיך דורכרעדען מיט אידען אויף אידיש?... איך האב אפילו א פּאר מאל א רעד געטהאן מיט מיינע חברה־לייט אויף דער בערזע וועגען דעם. האבען זיי מיך אויסגעלאכט: „ווייס איך וואס? ציניזם! דאקטאר הערצל! אויך מיר א געשעפט!"...

הנ"ל

XVIII.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אַז מיין גיטעל איז געבליבען איין אַלמנה מיט זיעבען קינדער יתומים, איינס קלענער פון'ם אַנדערען! געשטאַרבען איז דער שוואָגער מיינער, מיר צו לענגערע יאָהר, פון אַ צאָהן, דאָס הייסט, אַז מע וויל, איז ער אפילו תמיד געוועזען נישט קיין געזונדער; ער פלעגט, נישט פאַר מיר געראַכט, גאַנץ אָפטליך אונטערהוסטען מיט בלוט. פון דעסטוועגען האָבען מיר געמיינט, אַז ער וועט זיך נאָך מוטשען. צום סוף געהט ער און נעמט זיך אַרויס אַ צאָהן ביי שמעלקע דעם רופא, לעגט זיך אַנידער און שטאַרבט אַוועק. ווי זאָגט די מאַמע, איהר צו לענגערע יאָהר: „קיינער ווייסט נישט, וועמענס מאָרגען עס איז"... און דערוויילע נעבאַך גיטעל לעגט איין די וועלט, ס'איז איהרע טרערען גאָר נישט צו פערשרייבען! אוודאי ווען חלילה פערקעהרט, מיין שוועסטער, איהר צו לענגערע יאָהר, זאָל חס ושלום שטאַרבען, און זלמן־מאיר זאָל בלייבען איין אַלמן, וואָלט ער געוויס אַזוי פיעל טרערען נישט פערגאָסען און וואָרט מסתמא באַלד נאָך שלשים געבראַכט צו פיהרען פון באַרדיטשעווער אַנטיפּ־מאַמע פאַר זיינע קינדער. איך זאָג דאָס טאַקי אָהנעגע אַרע מאַנס־בילען, די כפרה מעגט איהר זיין פאַר אייערע ווייבער. וואָרום וואו

איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז אַ טאַטע פון קינדער זאָל זיך אַריינ־נעמען אַ משוגעת אין קאָפּ אַריין — מיליאָנען! אַ גליק האָט איהם געטראָפען: ער שטעהט ביי בראָצקי'ן ביי דער טהיר! איך האָב מורא, אַז ווייטער פון דער טהיר וועסט דו נישט געהן. איין עבירה די שטיוועל, כלעבען! אָט באַלד טאַקי חאַפּט בראָצקי אַרויס די מיליאָנען און פליהט אַוועק קיין סימביר — וואָס איז? מנחם־מענדעל אַליין האָט געהערט, אַז דאָרטען ערגיץ אין אַלדי שוואַרצע יאָהר וואַלגערט זיך גאָלד מיט קוועק־זילבער! ווי זאָגט די מאַמע מיינע: „אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט דערצעהלט, אַז אַ בלינדער האָט געזעהן, ווי אַ קרומער איז געלאָפען"... נאָר איך ווייס פריהער, אַז אין'ם אַנדערען בריעף וועסט דו מיר גע־ווים שרייבען, אַז פונ'ם גאָלדענעם געשעפט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. עס וועט זיך אָבער געפינען אַ שלאַק מיט אַ נייעם חלום און וועט דיר דערצעהלען, אַז אַ קוה איז געפלויגען איבער'ן דאַך און געלעגט איין איי, וועסט דו צעלאָזען די פּאָלעס און וועסט ווידער לויפען, ווי אַ משוגענער. דו זאָלסט אָבער נעמען אויפ'ן קאָפּ, אַז דו האָסט אין דער היים אַ ווייב ביז הונד־ערט און צוואַנ־ציג יאָהר מיט קליינע קינדער, וואָס קוקען אויף דיר אַרויס, ווי אויף משיח'ן, וואָלט זיך דיר ניט גלוסטען אַרומשלעפּען זיך איבער פרעמדע הייזער און אַרומטראָגען זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס עס שלאָגט צו דער גאָל הערענדיג! נאָך האָט דיך ניט אָנגע־לערנט יעהופּעץ, ברענען זאָל דאָס אויפ'ן פייער, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע: מאיר משולם'ס געדענקסט דו? האָט ער אַ טאָכטער שפּרינצעל, געווען אַ געזונדע מויד אַיין איי־זערנע, שוין אפילו אביסעל איין איבערגעוואַכסענע, נאָר זעהר אַ געראָטענע! האָט זיך צו איהר פערנאַדעט אַ מוכר־ספרים'ניק, וואָס

טראָגט ארום איבער די הייזער מעשה־ביכלעך מיט ראָמאַנסען אויף פראָקאַט. האָט זיך נעבאך שפרינצעל צוגעחאַפּט צו די דאָזיגע מעשה־ביכלעך און ראָמאַנסען, ווי צו עפּיס רעכטס, און זי האָט זיי דורכגעלייענט, זאָגט מען, א שטיקלעך הונדערט, און זי איז גע־וואָרען, ניט פאר מיר געדאַכט, עפּיס אזוי ווי צעמישט; זי רעדט מיט א משונה־מאָדנע לשון, אלץ אזעלכע ווערטער, וואָס מע קאָן ניט פערשטעהן; זי זאָגט, אז מע רופט זי ניט שפרינצעל, נאָר „בערטע", און זי קוקט ארויס אלע מינוט, אלע רגע, אַז אָט־אָט קומט עפּיס איינער, וואָס מע רופט איהם „לאָרד", איהר „בעשיצער", און גנבה'ט זי ארויס דורך א פענסטער, און פערפיהרט זי ערגיץ ווין אלדי שווארצע יאָהר אזש קיין לאָנדאָן, און פון לאָנדאָן קיין סטאַמבול... זאָל נישט קומען איין אויסחאַפּעניש אויף די פוסטע קעפּ, וואָס טראַכטען אוים אזעלכע ווילדע זאכען, וואָס נישט גע־שטויגען, נישט געפלויגען?...

XIX.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינהעל שתהי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפען, מע זאל תמיד הארכען איינס פונ'ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז מיר האבען א גרויסען גאט. העד א מעשה: אז איך האב אנגעהויבען ווערען איין אריינגעהער צו די בראצקים, בין איך געווארען א גרויסער חשוב אויף דער בערזע, און עס האבען זיך צו מיר אנגעהויבען צושארען מעקלערס פון דער וועלט מיט טויזענדער געשעפטען: הייזער און אימעניעס און וועלדער און באהנען און פאראחאדען און פאבריקעס אויף מיליאנען, און אלץ פון בראצקי'ס וועגען! צווישען די דאזיגע מעקלערס זענען פאראן א פאר שותפים, ניט קיין היגע, איינער טראגט א טענדעווערענדע מיט א ענגקאלנער, און דער אנדערער הייסט מיט א משונה מאדנע נאמען, וואס איך שעם זיך דיר איהם ארויסשרייבען... אט די צוויי מעקלערס האבען מיך געפאקט איינמאל בשעת איך בין געגאנגען פון בראצקי'ן, און טענדעווערענדע האט זיך אנגערופען צו מיר בזה הלשון: „הערט זשע אויס, רב מנחם מענדעל, וואס מיר ווילען אייך זאגען. די מעשה דערפון איז אזוי: מיר האבען געהארכט, אז איהר דרעהט זיך דארט ארום די בראצקים, מהכתיתי, לאז אייך גאט העלפען, וואס האבען מיר צו אייך?" — אם כן, זאג איך, וואס זשע ווילט איהר? „וואס, זאגט ער, זאלען

מיר וועלען? מיר ווילען דאָס, וואָס יעדער מעקלער וויל, מיר ווי־
לען פערדיענען, מיר זענען אויך מעקלערס, מיר האָבען אויך גע־
שעפטען, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אביסעל אין אייער זכות, אביסעל
אין אונזער זכות, טאָמער וועלען מיר עפּיס מאַכען, וועלען מיר מאַ־
כען אינאיינעם, עס וועט זיין „יחלוקו“, ווינציגער פערדיענט, אבי
פערדיענען, ווי זאָגט מען: פון אַ קריוודע קאָכט מען וועטשע־
רע...“ — על כל פּנים, זאָג איך, צו וואָס טויג אונז לאַנגע דבורים?
זאָגט בעסער, וואָס האָט איהר? שעמט זיך ניט. „מיר האָבען, זאָגט
ער, געשעפטען זעהר אַ סך מיט גאָט'ס הילף. מיר האָבען קויהלען
אין פּאָלטאַווער גובערניע, מיר האָבען אייזען אין קאַניעווער אור־
יעזד, מיר האָבען אַ מיהל איין אָפּגעברענטע אין פּערעיאַסלאַוו, מיר
האָבען מאַשינעס אַזעלכע גאָר נייע, אַ פינסקער איד האָט זיי אויס־
געטראַכט, הייסט האָבען מיר אַ פּריץ, וואָס וויל אויסבייטען אַ
וואַלד אויף אַ „גוראַלנע“, און אַ אידען האָבען מיר, וואָס וויל קוי־
פען אַ גרויס הויז אין יעהופּעץ אָהן געלד, הייסט אימעניעס! וועל־
דער! טאָמער האָט איהר קונים, וועלען מיר אייך געבען אימעניעס,
אָדער טאָמער האָט איהר אימעניעס, וועלען מיר אייך געבען
קונים“. — ניין, זאָג איך, מיט קיין אימעניעס און וועלדער האַנ־
דעל איך שוין מעהר ניט — איין עק! איך האָב מיך, זאָג איך,
מיט אימעניעס שוין אָפּגעבריהט און האָב געגעבען זיך דאָס וואָרט,
אַז איך זאָל קיין אימעניעס מיט קיין וועלדער מעהר אין די הענד
אריין ניט נעמען! „עט, מאַכט צו מיר די טענדעווערענדע, אַלע
געשעפטען זענען דען גלייך? אָט האָבען מיר איצט אַ אימעניע
אויף קאַווקאַז, אַ אימעניע מיט נאַפט, דאָס הייסט, אַזאַ מין ערד,
וואָס עס שפּריצט פון דאָרט נאַפט, סע שפּריצט און סע שפּריצט
און עס הערט גאָר ניט אויף צו שפּריצען! ס'איז גאָר אַ סברה, אַז
די ערד קאָן דאָרט אַרויסוואַרפען אַ מיליאָן פּוד נאַפט אין איין
טאָג!“... — אויב אַזוי, זאָג איך, זענט איהר פון מיינע מענשען;
אָט דאָס, זאָג איך, איז אַ געשעפט! אָט דאָס גיט אַהער! און
מיר זענעז אַוועק אַלע דריי אין דער „אידישער מאַלאַטשנע“ (איך

געה שוין מעהר ניט צו סעמעדעני׳ן, ווייל דאָרט טרייבט מען ארויס, געה איך שוין אין דער „אידישער מאַלאָטשנע“, פאָרט היימליכער. צווישען אידען, מע קאָן זיצען און רעדען און טהון וואָס מע וויל), און דאָרט האָבען מיר ארומגערעדט דאָס געשעפט און געשלאָסען שותפות, און אז ס'איז געקומען צום צעשרייבען זיך, האָבען זיי מיר מגלה געווען דעם סוד, אז ביי דעם געשעפט ארבייטען נאָך עטליכע שותפים: איינער מיט גראָבע ליפען, דער אנדערער א געלער, ער האַנדעלט מיט זייגערלעך, א מורא'דיגער בעל־מגזם, גאָט זאָל שומר ומציל זיין, און איינער מיט א רויטער נאָז מיט ווייס־פערלעך, אויך א ווילדער בעל־מגזם, און נאָך איינער, איין אלמן. אז איך האָב דערהערט אזוי פיעל שותפים, איז דאָס מיר אפילו ניט אזוי געפעלען. טענדערווערענדע האָט אָבער איבער מיר אזוי לאַנג גערעדט און דערצעהלט משלים, אז איך האָב געמוזט מוסכם ווע־רען, מיר זאָלען זיך אלע צעשרייבען אויף פאַפּיער. געוויינטליך, צווישען שותפים מוזען דאָך זיין טענות; איטליכער האָט גערדונ־גען, אז איהם קומט א גרעסערער חלק. גאָט זאָל מיר נאָר מצליח זיין, איך זאָל שוין מיט אנדערען צד זיין אזוי פאַרטיג, ווי איך בין פאַרטיג מיט די מעקלערס, וועט, אם ירצה השם, זיין גאַרניט שלעכט. וואָרום ביי אָט אזא מין געשעפט ווי אזוי פערדיענט מען ניט חאָטש א מיליאָן קאַרבען? עס איז ביי מיר געבליבען, אם ירצה השם, בלי נדר, טאָמער ווערט דאָס געשעפט, דינג איך מיר באַלד א קאַנטאָרעל אויף ניקאָלאַיעווסקי און איך ווער מיט גאָט'ס הילף א גרויסער מעקלער. און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען, עס זאָל זיין מיט געזונד און מיט הצלחה. לאָז גריסען די קינדערלעך זאָלען לעבען און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

עיקר שכחתי. איך האָב אין זינען געהאַט דיר שרייבען עפּיס זעהר אַ נויטיגס, האָב איך פערגעסען וואָס. לאָז איך שוין, אם ירצה השם, אויפ'ן צווייטען מאָל.

הנ"ל.

XX.

שיינה־ש׳ינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר אין קורצען, וואָרום איך האָב שוין קיין כח ניט מיט דיר צו רעדען. ס׳איז ווי איין ארבעס אין דער וואנד. ווי זאָגט די מאַמע: „שפּיעל דעם חתן וויינענדיגס, ער האָט זיך זיינס אין זינען"... ביזט טאַקי אוודאי א גרויסער חשוב אין יעהופּעץ, וואָרום דו שטעהסט דאָך ביי בראָצקי׳ן ביי דער טהיר, און סע קישעט ביי דיר מיט מיליאָנען, נאָר נאָך אלעמען זאָלסט דו ניט זיין ביי זיך אזוי גרול׳דיג. די מילאָנען זענען נאָך לעת־עתה ביי בראָצקי׳ן, ניט ביי דיר, און עס קאָן זיך אויסלאָזען, אז די ערה, וואָס שפּריצט מיט שמן־זית, זאָל גאָר שפּריצען מיט „מים־אחרונים־וואסער", און אז עס־וועט קומען צו עפּיס, וועט זיך אויס־לאָזען מיט פּעטש, און וועמען וועט מען פּאַטשען? — דיך! על כן איז מיין עצה, אז דו זאָלסט זיך בעצייטענס ארויסחאַפּען פון דיַרטען און קומען אהיים. זאָלסט פערגעסען, וואָס ס׳איז געווען ביז אהער, טאָמער האָב איך דיך אמאָל אָנגעריהרט מיט א וואָרט. ווי זאָגט די מאַמע: „בעסער א פּאַטש פון א פריינד, איידער א קוש פון א פיינד"... און קלאָפּ א טעלעגראַם און קום צו פאָהרען

וואָס גיכער, און לאָם איך פּטור ווערען, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

איך קאָן דיר דערצעהלען אַ נייעס, וואָס ביי אונז האָט זיך פערלאָפען, עס קלינגט מיט דעם די וועלט! דו קענסט דאָך מאיר־מאָטעל משה־מאיר'ס. האָט ער אַ טעכטערעל ראַצעל, איז דאָס אַ ראַצעל פון גאָט, אַ גאַנצע געיורענע, אַ געבילבעטע מאַמזעל, שיט מיט פראַנצויזיש, קלאָפּט אויפ'ן טאַפּטשאַן, געהט זיך ניט צענויף מיט קיינעם. אַ קליינינגקייט, זי קומט ארויס אַזש פון קצבים! ווי זאָגט די מאַמע: „זכות אָבות איז קיין קאַטאָוועס"... הכלל, מע רעדט איהר שדוכים פון דער וועלט, און זי פערעבענדיוועט נאָך; וואָס מע ווייזט איהר, געפעלט איהר ניט. זי וויל אַ חתן דוקא מיט אַלע מעלות; ער זאָל זיין אי שען, אי קלוג, אי רייך — דאָס טע־לערעל פונ'ם הימעל! שדכנים־האָבען געאַרבייט אויף אַלע כלים און מע האָט איהר אַראָפּגעבראַכט אַ חתן, איין אַנטיק, זאָגט מען, אַ קאַרעפּירער אתרוג, און דוקא פון אַ קליין שטעדטעל, פון אוו־ריטש! צענויפגעפאָהרען זיך, האָט מען, געוויינטליך, אַריינגעלאָזט חתן־כלה אין אַ בעזונדער חדר, זיי זאָלען זיך אָנקוקען. רופט זיך אָן די כלה צום חתן: „וואָס האָרכט מען ביי אייך מכח דרייפוס'ען?" מאַכט ער צו איהר: „מכח וואָסער דרייפוס'ען?" רופט זי זיך אָן צו איהם: „איהר ווייסט ניט וואָסער דרייפוס?" מאַכט ער: „ניין. מיט וואָס האַנדעלט ער?"... איז זי באַלד אַרויסגע־לאָפען פונ'ם חדר און איז געפאַלען חלשות, און דער חתן האָט נעבאָך בחרפה געמוזט אָוועקפאָהרען צוריק קיין אָווריטש — אַ מכה איהם, אַ מכה איהר, אַ מכה זיי ביידען! איך בעט דיך, מאָך מיר קלאָר, ביזט דאָך צווישען מענשען: ווער איז אָט דער דריי־פוס, וואָס עס קאָכט מיט איהם אַזוי די וועלט?

XXI.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתריליעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז מיט בראָצקי'ן האָב איך מיך צע־גאַנגען. דאָס הייסט, מיר האָבען זיך חלילה נישט געקריעגט, נאָר איך האָב אויפגעהערט געהן אהין — וואָס איז מיר בראָצקי, אז איך שפּאָר שוין גאָר אָן צו רויטשילד'ען קיין פּאַריזש ? ! ווערסט דו דאָך מסתמא פרעגען, ווי קום איך, מנחם־מענדעל, צו רויטשילד'ען אַזש קיין פּאַריזש ? איז דער תירוץ טאַקי: וויעדער קאַווקאַז און וויע־דער נאַפט ! אַלע נאַפטען, וואָס אויף קאַווקאַז, זענען זיינע, און אַליין זיצט ער אין פּאַריזש. בלייבט דאָך די קשיא, ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער ? פאַלט מיר איין אַזאַ מין געדאַנק: פאַר־האַן ביי אונז אויף דער בערזע אַ פויגעל, וואָס ער הייסט טודרוס. אַט דער טודרוס איז געוועזען אַמאָל גאָר אַ גרויסער שפּעגעלאַנט, אַ הייסער, אַ פייעריגער שפּעגעלאַנט. אז דער עולם האָט זיך אָפּ־געשאַקעלט מיט די עטליכע גילדען, זענען אַלע גרויסע שפּעגע־לאַנטען (און איך אויך בתוכם) געוואָרען מעקלערס, און טודרוס האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין פּאַריזש און דרעהט דאָרטען די גרעס־טע געשעפטען אויף מיליאָנען ! אויף מיין גליק בעדאַרף אַצינד טודרוס זיין היע אין יעהופעץ. האָב איך מיך נישט געפוילט און

בין אוועקגעלאָפען צו איהם אהיים און האָב איהם גאַנץ פיין איבער־געגעבען, אַז איך האָב אָנגעשמעקט איין ערטעל אויף קאַווקאַז, וואָס שפּריצט מיט נאַפט, און ווערליג מע הייסט זיך געבען דערפאַר אַ סך געלד, ווייזט אויס, אַז דאָס געשעפט פּאַסט גאָר קיין פּאַריזש. רופט זיך אָן צו מיר טודרוס: „איך האָב אַ קונה!“ פרעג איך: ווער איז דער קונה? מאַכט ער: „רויטשילד“!“ — איהר קענט זיך, זאָג איך, מיט רויטשילד’ען? „צי איך קען זיך, מאַכט ער, מיט רוטשילד’ען? לאָמיר דאָס, זאָגט ער,ביידע פערמאָגען, וויפיעל געשעפטען איך האָב שוין מיט איהם געמאַכט און וויפיעל געלד איך האָב ביי איהם פערדיענט!“ — האָט קיין פּאַראיבעל ניט, זאָג איך, אפשר וואָלט איהר זיך מטריח געווען, זאָג איך, אוועקשרייבען צו רויטשילד’ען קיין פּאַריזש? „אוועקשרייבען, מאַכט ער, איז קיין קונץ ניט! אָך בין טאַקי מיט איהם ווי אַנדערע צוויי, נאָר איינס צום אַנדערען געהער זיך נישט אָן; מע בעדאַרף האָבען איין אָפּיס מיט אַ פּלאַן, אַנדערש קאָן מען ניט“. בקיצור, איך בין אוועק צו מיינע שותפים און האָב איהם געבראַכט פון זיי איין אָפּיס מיט אַלע זיעבעצעהן זאַכען. נו, ווי געפעלט דיר, זוגתי היקרה, ווי אַזוי מנחם־מענדעל שטעלט צענויף מיט גאָט’ס הילף אַ געשעפט? השם יתברך זאָל נאָר העלפען, עס זאָל אָנקומען די גוטע תשובה פון רויט־שילד’ען, פערשטעהסט דו שוין, וואָס פאַר אַ פּנים עס וועלען דע־מאָלט האָבען ביי מיר אַלע יעהופּעצער גרויסע מעקלערס? ס’איז נאָר שלעכט דערווייל, וואָס סע פעהלט דאָס מזומנ’ע דרייערעל, זאָלסט זעהן, וואָס עס טהוט זיך ביי אונז, ווי אַזוי די וועלט איז געענגט אין געלה. ממש מע געהט אויס, מע שטאַרבט נאָך אַ קער־בעל! מע קוקט אַרוים אַלע טאָג אויף גרויסע אָנזעצען. נאָר זאָרג נישט, זוגתי היקרה, ס’איז אַלץ ביז אַ צייט; פאַר אונזער עגמת־נפש וועלען מיר, אם ירצה השם, האָבען גרוים נחת. לאָז נאָר אָנ־קומען די גוטע בשורה פון פּאַריזש, וועל איך מיך שוין אַריינכאַ־פּען אין קלייט אַריין, וועל איך שוין אין זינען האָבען, אם ירצה השם, אי זיך, אי דיך, אי די קינדערלעך אַלע, זאָלען געזונד זיין.

און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די קינדערלעך און איטליכען בעזונ־דער גאָר פריינהליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט זיך נאָך אויף דרייפוסען, איז דאָס זעהר אַ שענע מעשה. אַזוי איז געוועזען די געשיכטע: אין פּאַריזש איז געווען דרייפוס אַ קאַפּיטאַן, דאָס הייסט, ס'איז געווען אַ קאַפּיטאַן, וואָס האָט געהייסען דרייפוס. און עסטערהאַזי איז געווען אַ מאַיאָר (אַ מאַיאָר איז עלטער פון אַ קאַפּיטאַן, און אפשר, פערקעהרט, אַ קאַפּיטאַן איז עלטער). איז ער געווען, דאָס הייסט דרייפוס, אַ איד, און עסטערהאַזי דער מאַיאָר איז אַ כריסט. האָט ער אָנגעשריבען די באָרדעראָ. דאָס הייסט, דער מאַיאָר עסטערהאַזי האָט אָנגעשריבען די באָרדעראָ און האָט אַרויפגעלעגט די גאַנצע באָד אויף איהם, אויף דרייפוס'ען. איז געגאַנגען דרייפוס און האָט זיך געוואָלט פערענטפערען. האָט מען איהם גע'משפּט, ער זאָל זיצען אייביג אויף איין אינזעל אין מיטען ים איינער אַליין פערשפּאַרט. איז געגאַנגען זאָלאַ און האָט געמאַכט גוואַלד, און האָט אויסגעוויזען מיט ראיות, אַז סטייטש, ער הייסט פאַר קלאָר, אַז ס'איז ניט דרייפוס האָט געשריבען די באָרדעראָ; וואָס האָט איהר צו איהם, ס'איז גאָר דעם מאַיאָר'ס אַרבייט, עסטערהאַזי'ס! איז מען געגאַנגען און מע האָט איהם גע'משפּט, ער זאָל אויך זיצען. האָט ער זיך מיישב געווען, טאַקי לאַ, און איז גאָר אַנטלאָפען. איז געגאַנגען נאָך איינער, פּיקער, פּאָלקאָווניק, און האָט אויך אָנגעהויבען שרייען און ליאַרעמען. איז אַרויסגעשפּרונגען מערסי, דוקא אַ גענעראַל, און נאָך איינער ראַזשע, אויך אַ גענעראַל, און נאָך אַ סך גענעראַלען, און האָבען

געזאָגט פאַלשע עדות אויף דרייפוס'ען. איז געוואָרען אַ געפּיי־דער צווישען די פראַנצויזלעך, מע זאָל איהם אָראָפּברענגען, טאַקי דריי־פוס'ען. האָט מען איהם געבראַכט צו פיהרען קיין רען. אויפ'ן משפט. איז געקומען צו פאָהרען איין אַדוואָקאַט פון פּאַריזש. האָט מען איהם געוואָלט שיסען. האָט מען איהם געשאָסען פון הינטען. האָט ער געמאַכט פון אַלע גענעראַלען אַ פּלעדערוויש. און דרייפוס'ען האָט מען פון דעסטוועגען ווידער אַ מאָל פער'משפט. נאָר מע האָט איהם אָבער באַלד אַרויסגעלאָזט. דאָס הייסט, יאָ שולדיג, און פאָרט ניט שולדיג — און רוף אונז קנאַקניסעל!... היינט פער־שטעהסט דו שוין די מעשה מיט דרייפוס'ען?

ה"ג ל.

XXII

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז דו ביזט ניט ווייט פון א משוגענעם, עס געהט דיר אָפּ נאָר איין זאַך — נעמען א שטע־קען און לויפען איבער די גאַסען! האָסט דו געהערט אַביסעל א גדולה: ער שפּריצט מיט גאַז, פליהט קיין פּאַריזש, וואַרפט מיט מיליאָנען! ער גלייכט זיך צו די יעהופּעצער נגידים. זיי האָ־בען קיין געלד ניט, און ער האָט קיין געלד ניט. ווי זאָגט די מאַמע: „בין איך מיר אויך א בהמה און פּגר אין דער טשערע־דע"... געדענק מיין וואָרט, מענדעל, אַז מע וועט דיך ברענגען אַהיים אָדער אין קייטען, אָדער אין א ליילעך, אַזוי ווי דו ביזט ווערטה, בכדי דו זאָלסט געדענקען, אַז דו האָסט א ווייב ביז הונ־דערט און צוואַנציג יאָהר, וואָס פערשטעהט מעהר פון דיר. און פאַר דיינע מתנות, מענדעל, וואָס דו ווילסט מיר אָננעמען, דאַנק איך דיר זעהר. לאָז זיי גאָט העלפען אַזעלכע קונים א סך ווי דו מיט דיינע שותפים די ליגנערס, וואָס פערדיענען מילי־מיליאָסען און פּגר'ען פאַר א גראָשען, הלואי ווייטער ניט ערגער, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליה

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

די מעשה פון דרייפוס׳ען, וואָס דו האָסט מיר בעשריבען, זאָל איך אַזוי וויסען בייז, ווי איך פּערשטעה אפילו איין וואָרט! ווי קומט אַ איד זיין אַ קאַפּיטאַן, און וואָס פאַר אַ מין ב אַ נ ד ע ר אַ, וואָס איינער לעגט אַרויף אויף דעם אַנדערען? צו וואָס האָט דער ז אַ ל ע בעדאַרפט אַנטלויפען, און וואָס האָט מען איהם געוואָלט שיסען, און פאַר וואָס עפּיס פון הינטען, נישט פון פאָרענט?... ווי זאָגט די מאַמע: „ציעגען זאָלען אזוי וויסען פון פרעמדע גערט־נער, ווי ער ווייסט וואָס סע מהוט זיך מיט איהם"...

XXIII.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל איז כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז דאָס קאַווקאַז האָט געמענט אריין אין דער ערד אריין איידער איך האָב דאָס דערקענט! איך טאָר מיך גאָר נישט בעוואייזען אויף דער בערזע! וואָס איז די מעשה? די מעשה איז אַ פּשוטע מעשה: נעכטען קום איך אַרוים אויף דער בער־זע, געהט מיר אַקעגען ט ו ד ר ו ס און מאַכט צו מיר: „הערט נאָר, רב איד, וואו איז ערגיץ אייער קאַווקאַז?" — קאַווקאַז, זאָג איך, איז אויף קאַווקאַז. וואָס איז דען? „איך האָב, מאַכט ער, נאָכגע־דאַכט אויף דער לאַנדקאַרט, וואו געפינט זיך ערגיץ אייער געשעפט, לאָזט זיך אוים, אַז די שטאָדט, וואָס איהר האָט דאָרטען אַנגערו־פען, איז אַ נעכטיגער טאָג". — וואָס הייסט, זאָג איך, אַ נעכטיגער טאָג? „אָט דאָס הייסט, זאָגט ער, ס'איז גאָר אַזאַ שטאָדט נישטאָ אויף דער וועלט. עפּיס אַ נאָמען פון דער הגדה... ווי נעמט דאָס אַ איד, זאָגט ער, און לעגט פאַר אַ געשעפט, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען? און נאָך ווּעמען? רויטשילד'ען! איהר ווייסט, זאָגט ער, ווער רויטשילד איז?!" — פאַר וואָס, זאָג איך, זאָל איך ניט וויסען? איך וויים זעהר גוט, זאָג איך, ו ו ע ר ר ו י ט־שי ל ד א י ז, נאָר וואָס בין איך, זאָג איך, שולדיג? מע האָט

מ י ר געזאָגט, האָב איך א י י ך געזאָגט. און איך האָב מיך באַלד געלאָזט לויפען זוכען די ט ע נ ד ר ע ו ו ע ר ע נ ד ע און האָב איהם געפונען אין דער „אידישער מאַלאַטשנע“, דאָרט, וואו אַלע אידען זיצען, און האָב איהם גענומען אויפ'ן צימבעל: — זאָגט מיר נאָר, ט ע נ ד ר ע ו ו ע ר ע נ ד ע סערדצע, וואו געפינט זיך ערגיץ דאָס געשעפט אונזערס? „ס'א משל, מאַכט ער, דאָס געשעפט איז דאָך ביי אייך, א י ה ר האָט דאָך דעם קונה!“ — ניין, זאָג איך, ניט דאָס מיין איך; איך מיין דאָס געשעפט גופא, וואו שטעקט דאָס ערגיץ, אין וואָסערע מקומות, ווי אַזוי פאָהרט מען אהינצוצו, דורך וואָס פאַר אַ שטאָדט? „דאָס, מאַכט ער, ווייס איך גראָד נישט, דאָס בעדאַרף וויסען דער שותף־מיינער“. זענען מיר געגאַנגען ביידע זוכען דעם שותף. זאָגט אָבער דער שותף, אַז איהם האָט געזאָגט דער, וואָס מיט דער ר ו י ט ע ר נ אָ ז. און די ר ו י ט ע נ אָ ז זאָגט, אַז ער ווייסט ניט פון קיין פותר און פון קיין חלום; ער האָט געהערט, זאָגט ער, פון יענעם מעקלער, וואָס מיט די ג ר אָ ב ע ל י פ ע ן, אַז די ט ע נ ד ר ע ו ו ע־ר ע נ ד ע האָט אַ געשעפט אויף ק א ו ו ק א ז, נאָר וואו ק א ו ו ק א ז און וואָס ק א ו ו ק א ז — ווייסט ער ניט, ער זאָל אַזוי ניט וויסען פון קיין שלעכטס! הקיצור, מע האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען, פון וואַנען שטאַמט דאָס געשעפט און ווער האָט דאָס אויפגעגעבען, האָט איינער אָנגעוויזען אויפ'ן אַנדערען, דער אויף יענעם און יענער אויף דעם, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז ס'איז געבליבען מסתמא, אַז דער גאַנצער חייב בין איך; איך האָב שוין אַזאַ גליק, משטיינס געזאָגט, אַז אומעדום בין איך דאָס כפרה־היהנדעל!... הערסט דו, זוגתי היקרה, וואָס איך בין דערגאַנגען? אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל, זאָל מען זיך בעסער בעגראָבען אַ לעבעדיגער! צו וואָס איך זאָל מיך נישט נעמען, איז לכתחילה, דאַכט זיך, אַלסדינג גוט און שען און פיין, אָט־אָט האַפּ איך דאָס גליק, אָט־אָט איז דאָס ביי מיר אין קעשענע — צום סוף טהוט זיך דאָס ראָדעל אַ דרעה־איבער, און עס לאָזט זיך אויס אַ נעכטיגער

טאָג! ניט בעשערט, אפנים, אז איך זאָל אויפקומען פון מעקלע־ריי, האָפּען א גראָבס און אַנטלויפען! ניט בעשערט, אז מנחם־מענדעל זאָל אויפקומען, ווי אַנדערע מעקלערס אין יעהופּעץ! אַלע טראַסקען, נאָר איך איינער שטעה און קוק, ווי די וועלט מאַכט געשעפטען און פערדינט געלד, און איך דרעה מיך אַרום, ווי א פרעמדער. איך זעה פאַר זיך מיליאָנען מיט מיליאָנען, און קאָן זיי נישט חאַפּען... איך בין שטענדיג עפּיס ווי אין דרויסען... אפנים, איך האָב מיך נאָך ניט אַרויפגעשלאָגען אויפ׳ן ריכטיגען וועג? קיין מענש ווייסט ניט, וואו זיין מזל געפינט זיך... מע דאַרף עס לאַנג זוכען, און אז מע זוכט, געפינט מען... און מחמת איך בין זעהר דערשלאָגען, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לאָז גריסען שוועהר און שוויגער און שרייב מיר, וואָס מאַכסט דו עפּיס און געזונד, און קוש די קינדער זאָלען לעבען און געזונד זיין, און שרייב מיר, וואָס הערט זיך עפּיס ביי אייך אין כתרילעווקע?

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ־ ש כ ח ת י. צרות רבים חצי נחמה. אז מע זעהט זיך אָן יענעמס צרות, ווערד אביסעל גרינגער אויף דער נשמה. אָט נעם, למשל, דעם אורח, וואָס שטעהט מיט מיר אין איין חדר. געווען אַמאָל א פּאָדראַטשיק, זאָגט ער, א גביר, א בעל־הבית פון הייזער און קלייטען אייגענע, און היינט לאָדט ער זיך מיט „קאַזנאַ", ער האָפט איינמאָנען א סך געלד, גאָר א סך געלד. נאָר מחמת ער האָט נישט א גראָשען ביי דער נשמה, האַלט ער זיך אויף לעת־עתה ביי מיר. אם ירצה השם, אז ער וועט אויסלאָדען זיין געלד, וועט ער מיך, זאָגט ער, ניט פערגעסען... און נאָך איינער שטעהט מיט מיר צוזאַמען, נאָך א גרעסערער אַרעמאַן פון יענעם: ער איז א שרייבער. ער שרייבט אין די בלעטער און מאַכט א בוך! דערווייל, ביז זיין בוך וועט פאַרטיג ווערען, האַלט ער זיך אויף מיט אונז

אינאיינעם, און פאַר רחמנות גיט איהם די בעל־הבית׳טע אַמאָל אַ גלעזעל טיי. און נאָך איינער האַלט זיך אויף ביי אונז אויף דער אכסניה, אַ מין עני ואביון, דער שרייבער איז אַ הונד קעגען איהם! ווער און וואָס ער איז — ווייס איך אַליין ניט: עפּיס אַ שטיקעל אַגענט, אַ שטיקעל שדכן, אַ שטיקעל מַקטיאָר, זינגט ליעדלעך און טרייבט אַרויס מייז, — זעהר אַ פריילֵיך אידעל, האָט נישט קיין העמד אויפ׳ן לייב און געהט אויס ממש פאַר אַ שטיקעל ברויט! הכלל, מען זעהט זיך אָן אַזוי פיעל צרות אויף דער וועלט, אַז מע פערגעסט אָן די אייגענע!... געדענק זשע, למען השם, שרייב מיר פון דיין געזונד און פון די קינדער זאָלען געזונד זיין און פון שווער און שוויגער און פון איטליכען בעזונדער.

הנ״ל.

XXIV.

שיינה-שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם-מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דו אָפּגעריסענער נאַר? קושען בעדאַרפסט דו דאָך די ווערטער מיינע, ווי זאָגט די מאַמע: „קוש דעם קאַנטשיק, וואָס שמייסט דיך!“... האָסט זיך שען אויסגעהאַנדעלט דאָרטען, וואָס טויג מיר גרויס, און האָסט זיך צענויפגעסקאָמפּאַניעט מיט אַ פיינער חברה שלעק, פּאָדראַטשיקעס, שלעפּערס, מחברים, ליעדעלמאַכערס, מייזענטרייבערס — ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכען און גענוג! אַוודאי דאַרף מען זיצען צוליעב דעם אין יעהופּעץ אויף איין אכסניא און טרענצלען קערבלעך! מיר געפעלט נאָר, וואָס דו ביזט געקומען צום שכל: אַפּנים, זאָגסט דו, ס'איז דיר ניט בעשערט אויפצוקומען דאָרטען, ווערען אַ מיליאָנשטשיק? ביזט נאָך מסופק, מענדעל? איך שריי שוין פון לאַנג, אַז דו זאָלסט זיך אַרויסשלאָגען פון קאָפּ די דאָזיגע נאַרישע געדאַנקען. לאָם איך שוין אַזוי זיין בעוואָהרענט פון אַלדאָס בייז און דו פון'ם נאַר דיינעם, ווי דו ביזט בעוואָהרענט פון מיליאָנען! פערגעס, מענדעל, אָן די מיליאָנען, פערגעס, אַז ס'איז נאָר פאַראַהן ערגיץ אַ בראָצקי אויף דער וועלט, וועט זיין אַז וואָהל צו דיר און צו דיין נשמה! „קוק ניט וואָס העכער פון דיר, קוק וואָס נידעריגער פון דיר“. — אַזוי, דאַכט זיך, שטעהט געשריבען

אין די ספרים? און זיי נישט מקנא די יעהופעצער פיינע מענש־
לעך, וואָס טראַסקען. לאָזען זיי טראַסקען, לאָזען זיי טרישטשען,
לאָזען זיי ברעכען רוק און לענד, ווי עס ווינשט דיר היינט און אַלע
מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

זאָג מיר נאָר, וואָס האָסט דו זיך עפּיס פלוצים דערמאַנט, מיין
טייערער מענדעל, זיך נאָכפרעגען אויף אונזער כתרילעווקע? און
וואָס בין איך דיר עפּיס געוואָרען אַזוי טייער, וואָס דו זאָרגסט זיך
אַזוי פאַר מיין געזונד? אפנים, דו האָסט זיך טאַקי פאַרט פער־
בענגט נאָך אונז?... ווי זאָגט די מאַמע: „לאָז דאָס קאַלב לויפען,
עס וועט זיך אויסהונגערען, וועט דאָס אליין קומען אַהיים“... איך
וואַרט אויף אַ דעפּעש פון דיר. אַז דו פאַהרסט. שוין צייט, שוין
לאַנג צייט — הלואי זאָל דאָס זיין מיין לעצטער בריעף...

סוף פונ׳ם דריטען בוך.

אַ בכבוד'ע פּרנסה

(מנחם־מענדל — אַ שרייבער).

I.

מנחם־מענדל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתריעלעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אַז איך האָב אַוועקגעוואָרפען אַלע געשעפטען, איין עק, אוים בערזע, אוים סעמערעני, אוים מעק־לעריי — ס'איז גאַלע שווינדעל מיט חאַפּעריי, מיט בזיונות, מיט דער שוואַרציאָהר ווייסט וואָס! איך האָב שוין היינט אַ נייע פּרנסה, אַ שפּאָגעל־נייע פּרנסה, אַביסעל אַ שענערע און אַ לייטי־שערע פּרנסה — איך בין געוואָרען למזל אַ שרייבער. איך שרייב! ווערסט דו דאָך מסתמא פרעגען, ווי קום איך צו שרייבעריי? — ס'איז מן השמים.

אויב דו געדענקסט פון מיין לעצטען בריעף, האָב איך מיך דאָ אויף דער אכסניא, וואו איך האַלט סטאַנציע, בעקענט מיט איינעם

א שרייבער, וואָס שרייבט אויף די גאַזעטען, און דערפון מאַכט לעבט ער. דהיינו, ווי אַזוי? ער זעצט זיך אַוועק און שרייבט אַן אַ זאַך און שיקט עס אַוועק, און מע דרוקט עס אָפּ, און אַז מע דרוקט עס אָפּ, בעקומט ער בעצאָהלט פון דער שורה, אַ קאָפּיקע אַ שורה, וויפיעל שורות, אַזוי פיעל קאָפּיקעס. האָב איך מיך מיישב געווען: גוואַלד, רבונו־של־עולם, מיט וואָס בין איך ערגער פון איהם? די גרויסע תורה וואָס דאָ איז? דאַכט זיך, איך האָב אויך געלערענט אין אַ חדר, און אַ האַנד צום שרייבען האָב איך אַ שענערע ווי ער, — אפשר וואָלט איך מיך אַ פּרוב טהון און געבען אַ שרייב־אריין אין אַ אידיש בלאַט? וואָס קומט מיר דערפאַר? קעפּען וועט מען דאָך מיך ניט! כמה נפשך, יאָ — יאָ, ניין — ניין! — און גנה און שרייב אַוועק אַ בריעף גלייך אין דער רע־דאַקציע אריין, אַזוי און אַזוי, און איך דערצעהל זיי אויס מיין גאַנ־צע בעגריפיע. ווי אַזוי איך האָב אַמאָל געקנאַקט אויף דער בער־זע, אין אָדעס און אין יעהופּעץ, איבערגעדיענט כל העבודה־זרות, געהאַנדעלט און געמעקלערט מיט „לאָנדאָן“ און מיט „פּאַפּיערלעך“ און מיט „יקנה“ז“ אין די מיליאָנען אריין, געווען זיעבען און זיעבע־ציג מאָל אָט אַ נגיד און אָט אַ קבצן, אָט אַ גביר און אָט איין אביון. הקיצור, איך האָב נישט געזשאַלעוועט מיין טרהר און האָב זיי אָרויסגעשריבען אַלסדינג באריכות, אפשר אויף צעהן זייטלעך. און געבעטען האָב איך זיי, זיי זאָלען מיר ענטפערען, אויב עס געפעלט זיי מיין שרייבעכץ, וועל איך זיי שרייבען און שרייבען קומט מיר נישט אָן, מיינסט דו, אין אַנדערהאַלבען חדשים ארום פון דער רעדאַקציע איין ענטפער? זיי שרייבען מיר, אַז מיין שריי־בעכץ געפעלט זיי דוקא זעהר גוט, און לעגען מיר פאָר, איך זאָל זיי אַרויסשרייבען די אַלע מיינע בעשרייבעכצען באריכות; און אויב מיינע בעשרייבעכצען וועלען זיין גוט בעשריבען, וועלען זיי מיינע בעשרייבעכצען מיט פערגעניגען אָפּדרוקען אויפ'ן בלאַט און וועלען מיר בעצאָהלען פאַר דער שורה, אַ קאָפּיקע אַ שורה. ז פערשטעהסט? וויפיעל שורות, אַזוי פיעל קאָפּיקעס. האָב אי

באלד געגעבען א חאפ אויף דער פען, וויפיעל, למשל, קאן איך אנשרייבען? צום אלעם מינדעסטען רעכען איך, אז איך קאן אין א לאנגען זומערדיגען טאג אנשרייבען גוטע טויזענד שורות. מאכט דאס ניט א צעהנערעל א טאג? האבען מיר א קיימא־לן, הייסט דאס, פון כמעט־דרייהונדערט רובעל א חודש. נישקשה פון א זשא־לאוואניע, ווי מיינסט דו? און נישט לאנג געטראכט, האב איך מיר געקויפט א פלעשעל טינט מיט א ריז פאפיער און האב מיך אוועק־געזעצט צו דער ארבייט. און מחמת איך האלט סאמע אין רעכטען שרייבען, מאך איך דאס בקיצור. אם ירצה השם, אין די וויטער־דיגע בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלסדינג באריכות. לעת־עתה זאל גאט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינ־דערלעך זאלען לעבען, און שווער און שוויעגער, און איטליכען בע־זונדער גאר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. אז דער אויבערשטער וועט העלפען און איך וועל פארטיג מיט מיין בעשרייבעכץ, דאס הייסט, מיט'ן נאמען פונ'ם בעשרייבעכץ, מחמת איך האב נאך ניט קיין נאמען, אזוי שיק איך עס אוועק באלד אהין אין דער רעדאקציע, און בעט, מע זאל דיר ארויסשיקען אויף דיין נאמען קיין כתרילעווקע עט־ליכע קערבלעך עד לחשבון. איך וויל, זוגתי היקרה, אז דו זאלסט אויך הנאה האבען פון מיין איצטיגער פרנסה. ס'איז א ביסעל לייט־טישער פון מעקלעריי: ביי מעקלעריי הייסט עס „קארטאזש“, און ביי שרייבעריי רופט מען דאס „גאנעראר“... א זיס קערבעל אט דאס גאנערער, א גרינגס און א בכבוד'יגס...

הנ"ל.

II.

שיינה־שיינדעל פון כתריל̇עווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד. געב גאָט ־אָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, מיין ליעבער און מיין בע־שערטער, וואָס וועט זיין פון דיר? עס נעמט דאָך דיך קיין קויל נישט! ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען! שים אין דער וואַנד אריין! די מאַמע זאָל לעבען — איהרע ווערטער מעג מען פער־שרייבען: „אַ קראַנקער, זאָגט זי, וועט געזונד ווערען, אַ שכור וועט זיך אויסניכטערען, אַ שווארצער גוועט וויים ווערען, און אַ נאַרר וועט בלייבען אַ נאַרר"... און זאָג אפשר, אַז זי איז אומגע־רעכט! בערעכען זיך, וואָס דו האָסט אָפּגעטהאָן, זינט איך קען דיך פאַר אַ מאַן, אַז אָך און וועה איז מיר, — איז דיר נאָך קאַרג, געהכט דו אויף דער עלטער און פערשטעלסט זיך פאַר אַ מאַרשע־ליק! אַ „רייבער" געוואָרען און „רייבט"! און סע געפינען זיך נאָך אַזעלכע נאַראָנים, וואָס זיי צאָהלען דערפאַר. ווער ווייסט, ויאָס דו קאָנסט מיט דיינע בעשרייבעכצען אָנאַרבייטען חלילה. איך בין שוין אַ געלערענטע. ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „פאַר אַ יעשלאָגענעם הונד טאָר מען קיין שטעקען ניט ווייזען"... בראָש קלויבט ער זיך אויס אַלע מאָל גרינגע פרנסות, לופט־גע פויגעלעך. נאָר ניט. ער וועט זיך זיצען אין יעהופּעץ אויף דער סטאַנציע און וועט „רייבען", און איך וועל זיך וואַלגערען דאָ אין כתרילעווקע

מיט זיינע קינדער און קרענקען אויף דער „פלענציע"! שנין א וואָך דריי, אַז זי האָט זיך אריינגעחאפּט צו אונז, די „פלענציע", און וויל גאָר נישט ארוים. אויסגעקויקעלט פון קליין ביז גרוים... און וואָס ז'ו ביזט מיר מנדר דאָס געלד פון דיינע שרייבעכצען, דאנק איך דיר בעצייטענס. דיינע יעהופּעצער פיינע בריות מעגען עס פערמאָגען אויף איין ווארעמעס, וואָס דו וועכט זיך שוין דאַר־טען אָננעמען „גאָלענאַר". דו ביזט אליין א ג אָ ל ע נ א ר, דאָס הייסט, פון אויבען ביז אראָפּ — נארר... און אויב דו ווילסט, איך זאָל ניט געהן יונגערהייד פון דער וועלט, און דיינע קינדער זאָלען חלילה ניט בלייבען קיין יתומים, זאָלסט דו זיך ארויסשלאָ־גען פונ'ם קאָפּ אלע דיינע לופטיגע פרנסות מיט דיינע זיסע שריי־בעכצען, און קומען צו פאָהרען אמאָל אהיים, צו דיין ווייב און קינדער, צו דיינע שווער און שוויגער, וועסט דו זיין, אם ירצה־שם, א גאסט, ווי די מאמע זאָגט: „באדיי דעם אויוועך צעוואָל־גערען"... ווי עס ווינשט דיר פיעל געזונד און אימער גליק היינט און אלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

משה דוד דעם קאָלעקטאָר געדענקסט דו, צי ניין? האָט ער זיך מיישב געווען און האָט שוין לאַנג געוואָרפען איין אום־חן אויף זיין ווייבעל, געוואָלט פטור ווערען פון איהר, ניט געוואוכסט ווי אזוי; נעמט ער און פאָהרט אוועק אין אמעריקע. האָט זי איהם געפּאקט ביי דער גרעניץ און געמאכט אזא שקאנדאל, אז ער וועט דאָס פערזאָגען א צעהנטען. א ליטוואק קאָן! מיינע צרות אויף זיין קאָפּ!

III.

מנחם־מענדעל. פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אז עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין רעכט. איך שטעה שוין, דאנקיען גאָט, אָפּגעדרוקט אויפ'ן בלאַט גלייך מיט אַלע שרייבערס און איך פיהל מיך איצטער עפּיס גאָר איין אנדער מענש. די ערשטע מינוט, אז איך האָב דערזעהן מיין נאָמען אויפ'ן בלאַט אָפּגעדרוקט: מ נ ח ם - מ ע נ ד ע ל — האָבען זיך מיר אזש געשטעלט טרערען אין די אויגען. דו מיינסט, מחמת וואָס? נאָר מחמת גוטסקייט, וואָס סע געפינען זיך אזעלכע גוטע, פיינע, לייטישע מענשען אויף דער וועלט. איך מיין טאַקי די רעדאַקציע. על־פּי שכל דאַרף מען פערשטעהן, אז איך בין מסתמא ביי איהר נישט קיין בן יחיד, ס'איז דאָ גענוג שרייבערס אָהן מיר אויך. פון דעסטוועגען, האָט זי זיך ניט געפוילט און האָט זיך אוועקגעזעצט און האָט איבערגעלייענט מיין בעשרייבעכץ, ווי עס זעהט אויס, פון טאָוועל ביז טאָוועל, און ענטפערען ענטפערט זי מיר אין בלאַט, דאָס הייסט, אין ב ר י ע פ ק א ס ט ע ן, אז מיין בעשרייבעכץ איז איהר געפעלען, נאָר ס'איז אביסעל צו לאַנג — איז נומער איינס. והשנית, פערלאַנגט זי פון מיר, איך זאָל איהר ניט אויסטראַכטען מעשיות פונ'ם קאָפּ; זי וויל נישט מעהר בלתי איך

זאָל איהר שילדערען (אזוי טאַקי מיט דעם לשון) דאָס לעבען פון דער שטאָרט יעהופּעץ מיט אַלע איהרע טיפען. די משמעות, אז זי וויל וויסען, וואָס ביי אונז אין יעהופּעץ טהוט זיך, וואָרום וואָס דען איז דער פּשט „טיפען"?... איאָ, איין איידעלקייט פון א רעדאַקציע? קאָן מען דאָך שוין אזוי גראָב ניט זיין און ניט אָפּלעגען אויף מאָרגען. האָב איך אויסגעטהאָן די קאַפּאָטע און איך האָב מיך אוועקגעזעצט און איך שרייב איהר — שוין דער דריטער טאָג, אז איך שרייב און שרייב, און כע הערט זיך גאָר ניט אויף צו שרייבען! און מחמת איך בין זעהר פערנומען מיט מיין שריי־בען און האָב קיין ־צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר אָרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די קינדער, און שווער און שוויגער, און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. איך בעט דיך, שרייב מיר, צי האָסט דו מקבל געוועזן עפּיס מעות פון דער רעדאַקציע? מחמת איך האָב זי געבעטען, אז זי זאָל דיר שיקען דערווייל, עד לחשבון, עפּיס אזעלכע עטליכע קערבלעך. ממה־נפשך, א רענדעל אַראָפּ, א רענ־דעל אַרויף — מיר וועלען זיך מיט איהר אויסרעכענען.

הנ"ל.

IV.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנהם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קומ׳ איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אַז איך שפּיי שוין מיט בלוט פון דיינע זיסע בריוולעך. ווער איז דאָס דאָרטען אָט די יפהפיה דיינע, וואָס דו האָסט אויסגעטהאָן צוליעב איהר די קאַפּאָטע און ביזט געוואָרען מיט איהר קוצעניו־מוצעניו? לאָז זי דיר ברענען אויפ׳ן פייער אינאיינעם מיט איהר געלד. איך דאַרף זי אויף סים־סאָט כפרות, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „שענק מיר ניט דיין האָניג און געב מיר ניט דיין ביס"... מאָהל דיר, דיין רעדאַקציע מעג שוין דעמאָלט קרענקען, ווען זי וועט מיר שיקען מעות — מיאוס און מאוס זענען מיר שוין געוואָרען דיינע שרייבעכצען, וואָס דו שרייבסט מיר. און אויב אפילו ס׳איז מיר שוין בע־שערט, אַז מיין מאַן זאָל זיין אַ שרייבער, פערשטעה איך ניט, וואָס דאַרף מען צוליעב דעם זיצען אין יעהופּעץ? ניטאָ קיין טינט אין כתרילעווקע? נאָר מסתמא מוז דאָך דאָ זיין עפּיס אַ הינטער־פּיסעל, אַ שמד־שטיק, ווי זאָגט די מאַמע: „צעבייס דעם עפּעל, וועסט דו געפינען אַ וואָרעם"... לכן, בעלי היקר, נעם צענויף דיינע שרייבעכצען און קום צו פאָהרען אהיים גאָר אָהן אַ שום תירוץ. וואָרום איך קאָן ניט צוזעהן דעם צער פון די קינדער. זיי פרעגען זיך נאָך אַלע מאָל: ווען קומט דער טאַטע? לעג איך זיי אָפּ פון

פסח אויף סוכות און פון סוכות אויף פסח. ווער שמועסט, מישה־הערשעלי, מיר זאָל זיין וואָס פאַר אַ חכם דאָס איז, קליגער פונ׳ם טאַטען. ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק היינט און אלע מאָל

דיין באמת געטריי׳ע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

וואָס זאָגסט דו אויף מיין בריינדלען? זי גט זיך שוין מיט׳ן צווייטען מאַן. קיינער ווייסט ניט, איבער וואָס. נאָר בסוד האָט ער מיר בעוויזען אַ האַנד פול מיט בלויע צייכענס. ער איז איהר מוחל, זאָגט ער, דעם נדן מיט איהר ציערונג, אבי פטור ווערען פון אַ שלאַק. ווי זאָגט די מאַמע: „בעסער אַ לויט מזל איידער אַ פונט גאָלד“... אונזער גאַנצע משפחה האָט נישט קיין גליק צו מאַנען...

V.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל איז כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אַז איך האָב שוין אויסגעשריבען צוויי פּלעשלעך טינט, איך האָלט שוין ביי'ם דריטען. אַ קלייניג־קייט — בעשרייבען אַזאַ שטאָדט, ווי יעהופּעץ! אָנהויבען האָב איך אָנגעהויבען פון דער אכסניא, דאָרט וואו איך האַלט סטאַנציע, און האָב זיך גענומען, ראשית חכמה, צו דער בעל־הבית'טע. ווערסט דו דאָך פרעגען: וואָס עפּיס צו דער בעל־הבית'טע? ווייל ס'איז ניטאָ קיין בעל־הבית; זי איז איין אלמנה שוין פון דרייצעהן יאָהר. דער מאַן איהרער איז געווען אַ סאָלדאַט, און זי איז געווען ביי איהם דאָס אַנדערע ווייב. גענומען האָט זי איהם, זאָגט זי, צו־ליעב דעם, זי זאָל מעגען נאָכדעם, אינ'ם זכות פון איהר מאַן, וואָה־נען דאָ אין יעהופּעץ, און האָט געהאַט מיט איהם, זאָגט זי, אַ לעב־בען — אַז אָך און וועה אויף אַלע שונאים, וואָרום זי איז געווען סך־הכל יונגער פון איהם מיט גוטע צוואַנציג יאָהר, און זי איז גע־ווען, זאָגט זי, אַ בילד־פּאַרשוין מיידעלווייז; אַלע מאַנסבילען, אי־דען און כריסטען, זענען געווען נאָך איהר די כפרה... און איצט דאַרף זי אַרויסקוקען, טאָמער וועט זיך מנחם־מענדלען פערגלוס־טען אַ מאָל עסען אַ באָרשט, אָדער אַ שטיקעל פלייש מיט חריין,

און דערפון אויסהאַלטען אַ זוהן אַ גימנאַזיסט און אַ טאָכטער אַ גימנאַזיסטקע, וואָס טהון טהוען זיי גאַרנישט, העלפען איהר ניט פון דאַנען אהין, און מע קוקט ארויס, אַז די מאַמע זאָל צוטראָגען דאָס גרייטע גלייך אין מויל, אין דער פריה דאָס גלעזעל קאַווע אין בעט אריין, און שפּעטער, געקומען פון דער גימנאַזיע, איז נישט געפרעגט, צי ס'איז דאָ פאַר וואָס, צי ס'איז ניטאָ פאַר וואָס — דער אָנבייסען מוז שטעהן אויפ'ן טיש, און טאָמער נישט אַזוי גיך — איז הימעל עפען זיך. אַט אַזעלכע קינדער זענען דאָס. אָנומעלטען האָט זיך דאָס מיידעל, די גימנאַזיסטקע, אין דער פריה צעשריגען, למאַי ס'איז ניטאָ קיין זייף, און איז אריינגעלאָפען האלב נאַקעט, מיט'ן גאַנצען האַלז אין דרויסען, אין שטוב אריין צו די אורחים, וואָס זענען געזעסען ביי'ם טיש און געטרונקען טיי, און האָט זיך צעלאָזט אויף דער מוטער מיט אַ גוואַלד: „שטאָ זאַ סווינסטווע!“ האָבען מיר זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָבען זי גע־נומען שטראָפען: סטייטש, אַט דערויף שטודירט מען אין די גימנאַזיעס? „לא־די, זאָג איך, וואָס די מאַמע דיינע האָרעוועט אַזוי, פּוצט דיר די שיכלעך בשעת דו שלאָפסט...“ אַזוי רוף איך מיך אָן צו דער טאָכטער און וויל ערשט אָנהויבען זאָגען מוסר, אַז סע פאַלט ניט אָן אויף מיר דאָס בחור'על: „אַ וואָס קאַקאַיאַ דיע־לאָ!“... און האָט מיך גענומען באָדען, ווי אַ רעכטער עזות־פנים! האָט דאָס מיך שוין גוט פערדראָסען און איך האָב אָרומגעשריבען די דאָזיגע אלמנה נעבאַך מיט איהרע שענע קינדער, און איך פער־האָף, אַז ס'וועט זיך אָפּדרוקען, וועט דאָס זיין דער בעסטער מוסר. די וועלט איז גענוג גרויס! ס'איז פאַרהאַן מסתמא נאָך אַזעלכע אָרעמע אלמנות און נאָך אַזעלכע קינדער גימנאַזיסטען און גימנאַ־זיסטקעס, וואָס טהוען זייערע מוטערס צום טוידט...

היינט פערשטעהסט דו שוין, זוגתי היקרה, פאַר וואָס מע צאָהלט מיר געלד? און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה

לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די קינדערלעך זאָלען לעבען, און שווער און שוויעגער, איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ה ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט זיך נאָך, ווער איז די רעדאַקציע, האָסט דו, אַפּנים, ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז. אַ רעדאַקציע איז ניט איין מענש, נאָר עטליכע מענשען, וואָס האָבען זיך צענויפגעלעגט און געבען־אַרויס אַלע אינאיינעם אַ גאַזעט. די גאַזעט צעשיקט מען אין אַלע שטעדט און מע לייזט פאַר איהר געלד. נאָר אַזוי ווי אַ גאַזעט דאַרף האָבען שטאָף, בעט אונז די רעדאַקציע, אַז מיר זאָלען שרייבען, און צאָהלט אונז דערפאַר געלד. טהוען מיר איהר צוליעב, דאָס הייסט, מיר שרייבען, און זי דרוקט. היינט פערשטעהסט דו שוין, וואָס דאָס איז פאַר אַ געשעפט?

הנ"ל.

VI.

שייגה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אז איך האָב געלייענט דיין בריעף און נישט געגלויבט מיינע אויגען. א בייזער חלום און געגנוג. געפינען א נויטיגע זאַך צו בעשרייבען! איין אלמנה האָט איהם גאָט בעשערט מיט קינדער, דער רוח ווייסט וואָסע־רע — און ער לעגט אויף איהר רחמנות און מאַכט פון איהר א גאַנצען ציממעס. ווען איך בין אויף דיין אָרט אין יעהופּעץ, וואָלט איך דאָס בחור'על אַנדערש בעשריבען, און די מויד מיט די נאַקעטע פּלייצעס וואָלט איך אַוועקגעזעצט אין קיך, אויף דער פּליישיגער באַנק, לאָז זי שיילען קאַרטאָפּליס, ניט איך זאָל זיי זאָגען מוסר. א מוסר־זאָגער געוואָרען מיין מאַן, א בעל־דרש'ער, און מע צאָהלט איהם, זאָגט ער, דערפאַר געלד, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „פאַרהאַן אַלערליי משוגעים אויף דער וועלט"... מיר דאַכט, אז איידער אריינקוקען אין פרעמדע טעפּ און מישען זיך צו יענעמס קינדער, איז גלייכער, עס זאָל דאַרען דער קאָפּ פאַר אייגענע. דו קעהרסט, דאַכט זיך, אָן דיינע קינדער א טאַטע, צי ניין? זאָלסט הערען, ווי משה־הערשעלי לערענט שוין קמיץ־אַלף — מעג דיין יעהופּעצער אלמנה מיט דער רעדאַקציע אינאיינעם זיין פאַר איהם די כפרה. ס'זאָל מיר זיין גוט אויפ'ן האַרצען, וואָלט איך איהם אראָפּגענומען א פּאַטאַ־

גראפיע מיט די איבעריגע קינדער און וואָלט דיר אוועקגעשיקט אהין, זאָלסט חאַטש זעהן, ווען דו האָסט פערביטען אויף אלמנות מיט רעדאַקציעס, מיט צרות און מיט שלעק, ווי עס ווינשט דיר פיעל געזונד און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

VII.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פון'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אַז איך בין שוין מיט דער בעל־הבית'טע פאַרטיג און האָב מיך גענומען צו די אורחים פון דער אַכסניא, דאָס הייסט, איך בעשרייב אַלע שלים־מזל'ען, וואָס שטע־הען מיט מיר אויף איין סטאַנציע. איך קאָן מיך בעריהמען, אַז ס'איז מיר, קיין עין־הרע, געראָטען. איין שלים־מזל גרעסער פון'ם אַנ־דערען. נאָר דער גרעסטער פון אַלע איז דער, וואָס מע רופט איהם ביי אונז „דער מוצלח“. פון איהם איז דאָ אַזוי פיעל צו שרייבען, אַז ס'וועט ניט קלעקען ניט קיין פאַפּיער, ניט קיין טינט. אַליין איז דער יונגערמאַן פון שוואַנעץ, איין אײדעם איז ער גע־וועזען פריהער אַ לאַדיזשינער און נאָכדעם אַ סאַראַקער, בעזעצט האָט ער זיך אין קאַטערינעסלאַוו, און דאָרט איז ער אַרויסגעפאָהרען מיט'ן ערשטען געשעפט, אָנגעהויבען האַנדלען מיט גאָלד, דאָס הייסט, חברה האָבען איהם פערקויפט עטליכע זעקלעך גאָלד, צו־גענומען דאָס גאַנצע ביסעל מזומנ'ס, און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, ווי געהאַנדעלט האָט ער זאַכה. איז איהם געוואָרען שלעכט, כאָטש

וואַרף זיך אַ לעבעדיגער אין ניעפּער אַריין, האָט ער גענומ׳ען דאָס שטעקעל, אַרויס אויף דער בערזע, צענויפגעפיהרט אַ וואַנד מיט אַ וואַנד, געמאַכט עטליכע קערבלעך און מודיע געווען אין די גאַזעטען, אַז ער זוכט אַ געשעפט מיט אַ שותף. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ שותף מיט איין אייזענגעשעפט, דאָס הייסט, ער האָט געקויפט מיט׳ן שותף אַ שטיקעל ערד ביי קריוואָראָג, עפרות זהב. מע האָט זיי געוואָלט געבען דערפאַר כמה אַלפים אָפּ־טרעט־געלד. האָט ער געזאָגט : אָדער אַ האַלבען מיליאָן, אָדער גאָרניט. איז געוואָרען גאָרניט. האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צו ערד־קויהלען, דערטאַפּט אַ אינזשינער אַ דייטש, דאָס הייסט, אַ איד וואָס רעדט דייטש, און האָט גערונגען מיט איהם אַ שאַכטע, און דוקא אין גלייבען געלד, און מע האָט זיך אוועקגעשטעלט צו דער אַרבייט, גראָבען קויהלען. האָט זיך געעפענט אַ קוואַל, מע ווייסט ניט פון וואַנען, אַ מבול. האָט מען אוועקגעשטעלט צוויי מאַשינעס אויף אויספּאָמפּען דאָס וואַסער. אָט פּאָמפּעט מען, אָט קומט אָן נאָך — אַ מעשה אָהן אַיין עק. האָט ער אַ שפּיי געטהאָן אויפ׳ן דייטש און האָט זיך בעקענט מיט אַ אידען, וואָס קויפט צענויף אייער, אָנגעשלאָגענע, ניט קיין פרישע, און מאַכט פון די געלעכ־לעך עפּים אַ מין זאַך, איך האָב פערגעסען ווי אַזוי מע רופט דאָס. דאַרף זיך טרעפען, אויף זיין גליק פּלאַצט אַ מאַשינע, און דער איד מאַכט פּליטה און לאָזט איהם איבער איינעם אַליין מיט די צע־שפּאָלטענע אייער. האָבען זיי בעקומען אַזאַ ריח, אַז מע האָט איהם געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. האָט ער געמוזט איינמאָל ביי־נאַכט אַרויס־שפּרינגען דורך אַ פענסטער און מאַכען אַ ויברח — און לאָז זיך קאַטערינעסלאַוו האַלטען מיט די אייער. אַביסעל געלד האָט ער געהאַט, איז ער אוועק פון דאָרטען קיין קרעמענטשוק און האָט גע־עפענט מיט איינעם בשותפות אַ פאַבריקע פון גילזעס. בעדאַרף ער אָנטרעפען אויף אַ שותף, וואָס איז אַ גרויסער ליעבהאָבער פון שאָך, און אַזוי ווי ער אַליין איז אויך אַ ליעבהאָבער פון שאָך, ער קאָן אוועקזיצען, זאָגט ער, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ניט עסען, ניט

טרינקען, ניט שלאָפען, אבי שפּיעלען אין שאָך, האָבען זיי ביידע אזוי לאַנג געשפּיעלט אין שאָך, ביז זיי זענען געבליבען ביי די לע־דיגע קעסטלעך אָהן גילזעס. וואו זענען אהינגעקומען די גילזעס — ווייסט מען ניט. דערווייל האָט ער דערהערט, אַז איינער איין אפּ־טייקער אין אַ קליין שטעדטעל ניט ווייט פון קרעמענטשוק פער־קויפט־אויס אַ גאַנצע קראָם מיט פערשיעדענע סחורות בזיל הזול. טאַקי אַ כשר'ע מציאה. איז ער אוועק און האָט אָפּגעהאַנדעלט בחצי־חנם דאָס גאַנצע ראַמיטעל און האָט זיך גענומען פּאַקעווען די סחורה, און ס'איז איהם געשטאַנען דערביי פערדיענען אַ מטמון מיט געלד. דאַרף זיך טרעפען איין אומגליק, אַז צווישען די סחורה זאָל זיך געפינען אַ קעסטעל פּולווער. האָט זיך מיישב געווען דאָס קעסטעל פּולווער, פּאָהרענדיג אין וואַגאָן, און טהוט אַ שאָס אין צעשיסט דעם וואַגאָן און שיסט אָפּ אַ פוס דעם קאָנדוקטאָר — ער איז קוים אַרויס מיט'ן לעבען. וואָס זאָגסט דו אויף דעם „מוצלח"? ער זאָגט אַליין אויף זיך, אַז ער טהוט אַ קוק אַריין אין טייך אַריין — פּגר'ען אויס אַלע פיש. ווי דו קוקסט איהם אָן, איז ער צו די צרות נאָך אַ ווערטעל־זאָגער אויך. אַליין איז דאָס אַ קליינטשיקס און אַ ריהרעוודיגס, מיט ברענענדיגע אויגעלעך. דאָס קאַפּעלישעל איז ביי איהם פעררוקט אַהינטער, די הענד אין די קע־שענים, און דער מוח אַרבייט — קאָמבינאַציעס, אָהן אַ שיעור קאָמ־בינאַציעס! ער זאָגט, אַז ער מוז „נעפּרעמענאָ" זיין אַ מיליאָנער, אַניט — הויבט ער זיך אויף און פאָהרט אוועק קיין אַמעריקע. דאָרט האָט ער שוין גאָר קיין דאגה ניט. מיך רעדט ער צו, איך זאָל מיט איהם אויך פאָהרען קיין אַמעריקע. ער זאָגט, אַז אַזעלכע מענשען ווי מיר ווערען אין ערגיץ ניט פערפאַלען. נאָר משוגע וועל איך ווערען — אוועקוואַרפען אַזאַ בכבוד'ע פרנסה, ווי דאָס שרייבעריי, און פאָהרען זוכען גליקען! און מחמת איך בין זעהר פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די

קינדערלעך, און שווער און שוויגער, און איטליכען בעזונדער גאר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ה ת י. איך פערשטעה ניט, פאר וואס איך האב ניט קיין שום ענטפער פון דער רעדאקציע אויף מיינע ערשטע ארבייט, וואס איך האב איהר אװעקגעשיקט. נישט קיין ענטפער, נישט קיין געלד. איך האב איהר שוין געשריבען דריי בריעף. איך רעכען, אם־ירצה־השם, היינט — מארגען האבען פון איהר תשובה.

הנ"ל.

VIII.

שיינה־שיינדעל פון כתריל'עווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אז ווי דו ווערסט נאר בעקומען דאס דאזיגע בריוועלע, זאלסט דו, למען־השם, קומען צו פאהרען אהיים, ווארום מיין טאטע נעבאך איז מסוכן קראנק. ס'איז שוין געווען א קאנסיליום פון דאקטוירים, האבען זיי געפונען, אז ער האט, אז אך און וועה, וואסער אין בויך. די וועהטיגען, וואס ער טראגט איבער, איז נישט צו צוזעהן. קאנסט פערשטעהן, אז די מאמע זאל לעבען איז גאר נישט צו דערקענען! מע קאן זאגען, אז זי איז זיך מפקיר צוליעב איהם. זי זאגט: „מיט א שכן אז מע איז אפ דרייסיג יאהר אין איין שטוב איז אויך א רחמנות"... און דו זיצסט דארטען אין דעם שענעם יעהופעץ און בעשרייבסט שלים־מזל'ען, די כפרה זאלען זיי זיין פאר מיין טאטענ'ס יארמעלקע, ווי עס ווינשט דיר פיעל געזונד און אימער גליק היינט און אלע מאל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

נעדענק זשע, למען־השם, באלד ארויספאהרען און קלאפען א דעפעש.

IX.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אַז דיין בריעף איז געווען פאַר מיר ווי אַ פּיסטויל אין האַרצען. איך זאָל האָבען פליגלען, וואָלט איך, ווי איין אָדלער, געפלויגען צו אייך קיין כתרילעווקע, האָב איך אָבער ניט מיט וואָס צו ריהרען זיך. דער בעל־הבית'טע פון דער אכסניא בין איך שולדיג, אַז די האָר זענען ניט מיינע. אַ חוץ וואָס איך האָב איהר אָפּגעגעסען דעם קאָפּ, האָב איך ביי איהר נאָך אַלע מאָל איבערגעהאַפּט אויף פּאַפּיער און אויף טינט. איך האָב אַלץ געמיינט — אָט־אָט. אַזוי פיעל פּאַפּיער און טינט אויסגענוצט, אַזוי פיעל שענע זאַכען אויסגעטראַכט, אָפּגעשריבען זיך אַלע פינגער — און די רעדאַקציע זאָל עס מיר אַפילו ענטפער־רען! זי האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און שווייגט. זעהר ניט שען פון איהר זייט! ממה־נפשך: געפעלט אייך ניט מיין שרייבען, דאַרפט איהר מיר שרייבען, וועל איך אויפהערען שרייבען. יענעמ'ס טרחה איז ביי זיי, אַפּנים, בלאָטע. ס'זאָל זיין

איין אַנדערער אויף מיין אָרט, וואָלט ער זיי אויסגעזידעלט אויף אַלע זייטען. אָדער איך זאָל האָבען געלד, וואָלט איך זיי געקלאָפּט אַ דעפּעש: טוידט אָדער רויט!... איך בין גאָר ניט אימשטאַנד דיר איבערגעבען דאָס עגמת־נפש מיט דעם הארצוועהטיג, מיט דעם אַראָפּפאַלען, וואָס מ'ע איז ביי זיך; עס לעגט זיך גאָר ניט די פּען אויף צו שרייבען מעהר. וואָס דאַרפסט דו אַ סך? איך האָב גע־בעטען, מע זאָל מיר האָטש שיקען די גאַזעט אומזיסט, ענטפערט מען מ'יר אויך נישט. איך זאָל אין דער צייט געווען האַקען האָלץ, וואָלט איך, דאַכט זיך, אויך מעהר פערדיענט. איך ווייס ניט, ווי אַזוי מיט אַנדערע שרייבערס — מיט מיר האָבען זיי זיך בעגאַנ־גען ערגער, ווי מיט'ן לעצטען שבלעצטען. צו די בערג טהו איך מיינע אויגען: מאין יבוא עזרי — אפשר וועט דער אויי־בערשטער העלפען, וואָרום ס'איז באו מים עד נפש, ערגער קאָן שוין גאָר ניט זיין!... און מחמת איך בין זעהר דערשלאָגען, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה און זאָל צושיקען דעם שווער אַ רפואה שלמה. גאָט זאָל העלפען, מע זאָל זיך זעהן געזונד אַלע מיט די קינדערלעך, נאָך וועלכע איך בענג זעהר שטאַרק, ממש ער געהט מיר אויס דאָס חיות.

ממני בעלך מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. דער בריעף ליגט שוין ביי מיר דעם אַנדערען טאָג, מחמת איך האָב ניט אויף קיין מאַרקע. איך האָב איבערגעטראַכט די גאַנצע צייט, צו וואָס נעמט מען זיך, וואָס טהוט מען און וואָס הויבט מען אָן צו טהון? דאַכט זיך מיר, ס'איז שוין גאָר נישטאָ אַזאַ פּרנסה אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל מיך אויף איהר ניט וואַרפען. איין זאַך נאָר האָב איך דורכגעלאָזט: שדכנות. עס שטעהט ביי אונז אויף דער אַכסניא אַ איד אַ שדכן, און וועק־ליג ער דערצעהלט, איז ער מאַסף מכון. און אַ פּרנסה איז דאָס

אפשר ניט אזא בכבוד'ע, ווי שרייבעריי, אבער שענער פון מעק־לעריי איז דאָס געווים. דער עיקר, אבי דער אויבערשטער גיט אַ שטיקעלע הצלחה.

ה. נ"ל.

X.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז איך האָב דיר ניט וואָס צו שרייבען. איך האָב געוויזען דיין בריעף דער מאַמען, זאָגט זי, אַז איך בין אַליין שולדיג. „ווי אַזוי מע בעט זיך, זאָגט זי, אַזוי ליגט מען... זאָלסט געוועזן, זאָגט זי, מיך לאָזען זיך מיט איהם אי־בערשרייבען, מיט'ן שענעם „געניידעם", וואָלט איך איהם שוין לאַנג, זאָגט זי, אַראָפּגעבראַכט. איך וואָלט זיך ניט געפּוילט, זאָגט זי, און וואָלט אַליין זיך דורכגעפאָהרען נאָך איהם. אויף דיין גליק, זאָגט זי, זאָרף דער טאַטע ליגען אויפ'ן טוידטען־בעט און מיר ביידע דאַרפען זיך קוים האַלטען אויף די פיס". דאָס געלד, וואָס איך שיק דיר דאָ, איז מיין מאַמע'ס — און וויים איהר גוטסקייט. איך בעט גאָט, אַז מעהר זאָל איך פון דיר שוין קיין בריוולעך ניט האָבען, און ווי־נאָר דו וועסט אַרויספאָהרען פון יעהופעץ, אַזוי זאָל זיך עפענען די ערד און איינגעזונקען זאָל ווערען די דאָזיגע שטאָדט, אַזוי ווי סדום, מיט אַלע איהרע גאָלדענע געשעפטען, גליקען, מעק־לערס, שרכנים, אכסניות, בעלי־בית'טעס, רעדאַקציעס, ווי עס ווינשט דיר פיעל געזונד און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

סוף פונ'ם פיערטען בוך.

עס פיעדעלט נישט

(מנחם־מענדעל — א שדכן).

מנחם־מענדעל פון וועג צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתריליעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפען, מע זאל תמיד הערכען איינס פונ'ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית הנה זיי וויסען, אז עס פיעדעלט נישט, עס געהט נישט, האטש צעריים זיך. תיכף ומיד ווי איך האב מקבל געווען פון דיר די צוגעשיקטע עטליכע קערבלעך, האב איך זיך קודם צע־צאהלט אויף דער סטאנציע און האב מיך באלד אנגעהויבען פא־קעווען אין וועג אריין. וואס דארפסט דו מעהר? איך בין שוין אפילו געזעסען אין וואגאן, גענומען א בילעט ביז הוואסטעוו, און פון הוואסטעוו האב איך גערעכענט פאהרען גלייך אהיים, קיין כתריליעווקע הייסט עס. האבען מיר דאך אבער א שטארקען גאט, ווערסט דו הערען, וואס ער טהוט אפ. אנומעלטען האב איך דיר געהאט געשריבען, אז אויף דער אכסניא, דארט וואו איך האב געהאלטען סטאנציע, האט זיך געפונען א איד א שדכן, לייבע לע־בעלסקי הייסט ער, וואס בעריהמט זיך, אז ער טראגט ארום ביי זיך אין בוזעם די גאנצע וועלט און פערדיענט שטיקער גאלד. דער־ווייל האט ער בעדארפט אפפאהרען אויף א פאר טעג מכח א גרוי־

פֿאַן שידוך; ער האָט בעקומען, זאָגט ער, אַ „סטראַטשנע רעפּעש", ער זאָל ניט מעדליוועו, האָט ער איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע פּעקעל ,ויינס ביי דער בעל־הבית'טע, געבעטען, זי זאָל עס בעהאַלטען ביז ער וועט קומען צוריק פֿונ'ם שידוך, וועט ער זיך שוין צערעכענען. און אַזוי ווי דו זעהסט איהם, אַזוי האָבען מיר איהם געזעהן. פֿאַר'ן אַוועקפֿאָהר מאַכט צו מיר די בעל־הבית'טע: „איהר פֿאָהרט דאָך אויף יענער ליניע, נאָט אייך דעם שדכן'ס פּעקעל, טאָמער וועט איהר זיך בעגעגענען ערגיץ מיט'ן שלים־מזל, מיט דעם לעד־בעלסקי'ן, וועט איהר איהם אָפּגעבען זיינע שפּאַרגאַלען". זאָג איך: „וואָס דאַרף איך פֿרעמדע פּעקלעך?" זאָגט זי: „האָט קיין מורא ניט; ס'איז ניט קיין געלד. ס'איז פּאַפּיערען, שמות". כך הוה. שוין זיצענדיג אין וואַגאָן, בינד איך אויף דאָס פּעקעל אויף אַ מישיקאַוועסט און טהו אַ קוק אריין — אַ גאַנצער אוצר: בריעף פֿון שדכנים, רשימות פֿון מחותנים, און גלאַט כתבים. צווייטען די כתבים — אַ לאַנג צעטעל אויף לשון־קודש פֿון התנים און כלות, איבערגערעכענט נאָכ'ן אלף־בית; איך געב דאָס דיר איבער אות באות:

אווריץ — חוה בת הגביר רב לוי טאַנקינאָג... גרויסער מיוחס... אשתו מרים גיטיל... גם כן מיוחסת... היובי וואוקס... קראַסאַוויצה... ד' אלפים... רוצה גיקאָנציטין...

באַלטי — פֿייטעל בן הגביר יוכף היטילמאַכיר... מישכיל... ציניסט... גוקאָנציט בזכהאַלטירי... מפריזעוו אסקאַבאָדעט... דאַוויגט אַלע טאָג... וויל מעות...

גלוכיזו — יעפים באַלאָסני... אַפטייקיר גזוה... האָט ליב יודין... מלוה ברבית... רוצה ברענעטקה...

דובנא — לאה בת הגביר רב מאיר קאָרזיק... משפחה... קורצי וואוקס... רויטי האָר... מדברת פראַנצויז... יכול ליתן מעות...

הייסין — ליפּע בראַש... שוואָגיר של איצי קומין... בעל יועין בסאָבירני זאַהאָד של רב זלמן ראַדימישליר... בן יחיד... והנער יפת תואר... ממזר אויגין... רוצה שמאָלין־גרוב...

ווינעצע — חיים העכט... בחור מנגן על הבערזע... פּאַרט בפּאיטאָנדיל... גרויסיר פאַרדיניר... שוה 10 אלפים...

זיטאָמער — הנגיד שלמה זלמן טאַראַטייקי... ב׳ בתולות... קראַסאַוויצות פּרימע... הקטנה מעט גישטופּילט... פּיאַנע דייץ פראַנצויז... רוצה גישטודירטע... דעפּלאָם לאו דוקא...

חמעלניק — הנגידה בתי׳ פלעקיל... אלמנה וואָבירניצה... חכמה נפלאה... רוצה למדן... מעג זיין בלא מעות...

טאלני — הרבני רב אברעמעלי פיינציק... אלמן... חסיד בעל תנ"ך... זוכט אלמנה עם גישעפט...

יאמפּעלי — משה ניסיל קימבאַק... נגיד חדש... אשתו מרתביילה לאה... ווילין א שידוך כלות הנפש... וויפיל דער צד שכנגדו גיט מתחייב צו גיבין ב׳ פעמים... רח"ש לשדכנים תיכף ומיד בשעת טעליר ברעכין... מתנה להשדכן עקסטרי מצד המחותנתטי...

כתרילעווקע — רב נתן קורח... גביר ממון קרח... דבר אחר גדול... בן משביל יוסף יצחק... קעניר חריף... טשירגעניוו ודאַרווען... שטיליר וואָרים... מבקש אנאַריכי יתומהלי... קראַסאַ־וויצה שבקראַסאַוויצה... ניט חולה לשלוח על הוצאות... נ ו ת ן בצימביל הולך בטענציל...

ליפּאָוויץ — בן הגביר לייבוש קאַפּאָטי... פּאַרברענטיו חסיד... נותן אַקזאַמין על 8 קלאַסין... יושב באַרעס... שפּילט על הפידל ויכול לשון קודש... קראַסאַוויץ...

מעזביש — רב שמשון שעפּסיל שימעליש... אלמן... האָט ב׳ בתולות עם ג׳ אלפים... רק מוז קודם אליין חתונה האָבין... וויל גם כן בתולה...

נעמערעוו — סמיציק... בערנאַרט מאָסעיוויץ... פון די אמתי סמיציקעס... גרויש סאַמעסטאָיאַטעלני... שפּיליר כתמיד בפּריווירצלץ... תקיף אצל נאַצאַלסטווי... מן היושר בתולה עם ה׳ אלפים אָדיר גרושה עם 10 אלפים...

סמילע — פערילי דאמה... גרושה עם 10 אלפים... דארף א משכיל קאמעסניר...

ענאטעווקע — הבעל הבית רב מענדי לאפיטע... זקן אריביר שבעים... רק האלטצעך קרעפקי... מקבר גיוועז ג׳ נשים... וויל בתולה...

פרילוק — הגומענאזיסט פרייטיג... בן הגביר מיכל פרייטיג... טראגט היטיל בבית... שרייבט ניט בשבת... וויל כ׳ אלפים לא פחות פרוטה... כנגד חצי...

צאויצען — רשימה מן גביר אלמן פישיר... יושב באסטרעכאן... צוגעזאגט ב׳ וויגרעזני בילעטין פערווע זאיאם... חוץ רח״ש... צריך לכתוב עוד א׳ בריוועל... בקשתי לשלוח כ״ה רו״כ אויף הוצאות... לכה״פ מארקעם...

קרימענצוק — משכיל וציניסט סכנת נפשות... מאה קאמיסים... חכם... חריף בשאך... ש״ס בעל פה... קעניר ובעל דברן... ווירטלזאגיר אש להבה... כתבא רבא... שמעתי אז ער האט שין חתונה גיהאט...

ראדימישל — אייניקיל של רב נפתלי ראדימישליר... שייך לסאדיגערי... סאכירני זאוואד... גילדיני פאן... חצי חסיד חצי דייץ... קורצי פאה ולאנגליכי קאפאטי... קעניר בשפראך וקלאר יורה דעה... יש לו פעטיר מיליאנציק וזאצאטני קוויטאנצי... זוכט קראסאוויצה משפחה יחוס ר׳ אלפים פארטיפיאן ארנטלעך פראנצויז פאריק טאנצן לעכטבענצן בארעשני בלא קאוואלירן...

שפאלי — הגביר המפורסם אליה מצערנאביל... יושב ביהופיץ... מעקליר של צוקיר ואימעניות... בשותפות עם הגביר המפורסם באבישקע... בת יהידה... פארלאנגט טעליר מן השמים... קעניר יותר מדאקטער... באווארנט מפריזעוו... שיין כמו יוסף הצדיק... וקלוג כמיו שלמה המלך... זינגין ושפילן על כל הכלים... משפחה בלא פלעק... מעות אהן א שיעור... עם כל המעלות... כמעט בראצקע... הפקתי דעפעש לראדימישל...

תאמאשפאָג — ה׳ בתולות... ג׳ קראַסאַוויצות וב׳ פּאַס־קודניצות... און אַלימען אָדיר אַ דאָקטער עם גאַבינעט ומעביל אָדיר אַנאַדוויקאַט עם פּראַקטיקי ביהופיץ... כתבתי כמה בריוולאַך...

זיץ איך מיר אַזוי אין וואַגאָן, מיט׳ן שדכן׳ס פּעקעל הייסט עס, און לייען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דאָס דאָזיגע לשון־קודש׳דיגע צעטעל פון חתנים און כלות, און טראַכט מיר: רבונו של עולם! וויפיעל פרנסות דער אויבערשטער האָט בעשאַפען אויף דער וועלט פון זיינע אידען׳ס וועגען! אָט, אַשטייגער, דאָס שדכנות. וואָס קאָן זיין, דאַכט מיר, פיינער און לייטישער, בע־סער און גרינגער דערפון? וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו טהון? מע בעדאַרף נאָר האָבען אַ קלעפּקע אין קאָפּ און קאָנען אויסמאַר־קירען מיט׳ן שכל, ווער צו וועמען סע פּאַסט. למשל: אוורימש האָט אַ מיידעל אַ קראַסאַוויצע מיט פיער טויזענד, וואָס וויל אַ געקאָנטשעטען, האָט באַלטע אַ ציוניסט אַ משכיל, וואָס האָט גע־קאָנטשעט בוכהאַלטעריע און וויל געלד — איז דאָך דאָס אָנגע־מאָסטען! אָדער לאָמיר נעמען טאַלנע: זיצט אַ איד איין אַלמן, וואָס זוכט איין אַלמנה מיט אַ געשעפט — פאַר וואָס זאָל ער זיך ניט מטריח זיין קיין חמעלניק, צו דער אַלמנה בתיה פלעקעל, וואָס זוכט איין אַלמן אָהן געלד, אַבי אַ למדן? הערסט דו, זוגתי היקרה, מע דאַרף נאָר קאָנען מאַכען קאָנבינאַציעס. ווען איך זאָל געוועזען געבוירען ווערען אַ שדכן, וואָלט איך אוועקגעשטעלט דאָס געשעפט גאָר אַנדערש. איך וואָלט זיך אויפגעשריבען מיט אַלע שדכנים פון דער גאַנצער וועלט, צענויפגענומען אַלע זייערע רשימות און וואָלט זיך אוועקגעזעצט צענויפפּאָרען, פריהער אויף פּאַפּיער, געוויינט־ליך, דעם חתן מיט דער כלה, די כלה מיט דעם חתן, און אין יעדער שטאָדט וואָלט איך מיר געהאַט אַ שותף, וויפיעל שטעדט, אַזוי פיעל שותפים. ממה־נפשך, וויפיעל ס׳וועט זיין, וועט מען זיך מיילען, חצי שלי וחצי שלך. עס וואָלט זיך אפשר געלוינט

עפּענען אַ קאַנטאָר אין יעהופּעץ, אָדער אין אדעס, האַלטען מענ־שען, זיי זאָלען זיצען שטענדיג און שרייבען בריוולעך און קלאַפּען דעפּעשען — און איך אַליין טהו גאָר ניט, נאָר איך זיץ מיר און פּאָר און מאַך קאָנב־נאַציעס!

אָט אַזעלכע מחשבות, פאַנטאַזיעס, קאָנבינאַציעס פליהען ביי מיר אין קאָפּ. טראָגט־אָן דער גוטער יאָהר צו מיר אין וואַגאָן אריין אַ נפש, אַ בעוואַכסענעם מיט האָר פון אויבען ביז אראָפּ, שלעפּט מיט זיך אַ זאַק און סאַפּעט ווי אַ גאַנז און רופט זיך אָן צו מיר מיט אַ מאָדנע בנעימות'דיג לשון, גאָר ניט ווי געוויינטליך: „יונגערמאַן, זאָגט ער, אפשר וואָלט געווען אַ סברא, איהר זאָלט זיך מיט אייער עלטער מטריח זיין, זאָגט ער, אַ רוק טהון זיך בשעת הדחק אַ ביסעלע אראָפּ, בכדי, זאָגט ער, אז אזא איד, ווי איך, למשל, זאָל האָבען די זכיה בעזעצען זיך אויף אַ רגע מיט אייך בהרחבה אין שכנות?" — „פאַר וואָס ניט? אָך, מיט'ן גרעסטען כבוד!" — אַזוי זאָג איך צו איהם און נעם און מאַך איהם איין אָרט און טהו איהם אַ פרעג גלאַט אַזוי, פון יוצא וועגען: „פון וואַנעט איז אַ איד? — „מאַין באתי, הייסט עס? פון קאָרעץ. — ענטפערט ער מיר. — מיין נאָמען איז אָשר, און רופען רופט מען מיך רב אָשר שדכן. איך בין שוין פאַוואַלינקע, זאָגט ער, ווי איהר קוקט מיך אָן, מיט'ן אויבערשטענס הילף, כמעט פערציג יאָהר אַ שדכן". — „אַזוי? — זאָג איך. — זענט איהר. הייסט עס, אויך אַ שדכן?" — „על כן, דאַרפען מיר, זאָגט ער. לערנען דעם פּשט, אַז איהר זענט מסתמא אוודאי אַ שדכן, הייסט דאָס — אָהינו אתה, קוכ"ט דאָך אייך, זאָגט ער, על־פּי־דין שלום־עליכם!" — אַזוי מאַכט צו מיר דער דאָזיגער שדכן און רוקט מיר אריין אַ מגושמ'דיגע ווייכע האָריגע האַנד און טהוט מיך אַ פרעג, אפּנים, אויך פון יוצא וועגען: „מה שמכם?" — זאָג איך: „מנחם־מענדעל"... „אַ קענטליכער נאָמען, מאַכט ער צו מיר, ערגיץ האָב איך געהערט, נאָר איך ווייס ניט וואו. הערט זשע, זאָגט ער, אויס, רב מנחם־מענדעל, וואָס איך וועל אייך זאָגען. וויבאַלד,

זאָגט ער, אז דער צער פון טראָגען איז יאָ אזוי גרויס, דאָס הייסט, אַז דער אויבערשטער, זאָגט ער, האָט אזוי געפיהרט מיט זיין השגחה עליונה, אז מיר, צוויי שדכנים, זאָגט ער, זאָלען זיך מזדמן זיין לפונדק אחד, וואָלט אפשר, זאָגט ער, געווען אַ סברא, אַז מיר זאָלען טאַקי אָט־אָ־דאָ־אָ, פּאָהרענדיג מיט אייך אין איין וואַ־גאָן, עפּיס מתקן זיין?"... „דהיינו, זאָג איך, וואָס זאָלען מיר מתקן זיין?"... „אפשר האָט איהר, זאָגט ער, אַ בעלן אויף גוטען ווייַן אין אַ שלעכטער כלי?"... „דהיינו, זאָג איך, וואָס ווערד ביי אייך אָנגערופען גוטער וויין אין אַ שלעכטער כלי?"... „לאָזט אייך דיענען, זאָגט ער, תיכף ומיד וועל איך אייך מסביר זיין, וועט אייך דער פסוק ווערען רעכט ארום און ארום. נאָר וואָס דען? איהר דאַרפט צולעגען קאָפּ. איך האָב, זאָגט ער, איז יאַרמעלינעץ אַ שטיקעל סחורה מן המובחר, אָבער טאַקי פון די אַנטיקען, רב איציקעל טאַשראַץ הייסט ער. מילא יחוס — איז אָפּגערעדט. מע קאָן זאָגען, זאָגט ער, איינגעטונקען אין יחוס. וואָרום אַ חוץ וואָס ער איז אליין, זאָגט ער, אַ גרויסער מיוחס, איז זי נאָך אַ גרעסערע מיוחסת פון איהם. דער חסרון, זאָגט ער, איז אָבער, וואָס ער הייסט זיך פאַר זיין יחוס משלם זיין מיט מעות מזומנים. וויפיעל ער גיט, וויל ער, אז דער צד שכנגדו זאָל געבען צוויי מאָל אזוי פיעל"... „שאַט, זאָג איך, מיר דאַכט, אז ס'איז פאַרהאַן פונקט דער אַרטיקעל, וואָס איהר דאַרפט". און איך טהו מיך אַ נעם צו מיין פּעקעל, שלעפּ ארויס דעם ספר הזכרונות פון מיין שדכן לייבע לעבעלסקי און מיש אויף יאַמפּעלי און טהו איהם אַ ווייז: „אָט איז ער, זאָג איך, אָט דער, וואָס איהר זוכט איהם. לייענט, וועט איהר זעהן: משה ניסעל קימבאַק, נגיד חדש — איין אויפגעקוכענער נגיד הייסט עס; וויל אַ שידוך כלות הנפש — דאָס הייסט, ער געהט־אויס! און וויפיעל דער צד שכנגדו גיט, איז ער זיך מתחייב געבען ב' פעמים — צוויי מאָל אזוי פיעל הייסט עס. פונקט דאָס, וואָס איהר דאַרפט!"...

דערהערט אַזעלכע דבורים און דערזעהן ביי מיר, אַז אַט דער משה־ניסעל קימבאַק זאָגט נאָך צו רח"ש לשדכנים תיכף ומיד בשעת טעלער־ברעכען, און אַ חוץ אַ מתנה עקסטרע פון דער מחותנת'טע, — טהוט זיך מיין רב אָשר אַ הויב־אויף פונ'ם אָרט, נעמט מיך אָן ביי דער האַנד און מאַכט צו מיר: „מזל־טוב, רב מנחם־מענדעל, מיר האָבען געמאַכט אַ געשעפט. איך האָב געזעהן, זאָגט ער, ביי אייך אין קווישעל, אויב איך בין מיך נישט טועה, אייער־קיכלעך, טיי און צוקער ושאר ירקות, וואָלט אפשר ניט געשאַדט, זאָגט ער, מיר זאָלען דערווייל מאַכען מזונות, און אם־ירצה־השם, אַז מיר וועלען קומען בשלום קיין הוואַסטעוו, וועט איהר זיך מטריח זיין מחילה נאָך היים וואַסער, איך האָב געזעהן, זאָגט ער, ביי אייך אַ טשייניק, וועלען מיר טרינקען צו גלעזלעך וואַרעמס. און מסתמא, זאָגט ער, וועלען מיר קריגען אויף דער סטאַנציע אַ ביסעל יי"ש אויך, זיעבען און פופציג גראַדאָווער, וועלען מיר שוין אין איינוועגס, זאָגט ער, טרינקען לחיים פאַר מיין יאַרמעלינעצער מיוחס מיט אייער יאַמפּעלער אויפגעקומענעם נגיד, וואָס הלש'ט אַ שידוך, און לאָז זיין, זאָגט ער, אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזל'־דיגער". „אָמן, זאָג איך, פון אייער מויל אין גאָט'ס אויהערען. נישט אַזוי גיך אָבער טהוט זיך עס, זאָג איך, ווי מע רעדט זיך"... שלאָגט ער מיר איבער די רעד, דער שדכן הייסט עס: „לאָזט אייך דיענען, רב מנחם־מענדעל, זאָגט ער, איהר ווייסט ניט מיט וועמען איהר האַנדעלט. איהר האָט צו טהון נישט מיט קיין יונגעלע. איהר רעדט, זאָגט ער, מיט אַ וועלט־שדכן, וואָס מע רופט איהם רב אָשר און וואָס האָט ניט אַזוי פיעל האָר אין קאָפּ, וויפיעל שידוכים ער האָט שוין בעזרת השם יתבורך אויסגעפיהרט. לאָמיר ביידע, זאָגט ער, פערמאָגען די מאות, וויפיעל פּאָר־פּאָלק עס האָבען זיך שוין ביי מיר אָפּגע'גט און נאָך אַ מאָל התונה געהאַט און וויעדער גע'גט זיך... איך, זאָגט ער, אַז איך טהו אַ קוק אַ רשימה, טאַפּ איך באַלד אָן, צי ס'וועט הולכ'ען, צי ניין. אייער משה־ניסעל, זאָגט ער, געפעלט מיר, דאַרף זיין מיט אַ סרחה, וואָרום לאָמיר

קאָרשט פערשטעהן, זאָגט ער, וואָס איז ער אזוי להוט נאָך א שידוך און וואָס ברענט אזוי די מחותנת׳טע און זאָגט אזש צו מתנות להשדכן? די משמעות, זאָגט ער, אז דאָרט ליגט א וואָרעם. א וועראָעמדיגער עפּעל הייסט עס"... — „וואָס זשע, זאָג איך, איז די עצה?" — „די עצה, זאָגט ער, איז דאָ א פּשוט׳ע עצה: מיר ביידע דאַרפען טאקי באלד צעשיידען זיך, זאָגט ער, אין צוויי בעזונדערע דרכים, איך, זאָגט ער, קיין יארמעלינעץ, צו מיין מיוחס רב איציקעל מאשראַץ, און איהר קיין יאמפּעלי, צו אייער משה-ניסעל קימבאַק. נאָר וואָס דען? מיר ביידע, זאָגט ער, דאַרפען ארבייטען אויף אַלע כלים. איהר מצדכם וועט זיך דאַרפען משתדל זיין, אז אָט דער וועראָעמדיגער עפּעל זאָל נתנ׳ען וואָס מעהר, און איך מצדי, זאָגט ער, וועל מן הסתם צוהאָרעווען, אז מיין מאַשראַץ זאָל טאקי געבען כנגד די גאַנצע העלפט, ווי ער האָט מיר מבטיח געווען, וואָרום א קשיא, זאָגט ער, אויף א אידען, וואָס האַנדעלט מיט יחוס?"

ווי דו זעהסט, זוגתי היקרה, האָט זיך עס אָנגעהויבען כלומרשט מיט א שפּאַס, אויף קאַטאָוועס הייסט עס, און אויסלאָזען האָט זיך עס אויסגעלאָזט טאקי אויף דער רעכטער אמת, וואָרום ביז וואָס־ווען — זענען מיר געקומען קיין חוואַסטעוו. געקומען קיין חוואַס־טעוו, האָבען מיר קודם געטרונקען טיי, פיינטשיק פערביסען און גענומען שמועסען עסק גאַנץ ערנסט. איז מיר אפילו תחילת געווען פריקרע די גאַנצע מעשה: וואָס פאַר א שדכן בין איך? און וואָס פאַר א מחותן בין איך מיט פרעמדע רשימות? וואָרום אז מע וויל, הייסט דאָך דאָס גזילה! עלעהיי יענער האָט פערלאָרען א טייסטער מיט געלד, און איך האָב איהם אויפגעהויבען. נאָר אז מע וויל דאָס אייגענע צוריק — מה רעש? ממה-נפשך, וועט זיך אויספּיקען, איז יחלוקו! איך בין דאָך נישט קיין פעלד־גזלן, וואָס איך זאָל פערלאַנגען פרעמדס. הקיצור, ס׳איז ביי מיר געוואָרען רעכט פון אַלע זייטען, און ס׳איז געבליבען, אז מיר לאָזען זיך ביידע אין וועג אריין, ער קיין יארמעלינעץ, איך קיין יאמפּעלי.

אָפּגעשמועסט האָבען מיר אַזוי: אַז איך וועל קומען אויפ׳ן אָרט, זאָל איך קודם חוקר ודורש זיין, וואָס איז די מעשה, וואָס אָט דער משה־ניסעל קימבאַק יאָגט זיך אַזוי אַ שידוך טהון, און אַז איך וועל בעטראַכטען די שטוב, און דאָס קרוז וועט מיר געפעלען, זאָל איך איהם קלאַפּען אַ דעפּעש קיין יאַרמעלינעץ כך וכך, וועט ער מיר צוריק קלאַפּען אַ דעפּעש כך וכך, וועט מען זיך צענויפפאָהרען מסתמא קיין זשעמערינקע אָנקוקען זיך, און אויב ס׳איז אַ זיווג, וועט זיין אַ שידוך. „דער עיקר, זאָגט ער מיר, דאַרפט איהר זעהן, רב מנחם־מענדעל, ניט זשאַלעווען קיין הוצאות, קלאַפּען דעפּעשען, וואָרום ביי אַ שידוך, זאָגט ער, איז דער עיקר דעפּעשען... אַ מחותן, זאָגט ער, אַז ער דערזעהט אַ דעפּעש, חאַפּט איהם אָוועק דער רוח“... ס׳איז געקומען צום שפּיץ, ביי׳ם נעמען בילעטען — לאָזט זיך אויס, אַז מיין לאַנד־שדכן רב אָשר׳ען פעהלט־אויס אויף הוצאות. „ער האָט זיך, זאָגט ער, אויסגעבראַכט ביז דער לעצטער פּרוטה אויף דעפּעשען מיט טעלעגראַמעס. איהר זאָלט עס פער־דינענען, זאָגט ער, אַלע חודש, וואָס מיך קאָסט־אָפּ אַ וואָך דעפּע־שען מיט טעלעגראַמעס“. דו פערשטעהסט? אָט אַזאַ פּרנסה איז דאָס שדכנות! בקיצור, דער פּאַיעזד דערוויילּ שטעהט ניט, איך האָב געמוזט אויסלעגען מיינע עטליכע קערבלעך, וואָרום איבער הוצאות צעגעהט זיך קיין געשעפט ניט. מיר האָבען זיך געביטען מיט די אַדרייסים, גאַנץ פיין זיך אָפּגעזעגענט און צעפאָהרען זיך. ער קיין יאַרמעלינעץ, און איך קיין יאַמפּעלי.

געקומען קיין יאַמפּעלי, האָב איך, ראשית חכמה, אָנגעהויבען חוקר ודורש זיין: „ווער איז אָט דער משה־ניסעל קימבאַק?“ זאָגט מען מיר: „חוץ זיין שאַדען אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען“...— „האָט ער עפּיס אַ סך קינדער?“ זאָגט מען מיר: „אַ סך קינדער האָט איין פאַרעמאַן, און אַ נגיד האָט מעהר נישט ווי איין קינד“...— „וואָס פאַר אַ קינד?“ זאָגט מען מיר: „אַ טאָכטער“. — „עפּיס

א היבשע טאָכטער?" זאָגט מען מיר: „מע קאָן פון איהר מאַכען צוויי"... — „גיט ער עפּיס א סך נדן?" זאָגט מען מיר: „וויפיעל ער גיט, איז ער נישט קראַנק געבען צוויי מאָל אזוי פיעל"... הויב איך אָן טאַפּען: „פאַר וואָס?" טאַפּ אהין, טאַפּ אהער — סע טאַפּט זיך נים. טהו איך אָן די שבת'דיגע קאַפּאָטע און לאָז מיך געהן גלייך צו דעם דאָזיגען מחותן.

מילא, איך זאָל דיר בעשרייבען א שטוב, איז נים שייך. א נגיד'ישע שטוב פון כל טוב, און מענשען — דימענטען. געזאָגט, ווער איך בין און וואָס איך בין געקומען, האָט מען מיך אויפגע־נומען כיד המלך, מכבד געווען מיט זיסען טיי, מיט צוקער־לעקאַך און מיט שמעקענדיגען אתרוגים־איינגעמאַכטס, און גוטען וואישניק א פלעשעל אוועקגעשטעלט. דער מחותן אליין, משה־ניסעל הייסט עס, איז מיר געפעלען עד אין לשער: א צוגעלאָזטער מענש, א מזג־טוב, מע קאָן זאָגען — א מענש אָהן א גאַל. אויך די מחותנת'־טע, ביילה־לאה הייסט עס, איז מיר געפעלען געוואָרען פון'ם ער־שטען קוק. א שענע אידינע מיט א גיידער, א שטילע, א צדיקית.ביידע האָבען זיך גענומען אויסטאַפּען ביי מיר, ווער איז דער צד שכנגדו, האָט ער עפּיס א וואָהלען זוהן, און וואָס קען ער? וואָס זאָל איך זיי זאָגען, אז איך וויים אליין אויך נים? נאָר א איד א למדן גיט זיך אייו עצה. רופט איך מיך אָן צו זיי: „לאָמיר נאָר פאַרטיג ווערען מיט איין צד, וועלען מיר נאָכדעם שמועסען פון'ם אנדערען צד; ראשית, זאָג איך, וויל איך וויסען אקוראַט, וויפיעל גיט איהר? והשנית, וואָלט איך וועלען אָנקוקען דאָס קרן". דער־הערט אזעלכע דבורים, רופט זיך אָן דער מחותן, משה־ניסעל הייסט עס, צו דער מחותנת'טע, ביילה־לאה הייסט עס: „וואו איז ערגיץ סאָניטשקע? — „סאָניטשקע טהוט זיך נאָך אָן", — מאַכט צו איהם די מחותנת'טע, ביילה־לאה הייסט עס, הויבט זיך אויף און געהט אוועק אין צווייטען חדר אריין, און איך מיט'ן מחותן, מיט משה־ניסלען הייסט עס, בלייבען איבער אין צווייען, גענומען צו קאַפּלעך וואישניק, פערביסען מיט אתרוגים־

איינגעמאַכטס און מע שמועסט. פון וואָס שמועסט מען? — לאָ־ מיך אַזוי וויסען בייז, נעכטיגע טעג, אויפ׳ן הימעל אַ יריד. „שוין לאַנג אַז איהר זענט אַ שרכן?“ — מאַכט ער צו מיר און גיסט מיר אָן נאָך אַ גלעזעל ווישניק. „פון נאָך דער חתונה אָן, זאָג איך איהם, מיין שווער, זאָג איך, איז אַ איד אַ שרכן און מיין טאַטע, זאָג איך, איז אויך געוועזען אַ שרכן, אַלע מיינע ברידער זענען שרכנים, כמעט די גאַנצע משפחה אונזערע, זאָג איך, בעשטעהט פון שרכנים“... אַט אַזוי האַק איך איהם איין ליגען נאָכ׳ן אַנ־ דערען און פערקרים מיך אפילו נישט, נאָר איך פיהל, אַז עס פלאַמט מיר דאָס פּנים. איך ווייס אַליין ניט, פון וואַנען עס האָבען זיך צו מיר גענומען אַזוי פיעל שקרים! אַ ברירה האָב איך געהאַט? ווי זאָגט די מאַמע דיינע: „אַז מע קריכט אריין אין אַ בלאָטע, קריכט מען וויטער“... גע׳פועל׳ט האָב איך ביי זיך, ווי איך האָב דיר שוין אויבען געזאָגט, אַז דער אויבערשטער וועט מיך בעגליקען און איך וועל דורכברעכען אַט דאָס דאָזיגע געשעפט, וועל איך מיין חלק פערדיענסט, אם־ירצה־השם, גאָר אָהן אַ שום תירוץ, טיילען אויף דער האַלב מיט יענעם שרכן, מיט דעם לייבע לעבעלסקי׳ן הייסט עס, וואָס האָט פערגעסען אויף דער אַכסניא זיין פעקעל מיט כתבים. וואָס האָב איך צו איהם? איי, על־פּי יושר קאָן מען אפשר צו׳פּסק׳ענען, אַז מיין חלק רח״ש געהער אינגאַנצען צו איהם, צו לעבעלסקי׳ן הייסט עס? איז דער תירוץ: און וואו בין איך? איך בין דאָך דאָ, אייגענטליך, דער גאַנצער גורם. און מיין ארבייט איז שוין גאָרניט ווערטה? און האַקען שקרים פון יענעמס וועגען בין איך, דאַכט מיר, אויך נישט מחויב. און ווער ווייסט, אפשר האָט גאָט אַזוי געפיהרט, אַז ער זאָל פערלירען און איך זאָל געפינען, און אין מיין זכות זאָלען דריי אידען פערדיענען געלד?

אין די דאָזיגע מחשבות עפּענט זיך די טהיר און עס קומט אריין די מחותנת׳טע,ביילה־לאה הייסט עס, און תיכף נאָך איהר — סאַניטשקע, די כלה הייסט עס. אַ שענע, אַ הויכע, אַ געזונדע

און איין אסאָבע, אזוי ווי די מאַמע איהרע. „נו, אַ וואוכס, און בריוט, קיין עין־הרע! — טראַכט איך מיר. — ניט קיין סאָניטשש־קע, נאָר טאַקי אַ גאַנצער סאָניטשניק!"... אָנגעטהאָן געהט זי, די כלה הייסט עס, עפּיס מאָדנע, אין אַ לאַנגען קאַפּאָט, אַ בונדע אזעלכע, זעהט אויס מעהר ווי אַ ווייבעל, נישט מחמת אַלטקייט, נאָר מחמת ברייטקייט, סכנת נפשות! מע וואָלט בעדאַרפט מיט איהר עפּיס אַ שמועס טהון, זעהן, וואָס ס'איז פאַר אַ חיה, — לאָזט ער נישט, דער פאָטער הייסט עס. ער האַלט אין איין רעדען, בעשיט מיך מיט רעד. פון וואָס, מיינסט דו, רעדט ער? פון יאַמפּעלי. וואָס פאַר אַ שטאָדט דאָס איז, אַ שטאָדט פון בערע־דערס, ניט קיין פערגינערס, שונאים אין לעבען אריין, איינער דעם אַנדערען וואָלט דערטרונקען אין אַ לעפעל וואַסער! וכדומה אזעלכע פוסטע רעד. אַ דאַנק ד'ער מחותנת'טע, ביילה־לאה'ן הייסט עס, זי מישט זיך אריין און טהוט אַ זאָג צום מאַן: „משה־ניסעל, אפשר וואָלט געוועין געגוג רעדען? לאָז זיי בעסער סאָניטשקע אַביסעל שפּיעלען אויפ'ן פערטיפּיאַן". „ביי מיר האָסט דו גע'פּועל'ט", — ענטפערט איהר דער מחותן, משה־ניסעל הייסט עס, און גיט אַ וואונק צו דער טאָכטער. געהט־צו די טאָכטער צום פערטיפּיאַן, זעצט זיך אַוועק, עפענט־אויף אַ גרויס בוך און קלאַפּט מיט די פינגער אויף וואָס די וועלט שטעהט. רופט זיך אָן צו איהר די מאַמע, ביילה־לאה הייסט עס: „סאָניטשקע, וואָס טויג דיר טיודען? שפּיעל זיי בעסער „יעחאל קאָזאק זאַ דונאַיעם", „הייסע באַבקע־לעך", אָדער נאָר „המבדיל"... „פּאָזשאַלעסטע, מעשאַיע ניט", — ענטפערט איהר סאָניטשקע און מאַכט מיט די פינגער איבער'ן פערטיפּיאַן אזוי גיך, אז דאָס אויג איז גאָרניט אימשטאַנד צו חאַפּען, און די מחותנת'טע, ביילה־לאה הייסט עס, בעת־מעשה לאָזט נישט אראָפּ פון איהר קיין אויג, ווי איינער רעדט: „איהר זעהט פינגער?"... און ווי זי שפּיעלט אזוי, גליטשען זיך ארויס פון חדר מיין מחותן מיט דער מחותנת'טע, און איך בלייב אליין מיט דער כלה, מיט סאָניטשקע'ן הייסט עס, — אויף פיער אויגען.

„אצינד איז א צייט, טראַכט איך מיר, מאַכען מיט איהר א שמועס; לאָמיר תּאַטש הערען, צי זי קאָן רעדען". נאָר פון וואָס הויבט מען אָן? לאָז מיך אזוי וויסען א בייזע וועטשערע! הויב איך זיך אויף פון אָרט און געה־צו און שטעל זיך אוועק הינטער איהרע פלייצעס און רוף מיך אָן צו איהר: „האָט קיין פּאַראיבעל ניט, סאָניטשקע, וואָס איך שלאָג אייך איבער אינמיטען דער שפּיעל. איך האָב אייך געוואָלט עפּיס פרעגען"... דרעהט זי זיך אויס צו מיר מיט'ן פּנים און קוקט אויף מיר בייז און מאַכט צו מיר אויף רוסיש: „נאַפּרימער?"... „נאַפּרימער, זאָג איך, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען, וואָס איז אייער בעגעהר? דאָס הייסט, וואָס פאַר א מין חתן, אישטייגער, וואָלט איהר געוואָלט, מע זאָל אייך געבען?" „ווידיטיע, — מאַכט זי צו מיר שוין אביסעל וויכער און לאָזט אַראָפּ די אויגען, — סאַבסטווענאָ וואָלט איך געוואָלט א געקאָנ־טשעטען, נאָר איך וויים, אז סע איז פּאָנאַפּראַסנאָ, וואָלט איך וועלען, פּאָ קראַינעי מערע, ער זאָל זיין איין אָבראַזאָוועטער, וואָ־רום האָטש אונזער יאַמפּעלי סטשיטאיעט זיך א פּאַנאַטיטשעסקי שטאָדט, פון דעסטוועגען האָבען מיר ניעסמאָטריאַ אָלע פּאָלוטשעט רוסישע אָבראַזאָוואַניע, און כאָטיאַ מיר פּאָסיעשטשאיען ניט קיין אוטשעבנע זאוועדיעניעס, פון דעסטוועגען וועט איהר נישט גע־פינען ביי אונז איין באַרישניע, וואָס זאָל ניט זיין זנאַקאָמע מיט עפּיל זאָליאָ, מיט פּושקינ'ען און אפילו דאזשע מיט גאָרקי'ן"... אזוי מאַכט צו מיר די דאָזיגע יפהפיה, סאָניטשקע הייסט עס, און רעדט, און רעדט צו מיר האַלב אויף אידיש, האַלב אויף רוסיש, דאָס הייסט, מעהר אויף רוסיש, ווי אויף אידיש. און אין דעם קומט־אָן די מחותנת'טע, ביילה־לאה הייסט עס, רופט אוועק די כּלה, ווי איינער רעדט: „אַלסדינג דאַרף זיין מיט א מאָס"... און עס קומט אַריין דער מחותן, משה־ניסעל הייסט עס, און מיר זעצען זיך אוועק מיט איהם וויעדער אין צווייען שמועסען מכח'ן שידוך: וויפיעל גיט ער נדן; וואוהין זאָל מען זיך צענויפפאָהרען מאַכען איין אָנקוקעניש, אויף ווען זאָל מען אָפּשטעלען די חתונה, וכדומה אזעל־

כע זאכען, וואָס זענען שייך צום ענין. און איך הויב מיך אויף און וויל געהן אויף דער סטאַנציע קלאַפּען אַ טעלעגראַם, נעמט ער מיך, משה־ניסעל הייסט עס, פאַר אַ האַנד און מאַכט צו מיר: „איהר וועט נישט געהן, רב מנחם־מענדעל! איהר וועט פריהער עסען מיט אונז וואַרעמעס, איהר קעהרט אוודאי זיין הונגעריג".
און מע געהט זיך וואַשען און מע זעצט זיך אַוועק עסען און מע נעמט צו גלעזלעך ווישניק, און ער, דער מחותן הייסט עס, די גאַנצע צייט — דאָס מויל מאַכט זיך איהם ניט צו: יאַמפּעלי, יאַמפּעלי און יאַמפּעלי... „איהר ווייסט נים, זאָגט ער, וואָס פאַר אַ שטאָדט דאָס איז! אַ שטאָדט פון לעדיגגעהערס און בערעדערס. איהר זאָלט מיך פאָלגען, זאָגט ער, וואָלט איהר זיך געהאַלטען פון דערווייטען, נישט גערעדט מיט קיינעם אַ וואָרט. איהר זאָלט זיי, זאָגט ער, נישט דערצעהלען קיין מעשיות, ווער איהר זענט און פון וואַנען איהר זענט און וואָס איהר טהוט דאָ, און מיין נאָמען זאָלט איהר זיי אפילו גאָרניט מזכיר זיין, גלייך ווי איהר קענט מיך גאָרניט. איהר פערשטעהט, רב מנחם־מענדעל? א י ה ר ק ע נ ט מ י ך ג אָ ר נ י ט!" — אזוי זאָגט ער מיר אָן אפשר אַ מאָל צעהן, און איך געה אַוועק, קלאַפּ אַ דעפּעש צו מיין שותף קיין יאַרמעלינעץ, אזוי ווי מיר האָבען אָפּגערעדט, און שרייבען שרייב איך איהם גאַנץ דייטליך, בזה הלשון: „ט אָ װ אַ ר אָ ס מ אָ ט ר ע ל. פּ ע ר װ ו י ס אָ ר ט. ש ע ס ט ט י־ ס י אַ ט ש י. ט ע ל ע ג ר אַ מ י ר ו י ט ע ס ק אָ ל ק אָ נ אַ־ פּ ר אָ ט י ו ו. ג ד י ע ס י ע ב אַ י ע מ ס י אַ". קומט מיר אָן פון מיין שותף אויף מאָרגען אַ תשובה, מאָרגע פערשטעלט: „א ו פּ י ר אַ ל ס י אַ ד ע ס י אַ ט. נ אַ פּ ר אָ ט י ו ו פּ אָ־ ל אָ ו י נ ע ש ע ס ט. ר אַ ב אָ ט אַ י ט י ע נ אַ ב אַ ו ו ק ע. ס אָ ג ל אַ ס ע ן ז ש מ ע ר י נ ק ע. ט אָ ו ו אַ ר פּ ר י מ ע. ט ע ל ע ג ר אַ מ י ר ו י ט ע". לויף איך אַוועק צו מיין מחותן, צו משה־ניסל'ען הייסט עס, און ווייז איהם די דעפּעש און בעט איהם, ער זאָל מיר פערטייטשען דעם פסוק, וואָרום איך פערשטעה

ניט איין וואָרט, לייענט ער דורך די דעפּעש און מאַכט צו מיר: „איד! וואָס פֿערשטעהט איהר דאָ ניט? ס'איז דאָך יאַוונע ויאַסנע. ער וויל, פערשטעהט איהר מיך, אַז איך זאָל געבען צעהן, וועט ער מיר געבען אָקעגען די העלפט פון זעכס, דאָס הייסט, דריי טויזענד. שרייבט זשע איהם אָוועק, זאָגט ער, אַז ער איז שוין צו קלוג. ס'איז, זאָגט ער, קורצע דבורים: וויפיעל ער גיט, לעג איך אָקעגען צוויי מאָל אַזוי פיעל. און שרייבט איהם, זאָגט ער, ער זאָל ניט מעדליווען, טאַקי מיט דעם לשון, זאָגט ער, שרייבט איהם, וואָרום עס קאָן זיך אונטערחאַפּען איין אנדערער". פאָלג איך איהם און קלאַפּ אַוועק מיין שותף אַזא דעפּעש: „קאַראַטקי סלאָוואַ. סקאָלקאָ דאַיאָט קלאַדו נאַפּראָטיוו דוואַ ראַזאַ באָלעיע. נע מעדליוואַט. פּאָדחוואַטיטסיאָ דרוגאָי". — בעקום איך פון מיין אָשר'ען אַ תשובה, ווידער פערשטעלט: „סאָגלאַסען דוואַ ראַזאַ מענעיע וויגאַוואָראַם טיסיאַטשאַ נאַזאַד. טאָוואַר נאַחאָדקאַ". לויף איך ווידער אַוועק מיט דער דעפּעש צו מיין מחותן. זאָגט ער מיר ווידער אַ מאָל: „ס'איז יאַוונע ויאַסנע. אייער שותף, זאָגט ער, שרייבט, אַז ער איז מסכים צו לעגען פונקט העלפט, נאָר מיט אַ תנאי — טויזענד צוריק, דאָס הייסט אַזוי: ווען איך, למשל, וועל געבען, זאָגט ער, צעהן, דאַרף ער דאָך געבען פינף; וויל ער אָפּציהען איינס צוריק, וועט אויסקומען, זאָגט ער, אַז איך געב טאַקי צעהן, און ער וועט מעהר ניט געבען ווי פיער. אַ איד אַ חכם, זאָגט ער, אייער מחותן; ער וויל מיך אָפּשווינדלען פון קאָפּ ביז פיס. איך בין אָבער, זאָגט ער, אַ סוחר און פערשטעה אַ געשעפט. איך וועל איהם בעסער געבען, זאָגט ער, צוויי מאָל אַזוי פיעל און מיט טויזענד מעהר, איידער ער זאָל מיך געבען די העלפט און מיט טויזענד ווייניגער. וועט דאָס אויסקומען, זאָגט ער, אַזוי: וועט ער געבען דריי, געב איך אָקעגען זיעבען; וועט ער געבען פיער, לעג איך נייען; וועט ער געבען פינף, לעג איך עלף. האָט איהר

עס, זאָגט ער, צעקייעט? געהט זשע, זאָגט ער, טאַקי באַלד און שרייבט איהם אַוועק אַ סטראַטשנע, ער זאָל ניט פערציהען אין דער לאַנגער באַנק, און לאָז ער אייך, זאָגט ער, ענטפערען אויך מיט אַ סטראַטשנע, אַז מע פאָהרט זיך צענויף — און איין עק לאָז עס האָבען!"

לויף איך אַוועק און קלאַפּ מיין אָשר'ען אַ סטראַטשנע דעפּעש: „דאַסט טרי קלאַדיאַט סעם. דאַסט טשיטע־רע קלאַדיאַט דעוויאַט. דאַסט פיאַט קלאַ־דיאַט אַדינאַצאַט. נע טיאַנוט דלינע סקאַ־מייקע. סטראַטשיטע וועיעכאַיעם". — קומט מיר אָן צוריק אַ סטראַטשנע דעפּעש, ניט מעהר ווי צוויי ווערטער: „וועיעכאַיעם. וועיעכאַיטע".

ווען קומט־אָן אַזאַ וואַזשנע דעפּעש? — מסתמא ביי־נאַכט. און דו דאַרפסט שוין אַליין פערשטעהן, אַז שלאָפען האָב איך די נאַכט נישט געקאָנט. איך האָב גענומען רעכענען, וויפיעל, אַשטייגער, וועט זיך אַקאָרשט אָננעמען אויף מיין חלק, ווען, למשל, דער אויבערשטער העלפט מיר, איך פיהר אויס דאָס גאַנצע צעטעל מיט שידוכים, וואָס דער לייבע לעבעלסקי האָט פערלאָרען? ביי גאָט איז דען ניט מעגליך? אָפּגעעקט איז ביי מיר געווען פעסט, אם־ירצה־השם, אַז איך פיהר דורך דעם דאָזיגען עסק, שליס איך מיט מיין אָשר'ען אַ שטענדיגע שותפות. וואָרום ער געפעלט מיר פאַר זעהר אַ בראַווען מענשען, און טאַקי אַ מוצלח אויך. און פער־שטעהט זיך, אַז אָט דער לייבע לעבעלסקי וועט אויך ניט זיין גע־קריוודעט. וואָס האָב איך צו איהם? נעבאַך אויך אַ איד אַ איין אָרעמאַן און אַ מטופל מיט קינדער... קוים דערלעבט טאָג, האָב איך אָפּגעדאַווענט און בין אַוועק צו מיינע מחותנים, זיי בעוויזען די דעפּעש. האָבען זיי באַלד געהייסען געבען קאַווע מיט פּוטער־געבעקס, און סע איז געבליבען, אַז טאַקי דעם אייגענעם טאָג פאָה־

רען מיר ארוים זאָלבעפערט קיין זשמערינקע. נאָר בכדי יאָמפּעלי זאָל ניט זיין קשה, וואָס פאַהרען מיר עפּיס אלע פיער אינאיינעם, — האָבען מיר געמאַכט אזוי, אז איך זאָל ארויספאָהרען מיט אַ פאָיעזד פריהער, און זיי — מיט אַ פאָיעזד שפּעטער; און דערווייל זאָל איך פון זייערטוועגען דאָרטען צוגרייטען עפּיס אַ רעכטע סטאַנציע, הייסען מאַכען וועטשערע, ווי גאָט האָט געבאָטען. און כך הוה. איך בין געקומען קיין זשמערינקע פריהער פאַר אַלעמען, פער־פאָהרען אויף דער שענסטער אכסניא, טאָקי די איינציגע אין זשמע־רינקע, מיט'ן נאָמען „אָדעסקי גאָסטינעץ", זיך בעקענט, ראשית חכמה, מיט דער בעל־הבית'טע, זעהר אַ וואָהלע אידינע, אַ מכנים־אורח'טע, און איך טהו זי אַ פרעג: „וואָס איז ביי אייך דאָ צו עסען?" — זאָגט זי: „וואָס ווילט איהר?" — זאָג איך: „פיש איז ביי אייך דאָ?" — זאָגט זי: „מע קאָן קויפען". — זאָג איך: „נו, און אַ יויך?" — זאָגט זי: „מע קאָן צושטעלען אַ יויך אויך". — זאָג איך: „מיט וואָס? מיט לאָקשען, צי מיט רייז?" — זאָגט זי: „אפילו מיט מאַנדלען". — זאָג איך: „נו, און אשטיי־גער, כדומה למשל, געבראָטענע קאַטשקעס?" — זאָגט זי: „פאַר געלד קריגט מען קאַטשקעס אויך". — זאָג איך: „נו, און טרינ־קען?" — זאָגט זי: „וואָס טרינקט איהר?" — זאָג איך: „ביער איז דאָ?" — זאָגט זי: „פאַר וואָס זאָל ניט זיין?" — זאָג איך: „נו, און ווייין?" — זאָגט זי: „אבי געלד". — „אויב אזוי, זאָג איך, טאָ זייט זיך מטריח, מיין ליעבע אידינע, און קאָכט וועטשערע אזוי גרויס ווי אויף אַכט פאַרשוין". — זאָגט זי: „פון וואַנען האָבען זיך ביי אייך גענומען אַכט, אז איהר זענט בסך־הכל איינער?" — זאָג איך: „אַ מאָדנע אידינע! וואָס גערהט אייך אָן? מע זאָגט אייך אַכט, איז אַכט". און אזוי ווי מיר רעדען, קומט־אָן מיין שותף, רב אָשר הייסט עס, און פאַלט ארום קושען מיך און האַלזען, ווי איין אייגענער טאַטע: „דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, זאָגט ער, אז איך וועל אייך טרעפען דאָ, אינ'ם „אָדעסקי גאָסטי־נעץ"! געפינט זך דאָ עפּיס, זאָגט ער, וואָס צו נעמען אין מויל

אריין?“ — „אט נאר־וואס, זאג איך, האב איך בעשטעלט א ווע־
טשערע ביי דער בעל־הבית׳טע אויף אכט פארשוין“. — „וואס איז
שייך וועטשערע? — זאגט ער. — וועטשערע איז זיך וועטשערע, נאר
ביז די מחותנים פוןביידע צדדים וועלען אמאל זיך אויסקראצען
קומען, זענען מיר, זאגט ער, נישט מחויב דערווייל צו פאסטען.
איך זעה, זאגט ער צו מיר, איהר זענט דא א היימישער, הייסט
זשע, זייט מוחל, מע זאל אונז גרייטען צום טיש און מע זאל אונז
געבען אביסעל בראנפען מיט עפים פליישיגס צו פערבייסען. עס
חלש׳ט מיר, זאגט ער, דאס הארץ מסוכן נפש!“ — אזוי זאגט צו
מיר רב אשר און מאכט נישט קיין שהיות און געהט אין קיך אריין
זיך וואשען, בעקענט זיך מיט דער בעל־הבית׳טע, הייסט געבען צום
מיט וואס ס׳איז דא, און מיר זעצען זיך אוועק ביידע צו דער סעודה
גאנץ ברייטליך, און רב אשר דערצעהלט מיר עסענדיג די נסים
ונפלאות, ווי אזוי ס׳איז זיהם געראטען, ער האט געשפאלטען דעם
ים, קוים גע׳פועל׳ט ביי דעם דאזיגען מיוחס, ער זאל געבען די
ג׳ אלפים ר״ך. „וואס הייסט, זאג איך, ג׳ אלפים? מיר האבען
דאך געשמועסט נישט ווינציגער פון פיער טויזענד?“ — „לאזט
אייך דיענען, זאגט ער, רב מנחם־מענדעל, איך ווייס, וואס איך
האב צו טהון. איך הייס רב אשר! איהר דארפט וויסען, זאגט
ער, אז מיין מיוחס האט בסך־הכל חשק געהאט לעגען כנגדו גאר־
נישט מיט גארנישט, ווארום ער איז אליין א גרויסער מיוחס, זאגט
ער, און האט א ווייב נאך א גרעסערע. און אז ער זאל וועלען,
זאגט ער, א שידוך טהון מיט זאבי וועמען, וואלט מען איהם נאך,
זאגט ער, צוצאהלען אין בייטעל אריין... בקיצור, איך האב, זאגט
ער, גענוג געהארעוועט, געהאקט האלץ, און קוים מיט צרות, מיט
אנגסטען, גע׳פועל׳ט, ער זאל געבען לכל־הפחות ב׳ אלפים“. „וואס
הייסט, זאג איך, ב׳ אלפים? איהר האט דאך נאר־וואס, זאג איך,
געזאגט ג׳ אלפים?“ — זאגט ער מיר ווידער: „לאזט אייך דיע־
נען, רב מנחם־מענדעל, איך בין איין עלטערער שדכן פון אייך און
מיך הייס רב אשר. לאזען זיך נאר די צדדים צענויפפאהרען, און

התן־כלה וועלען זיך ־אָנקוקען, וועט אם־ירצה־השם אלסדינג זיין אָגיל ואשמח. איבער אזעלכע טויזענד קראַפּען צעגערט זיך, זאָגט ער, ביי מיר קיין שידוך נישט. איך הייס, פערשטעהט איהר מיך, רב אָשר! איין פּרט, זאָגט ער, איז דאָ יאָ פאַרהאַן, וואָס סע קוועטשט מיך". — „דהיינו וואָס, זאָג איך, קוועטשט אייך?" — „מיך קוועטשט, זאָגט ער, דער פּריזיוו. איך האָב איינגערעדט, זאָגט ער, דעם מחותן מיינעם, אַז ביי אייער משה־ניסל'ען איז טאַקי נאָך גאָר אַ יונג קינד, בלוט און מילך, נאָר ער הערט דעם פּריזיוו פאַר דריי גראָשען, שוין גע'פטר'ט דעם פּריזיוו"... „וואָס בעבעט איהר, רב אָשר? — רוף איך מיך אָן צו מיין שותף. — וואָסער פּריזיוו? וואָסערע לאָקשען?" — זאָגט ער צו מיר ווידער אַ מאָל: „לאָזט אייך דיענען, רב מנחם־מענדעל, איך הייס רב אָשר!"... „איהר מעגט אייך הייסען אכטצעהן מאָל רב אָשר, זאָג איך, פערשטעהע איך אַלץ ניט, וואָס איהר רעדט! עפּיס בעלעבע־טשעט איהר מיר: „פּריזיוו", „שמיזיוו". — פון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיין משה־ניסל'ען אַ פּריזיוו? אַ נקבה האָט שוין דען אויך אויף זיך אַ פּריזיוו?"... מאַכט צו מיר אָשר: „וואָס הייכט — אַ נקבה? און וואו איז אייער משה־ניסעל'ס בחור?"... „פון וואַ־נען, זאָג איך, האָט זיך גענומען צו משה־ניסל'ען אַ בחור, אַז ער פערמאָגט בסך־הכל זיין אייגענס אַ טאָכטער אַ בת יחידה, איין און איינציגע הייסט עס?" — „איז די משמעות, זאָגט ער, אַז ביי אייך איז אויך אַ בתולה? ס'טייטש, זאָגט ער, מיר האָבען דאָך גאָר געשמועסט עפּיס וועגען אַ חתן!"... „אַוודאי, זאָג איך, אַ חתן! איך האָב אָבער גאָר אַנדערש ניט גערעכענט, זאָג איך, אַז חתן'ס צד — דאָס זענט איהר!"... „פון וואַנעט איז געדרונגען, זאָגט ער, אַז חתן'ס צד — דאָס בין איך?"... „פון וואַנעט איז געדרונגען, זאָג איך, אַז חתן'ס צד — דאָס בין איך?"... „פאַר וואָס זשע, זאָגט ער, האָט איהר מיר ניט מזכיר געווען, אַז ביי אייך איז אַ בתולה?"... זאָג איך: „נו, און איהר האָט מיר מזכיר געווען, אַז ביי אייך איז אַ בתולה?"... ווערד ער אין כעס און

מאַכט צו מיר: „ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, מנחם־מענדעל? איהר זענט אַזוי אַ שדכן, ווי איך בין אַ רבּ!" זאָג איך: „און איהר זענט אַזוי אַ שדכן, ווי איך בין אַ רביצין!" אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — ער מיר: „מלמד!" איך איהם: „שקרן!" ער מיר: „שלים־מזל!" איך איהם: „זולל־וסובא'־ניק!" ער מיר: „מנחם־מענדעל!" איך איהם: „שכור'ניק!"... פערדריסט דאָס איהם, געהט ער און לאָזט מיר אַראָפּ אַ פּאַטש, געה איך און פאָהר איהם אַריין אין באָרד — אַ שקאַנדאַל, זאָל גאָט שומר ומציל זיין!...

דו פערשטעהסט? אַזוי פיעל הוצאות און צייט און טרחה. היינט די בזיונות! דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צעָנויפגעלאָפען אָנקוקען די דאָזיגע שדכנים, וואָס האָבען בעוויזען אַ בריה'שאַפט צענויפפאָרען צוויי מיידלעך. איז אָבער אָט דער אָשר, פערחאַפּט זאָל ער ווערען, באַלד אַנטרונען געוואָרען, און מיך האָט ער אי־בערגעלאָזט איינעם אַליין זיך צערעכענען מיט דער בעל־הבית'טע פאַר דער וועטשערע, וואָס איך האָב בעשטעלט אויף אַכט פאַרשוין. אַ גליק, וואָס איך האָב מיך חאַטש בעצייטענס אַרויסגעמאַכט, איידער די מחותנים מיט די צוויי כלות זענען אָנגעקומען קיין זשמערינקע. וואָס מיט זיי האָט זיך דאָרט אָפּגעטהאָן — ווייס איך ניט. נאָר איך שטעל מיר פאָר די בזיונות!... היינט געה זיי אַ נביא, אַז אָט דער שדכן, ימח שמו זאָל ער ווערען, איז אַזאַ פּוסטע זאַך, אַ ווינדמיהל, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, וואָס רעדט און פּאָהרט און פליהט און קלאַפּט דעפּעשען — און וואָס לאָזט זיך אויס? צוויי בתולות!... איין מאָל פאַר אַלע מאָל, זוגתי היקרה, עס פיעדעלט נישט, האָטש וואַרף זיך אַ לעבעדיגער אין וואַסער אַריין! און מחמת איך בין זעהר דערשלאָגען פונ'ם דאָ־זיגען שידוך, מאַך איך דאָס בקיצור; אם ירצה השם, אינ'ם אַנ־דערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינ־

דערלעך זאָלען לעבען, וואָס איך בענג נאָך זיי שטארק, און שוועך און שוויעגער, און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. פאַהרענדיג פון זשמערינקע, האָב איך געמיינט, אז דער הימעל איז שוין אויף מיר געפאַלען. נעהאַי־בי וואָלט איך געהאַט געגוג אויף הוצאות, וואָלט איך שוין ווי־עס־איז דערשלעפּט זיך אהיים, קיין כתרילעווקע הייסט עס. האָב איך מיך אָבער אויסגערעכענט, אז איך וועל מוזען בלייבען שטעקען ערגיץ אין וועג, חאָטש נעם, אל תפתח פה לשטן, און ציה זיך אוים אויף די רעלצען! איז דאָך אָבער פאַרהאַן א גאָט אויף דער וועלט, בעקען איך מיך אין וואַגאָן מיט עפים איינעם א שלאָק, איין אַגענט א אינספּעקטאָר, וואָס שטראַפירט כּענשען פון'ם טוידט, און ער הויבט מיך אָן צורעדען און זאָגט מיר צו הרים וגבעות, אבי איך זאָל ווערען איין אַגענט. וואָס איז דאָס אזעלכעס איין אַגענט און ווי אזוי שטראַפירט מען מענשען פון'ם טוידט — איז א כך צו שרייבען, און איך האָב שוין איצטיגס כּאָל אזוי אויך איבערגעחאַפּט די מאָס, לאָז איך עס איבער אויף איין אַנדערש מאָל.

הנ"ל.

סוף פונ'ם פינפטען בוך.

שְׁלִים־שְׁלִים־מַזָל

(מנחם־מענדעל — איין אגענט).

מנחם־מענדעל פון וועג צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל איז כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית הנה זיי וויסען, זוגתי היקרה, אז איך האָב געמוזט עוקר זיין, אנטלויפען הייסט עס. איך האָב מיך נאָר־וואָס ארויס־געהאַפּט פון איין אומגליק, פון אַ גרויסען אומגליק! איך מעג בענשען גומל. שיער־שיער בין איך אַריין אין חד־גדיא אריין, און גאָט ווייסט, מיט וואָס איך וואָלט אָפּגעשניטען. פון רעסטאַנסקי ראָטע איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען, און אפשר נאָך קאַטאָרזשנע סיביר, חאָטש איך בין אין דעם שולדיג גלייך מיט דיר. ווי זאָגט די מאַמע דיינע: „שלים־שלים־מזל דורך טיר און דורך טויער"... איצט, אז דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפען, איך האָב מיך בעצייטענס ארויסגעהאַפּט ווי ... אַ שרפה, האָב איך מיך אוועק־

געזעצט ארויסשרייבן דיר אין א בריעף אלסדינג באריכות, פונ׳ם אָנהויב ביז׳ן סוף.

פון מיין פריהעריגען בריעף געדענקסט דו דאָך מן הסתם, אין וואָס פאר א פּאַלאָזשעניע־איך בין געווען נאָך דעם שענעם שידוך מיט די צוויי בתולות, ניט היינט געדאכט. איך האָב דעמאָלט גערעכענט, ס׳איז איין עק. אויס מנחם־מענדעל. בעדאַרף איך מיך בעגעגענען מיט איינעם א פּארשוין, איין אגענט א אינספּעקטאָר פון „אקוויטעבל", וואָס שטראַפירט מענשען פונ׳ם טוידט און האָט דערפון פּרנסה מיט׳ן פולען מויל. ער האָט מיר ארויסגענומען א ביכעל און האָט מיר בעוויזען, וויפיעל מענשען ער האָט שוין פערשטראַפירט פונ׳ם טוידט און וויפיעל מענשען עס זענען שוין ביי איהם געשטאָרבען. און דאָס איז אזא געשעפט, וואָס, אדרבה, וואָס מעהר מע שטארבט, איז אַלץ בעסער, סאַי פאר די טוידטע, סאַי פאר די לעבעדיגע. וועסט דו דאָך פרעגען: וואָס איז דער שכל? דער שכל איז א פּראָסטער שכל. אשטייגער, נאָפּרימער, „אקוויטעבל" האָט גענומען און האָט מיך אָפּגעשטראַפירט פונ׳ם טוידט אויף צעהנטויזענד קארבען. דאַרף איך צאָהלען פאר דעם סך־הכל אזעלכע צוויי־דריי הונדערטער א יאָהר ביז׳ן טוידט. איז ממה־נפשך, שטארב איך אוועק, חלילה, דאָס ערשטע יאָהר — איז דיין גליק: צעהנטויזענד קארבען איז א מטבע. אלא וואָס דען, איך לעב? איז „אקוויטעבל׳ס" גליק. דאַרטען דיענען אָהן א שיעור מענשען, אגענטען, צום מיינסטען — אידען, וואָס האָבען אויך ווייב־און־קינדער און דארפען אויך לעבען אויף דער וועלט. וואָס זשע אַרט דאָס מיך? דער חסרון איז, וואָס ניט א יעדער קאָן זיין איין אגענט. איין אגענט דאַרף, ראשית חכמה, געהן אָנגעטהאָן פיין, אָבער טאַקי וואָס פיין הייסט: א שענעם גאַרניטער, א קאָלנער מיט מאנקעטען, מעג זיין פּאַפּיערענע, אבי ווייסע, א שניפּס, א שענעם, נו און א קאַפּעליש — שמועסט מען ניט. דער עיקר אָבער איז — שפּראַך. איין אגענט מוז קאָנען שפּראַך. דאָס הייסט, ער דאַרף קאָנען רעדען, צורעדען, איינרעדען, איבעררעדען

און פערררעדן, אזוי לאנג רעדן, ביז יענער זאָל זיך שוין מוזען שטראַפּירען פון'ם טוידט — און מעהר דאַרף מען ניט. הקיצור, מיין פאַרשוין דער אגענט־אינספּעקטאָר האָט ארויסגעזעהן אין מיר, אז איך בעדאַרף זיין אַ גוטער אגענט, איין אויסגעצייכענטער אינקוויזיטאָר.

איצט, זוגתי היקרה, דאַרף מען דיר קלאָר מאַכען, זאָלסט פערשטהען דעם חילוק צווישען איין אגענט אַ אינספּעקטאָר און איין אגענט אַ אינקוויזיטאָר. איין אגענט אַ אינקוויזיטאָר הייסט גלאָט איין אגענט, וואָס שטראַפּירט מענשען פון'ם טוידט, און איין אגענט אַ אינספּעקטאָר הייסט שוין איין עלטערער אגענט, וואָס מאַכט אגענטען. היינט איז פאַראַן אַ „קרוזשנאָי" אגענט־אינספּעקטאָר, וואָס מאַכט אגענטען־אינספּעקטאָרען, און איבער די אַלע אגענטען, אינקוויזיטאָרעס, אינספּעקטאָרעס און „קרוזשנאָי" אינספּעקטאָרעס איז פאַראַן איינער, איין אויבערהאר איבער אַלע, וואָס מע רופט איהם גענעראַל־אינספּעקטאָר. קיין עלטערער פון איהם איז שוין נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. פערשטעהסט זיך, אז צו ווערען אַ גענעראַל מוז מען פריהער זיין אַ אינקוויזיטאָר, נאָכדעם אַ אינספּעקטאָר, נאָכדעם אַ „קרוזשנאָי" אינספּעקטאָר, און אזוי ווייטער. און אז גאָט העלפט, מע דערדיענט זיך און מע ווערד אַ גענעראַל — איז מען שוין בעוואָהרענט מיט פּרנסה אויפ'ן גאַנצען לעבען. עס איז פאַראַן, זאָגט מיין פאַרשוין, גענעראַלען אזעלכע, וואָס פערלעבען אַ יאָהר ניט ווענינער פון דרייסיג טויזענד. הכלל, ער האָט מיך אָנגעהויבען צורעדען, איך זאָל ווערען איין אגענט. האָב איך מיך מיישב געווען: וואָס האָב איך דאָ איינצושטעלען? ממה־נפשך, וועט עס געהן, וועט עס געהן; אַלאַ ניט — איז אינה מקודשת. קיין פוטער, זאָגט ער, לעג איך ניט אַריין. אדרבה, איך בעקום נאָך, זאָגט ער, איין אוואַנס, דאָס הייסט, מע גיט מיר איין אַדערויף פאַר מיין אַרבייט עטליכע קערבלעך, איך זאָל האָבען דערוויייל אויף הוצאות און אויף אויסקליידען זיך און אויף צו קויפען זיך אַ פּאָרטפעל. אויב אזוי, איז דאָך עס מאַקי

גאַר נישקשה פון אַ קאָנבינאַציע! און איך האָב מיך געלאָזט אי־בערערדען און בין געוואָרען למזל איין אגענט.

נאָר נישט אַזוי גיך טהוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. ווערען איין אַגענט דאַרף מען זיך זעהן קודם מיט'ן גענעראַל, וואָרום ביז דער גענעראַל שרייבט ניט אונטער -- איז בלאָטע. און ער האָט מיך גענומען, דער אינספּעקטאָר הייסט עס, און האָט מיך טאַקי אויף זיינע אייגענע הוצאות געבראַכט צו פיהרען קיין אַדעס צו זייער גענעראַל אין „אָקוויטעבל“, וואָס האָט צו שאַפען אויף עט־ליכע און צוואַנציג גובערניעס און האָט אונטער זיך, זאָגט מען, כמעט אַכמצעהן הונדערט אַגענטען. מילא, איך זאָל דיר בעשרייבען די גרויסקייט פון'ם דאָזיגען גענעראַל, איז ניט שייך. דאָס הייסט, ער אַליין איז דוקא ניט אַזאַ גרויסער, ווי דער טאַרעראַם איז גרויס, און אויגען האָט ער גרויסע, שאַרפע אויגען, און אַ פּנים'על אַ ליכטיגס, און בעקלעך רויטע, און רופען רופט מען איהם: י ע ו ו ־ ז ע ר ע ל. דעם גענעראַל'ס קאָנטאָר פערנעמט אַ גאַנצע שטוב. חדרים, חדרים און חדרים. אַ סך טישען מיט בענקלעך, מיט ביכער, מיט פּאַפּירען, און אַגענטען דרעהען זיך אַרום, און סע גריבעלט און סע שוויבעלט, און דעפּעשען לויפען הין און צוריק — עס טהוט זיך חושך! איידער מע דערשלאָגט זיך צום גענעראַל אַליין, דאַרף מען דורכגעהן שבעה מדורי גיהנם. אַ טוידטער בין איך געווען, אַז מע האָט מיך אריינגעפיהרט צו דעם דאָזיגען יעוו־זערעל, האָטש אַפילו ער האָט מיך דוקא געבעטען זיצען, מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס, אויסגעפרעגט ביי מיר, ווער איך בין און וואָס איך בין און וואָס איז מיין געשעפט? בין איך געגאַנגען און איהם אויסדערצעהלט אַלסדינג, פון'ם אָנהויב ביז'ן סוף, ווי אַזוי איך בין געפאָהרען קיין קעשענעוו און פערבלאָנזעט קיין אַדעס, גע־האַנדעלט מיט „לאָנדאָן“, און פון דאָרטען קיין יעהופּעץ, זיך גע־דרעהט אַרום דער בערזע, געקויפט און פערקויפט „יקנה“ז“ און „פּוטיזוויל“ און „לילעפּוטען“ און אַנדערע „פּאַפּיערלעך“ אין די מיליאָנען אַריין, און נאָכדעם, ווי איך בין, ניט היינט געדאַכט,

געוואָרען אַ מעקלער פון צוקער און פון געלד, פון הייזער און פון אימעניעס, פון וועלדער און פון זאַוואָדלעך, און ווי אַזוי איך בין נאָכדעם געוואָרען אַ שדכן, אַפילו אַ שרייבער אויך, געדרעהט, געברענט, געפּלאַקערט און געטראַסקעט מיט דער גאַנצער וועלט, און דער סוף איז געווען, זאָג איך איהם, נישט גוט — שלים־שלים־מזל דורך טיר און דורך טויער... אויסגעהערט מיך, שטעהט־אויף דער גענעראַל, יעוזעוועל הייסט עס, לעגט אַרויף אויף מיר די האַנד און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, גאָספּאָדין מנחם־מענדעל? איהר געפעלט מיר; אַ נאָמען האָט איהר אַ שענעם, און רעדען, ברוך השם, קאָנט איהר. איך זאָג אייך נביאות, אַז מיט דער צייט וועט איהר זיין אַ גרויסער אַגענט, טאַקי גאָר אַ גרויסער! דערווייל בעקומט איהר איין אַוואַנס, פאָהרט ארויס אויף דער וועלט, אין די אידישע שטעדט און שטעדטלעך, דאָרט קען מען אייך אויסגעבונדען, און ,ייט מצליח“...

און כך הוה. איך האָב נאָר בעקומען פון זיי די עטליכע קערבלעך, אַזוי האָב איך מיך באַלד אויסגעקליידט בגדי־מלכות. זאָלסט מיך זעהן, וואָלסט דו מיך ניט דערקענט. און אַ פּאָרטעפּעל האָב איך מיר געקויפט אַ גרויסען, האָט מען מיר אָנגעפּאַקט אהין ביכלעך מיט פּאַפּיערען אַ גאַנצען טראַנספּאָרט, און איך האָב מיך געלאָזט אויף גאָט'ס וועלט. קודם קיין בעסאַראַביע, אַ ווינקעל פון פרנסה! דאָרט, זאָגט מען, קאָן מען מאַכען ועיעפּטלעך, שטראָפּירען און שטראָפּירען. דאַרף זיך מאַכען אַזוי, אַז איך האָב יאָהרצייט, חאַפּ איך מיך אַראָפּ מפּאָיעזד לפּאָיעזד אין אַ קליין שטעדטעל, עפּיס אַ העק צו אַלדי שוואַרצע יאָהר. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז דאָס שטעדטעל האָט אַ שם אויף דער וועלט מיט איהרע שקצים, עזות־פּנימ'ער, מוסרים און יאַבעדניקעס. פּערברענט וואָלט עס געמעגט ווערען איידער איך האָב עס דערקענט! נאָר אַז כע איז בעשערט איין אומגליק — דאַרף איך אקוראַט אָט דאָ, אין דעם שטעדטעל, האָבען יאָהרצייט, און פאַל אַריין אין אַ בלאָטע, זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין! דאָס האַרץ האָט

מיר אָבער טאַקי געזאָגט, אַז איך וועל דאָ גוט ניט אָפּשניידען. נאָר אַז מע דאַרף זאָגען קדיש, איז עפּיס אַ תירוץ? בין איך אוועק גלייך אין בית־מדרש אריין און קום אָן פּונקט צו מעריב. אָפּגע־דאַווענט מעריב, געהט־צו צו מיר דער שמש און רופט זיך אָן צו מיר: „יאָהרצייט?" — זאָג איך: „יאָהרצייט". — מאַכט ער צו מיר: „פון וואַנעט איז אַ איד?" — זאָג איך: „פון דער גאָרער וועלט". — „מה שמכם?" — זאָג איך: „מנחם־מענדעל". — „קומט דאָך אייך שלום!" — און ער שטעקט מיר אָפּ אַ שלום־עליכם, און נאָך איהם דער גאַנצער מנין. אַלע געבען מיר אָפּ שלום, און עס ווערד אַרום מיר אַ רעדעל, און מע הויבט־אָן אויסטאַפּען ביי מיר, ווער איך בין און פון וואַנען איך בין און וואָס איז מיין טהועכץ? זאָג איך זיי: „איך בין איין אַגענט". — פרעגען זיי: „פון וואָס איין אַגענט? פון מאַשינעס?" — זאָג איך: „דוקא ניט. איך בין איין אַגענט אַ אינקוויזיטאָר פון „אַקוויטעבל". — זאָגען זיי: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק?" — זאָג איך: „איך בעוואָהרען מענשען נאָכ'ן טוידט". און איך געב זיי צו פערשטעהן דעם שכל, ווי אַזוי מע שטראַפירט מענשען פונ'ם טוידט. שטעהען זיי אַרום מיר מיט אָפענע מיילער, גלייך ווי מע וואָלט זיי דערצעהלט — אויפ'ן הימעל אַ יריד. נאָר צוויי חברה־לייט האָב איך בעמערקט צווישען זיי, איינער אַ הויכער, אַ דאַרער, איין אויסגעבויגענער, מיט אַ נאָז אויך איין אויסגעבויגענער און אַ גלאַנצענדיגער; אַ טבע האָט ער, אַז ער רעדט, צופּט ער די האָר פונ'ם בערדעל איינ־ציגווייז. דער אַנדערער — אַ נידעריגער אַ ברייטער, אַ שוואַרצער, ווי אַ ציגיינער, מיט איין אויג אַ שעלמיש, וואָס קוקט ביי איהם קיין פּצון זייט. ער מעג רעדען ווי ערנסט, ווייזט זיך אויס, אַז ער שמייכעלט. די דאָזיגע צוויי חברה־לייט האָבען, אַפּנים, יאָ פערשטאַנען, וואָס הייסט שטראַפירען מענשען פונ'ם טוידט, מחמת זיי האָבען זיך עפּיס מאָדנע איבערגעקוקט מיט די אויגען און האָבען אַ זאָג געטהאָן איינס צום אַנדערען געוואַנטער דער נאָז: „סע וועט געהן אַ גאַנג"... איך האָב באַלד פערשטאַנען אָן די צוויי פאַר־

שוינען, אַז זיי זענען נים גלייך אַנדערע; זיי פערשטעהען איין עסק, און מיט זיי קאָן מען שוין עפּים מאַכען. און כך הוה. איך בין נאָר ארויס פון בית־מדרש, געהען זיי מיר נאָך, די צוויי חברה־לייט, פון הינטען, און מאַכען צו מיר: „וואָס לויפט איהר אַזוי, רב מנחם־מענדעל? שטעהט אַ ווײַלע, מיר ווילען אייך עפּים פרעגען. אָט דאָ ביי אונז, אין דער בלאָטע, ווילט איהר מאַכען געשעפטען?"... — זאָג איך: „פאַר וואָס נים?" — מאַכט צו מיר דער לאַנגער, דער וואָס מיט דער אויסגעבויגענער נאָז: „צווישען אחינו בני־ישראל?"... און דער וואָס מיט'ן אויגעל העלפט איהם אונטער: „מיט אידען איז גוט קוגעל עסען". — זאָג איך: „וואָס זשע איז דערצו די עצה?" — זאָגט דער לאַנגער: „האַנדלען זאָל מען מיט אַ פריץ". — „לעבען זאָלען די גויים"... — העלפט איהם אונטער דער וואָס מיט'ן אויגעל. און אָט אַזוי געהען מיר און רעדען, און אַז מע רעדט, דעררעדט מען זיך. עס לאָזט זיך אויס אַ מעשׂה, אַז אָט די צוויי חברה־לייט האָבען זייער אייגענם אַ פריץ אַ מאָל־דאַוואַן, אַ רייכען בעל־הגוף, וואָס זיי פערדיענען ביי איהם אָפּט אַ קערבעל. מיינען זיי, אַז איהם וואָלט מען געקאָנט זעהר שען פער־שטראָפּירען... זאָג איך: „אָך, פאַר וואָס ניט? מיט'ן גרעסטען כבוד! אדרבה, זאָג איך, נעמט זיך צום עסק, און לאָמיר עס מאַכען יחדיו. איך בין, זאָג איך, נישט קיין אָץ להעשיר"... און עס איז געבליבען, אַז מאָרגען, אם־ירצה־השם, אין בית־מדרש צום ערשטען מנין דאַרפען זיי מיר ברענגען תשובה פון זייער פריץ דעם מאָל־דאַוואַן. נאָר וואָס דען? איין זאַך האָבען זיי מיך געבעטען — ס'זאָל זיין בסוד־סודות, דאָס הייסט, איך זאָל זיך ניט אויסרעדען אויף דער אכסניא, אַז איך האָב מיך מיט זיי געזעהן און אַז מיר האָבען אָפּגעשמועסט אינאיינעם מכח אַ געשעפט.

הבוקר אור — ס'איז נאָר טאָג געוואָרען, האָב איך מיך גע־פּעדערט אין בית־מדרש אריין דאַוונען מיט'ן ערשטען מנין. אָפּ־געדאַוועט — נישטאָ מיינע חברה־לייט. איבערגעוואַרט דעם אַנ־דערען מנין — נישטאָ מיינע פּאַרשוינען. פאַר וואָס האָב איך זיי,

שוטה, נישט נעפרעגט, ווי אזוי רופט מען זיי ביי׳ם נאָמען און וואו זיצען זיי? צוגעהן צום שמש און א פרעג טהון ביי איהם — האָב איך מורא: איך האָב דאָך געגעבען זיי דאָס וואָרט, ס׳זאָל זיין בסוד! ערשט העט נאָך אלע היום׳ס האָבען זיי זיך בעוויזען מיט די טלית־ותפילין. אז איך האָב זיי דערזעהן, האָט מיר א טיאָך געטהאָן דאָס הארץ פאַר שמחה. נאָר צוגעהן צו זיי און רעגען, וואָס הערט זיך — האָב איך מיך איינגעהאלטען, ס׳איז נישט מעשה מענש. אָפּגעדאַווענט פאַר זיך אויף איין פוס, חאַפּען זיי די טלית־ותפילין און לאָזען זיך געהן געשווינד. איך נאָך זיי. — „נו?“ — מאַך איך צו זיי. מאַכען זיי צו מיר: „יהודי בלאָ. דבר׳ט נישט אויף דער גאַס, איהר קענט נישט אונזער שטאָדט. ברענגען זאָל זי אייך! איהר געהט אונז בעסער נאָך פון הינטען און קומט צו אונז אהיים. דאָרט מאַכען מיר דאָס געשעפט, און טאַקי אין איינוועגס עפּיס צובייסען“... אזוי מאַכט צו מיר דער וואָס מיט דער אויסגעבויגענער נאָז און טהוט א וואונק צו דעם וואָס מיט׳ן אויגעל, און יענער וואָס מיט׳ן אויגעל ווערד נעלם. און מיר אין צווייען לאָזען זיך געהן איבער ענגע פינסטערע חושכ׳־דיגע געסלעך, ער אויף צופריהער און איך נאָך איהם, אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז גאָט האָט געהאָלפען, מיר זענען בשלום געקומען.

אריינגעקומען אין א קליין פינסטער פערריכערט שטיבעל מיט א סך פליעגען אויף די ווענד און אויף דער סטעלי, מיט א גע־מאָהלטען מזרח, א רויטען טישטוך אויפ׳ן טיש און מיט א לאָמפּ, פערהאָנגען מיט פּאַפּיערענע אָפּגעבליאַקעוועטע קווייטען, האָבען מיר געטראָפען ביי׳ם אויווען א קליין, אויסגעשמירט ווייבעלע מיט א בלייך־איבערגעשראָקען פּנים. דאָס קליינע ווייבעלע האָט א קוק געטהאָן מיט׳ן איבערגעשראָקען פּנים אויפ׳ן מאַן, און דער מאַן האָט א זאָג געטהאָן צו איהר פאַרבייגעהענדיג: „עסען!“ — און ס׳איז בעשאַפען געוואָרען אין׳ איין כהרף־עין א טישטוך מיט א בולקע, מיט בראָנפען און מיט פערבייסען. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און יענער וואָס מיט׳ן אויגעל איז אריינגעקומען, און

נאָך איהם האָט זיך אריינגעקאַטשעט אַ נפש פון אַ פּוד צוועלף מיט אַ גרויסער בלויער נאָז, מיט פעטע האָריגע הענד און מיט צוויי מאָרנע פיס, וואָס אָנהויבען הויבען זיי זיך אָן דוקא גראָב, נאָר וואָס ווייטער געהען זיי דינער און דינער. עס דאַרף זיי זיין שווערליך צו טראָגען אויף זיך אַזאַ גרויסען, אַזאַ שווערען גוף.

אָט דער דאָזיגער נפש איז געווען דער פּריץ דער מאָלדאַוואַן. דערזעהן דאָס פּלעשעל בראָנפען אויפ'ן טיש, האָט ער ארויסגעלאָזט פון זיין פעטען בויך אַ פעטע שטימע אויף גוייש: „אַצע דאָברע דילאָ!"... גענומען צו ביסלעך בראָנפען (דער פּריץ דער מאָלדאַוואַן האָט גענומען צוויי ביסלעך), האָבען די צוויי חברה־לייט פערבונדען מיט איהם אַ שמועס מכח ווייץ און מכח קאָרן, און בשעת מעשה פּהוט מיר יענער וואָס מיט'ן אויגעל אַ זאָג אויפ'ן אויהער: „דער אָדון איז אָנגעשטאָפּט!... האָט אפשר טויזענד טשעטווערט ברויט, אַ חוץ האָבער... קוקט ניט אויף איהם, וואָס ער געהט אַזוי אָרעם געקליידט; ער איז נאָר אַ קאַרגער"... און יענער, דער לאַנגער, גיט איהם אַלץ עצות, ער זאָל נישט פערקויפען דאָס ברויט, ווארום עס וועט זיין טייער ווייץ; ער זאָל בעסער אָפּלייגען דאָס גאַנצע ברויט אויפ'ן ווינטער. „אַצע דאָברע דילאָ!" — זאָגט איהם אַלע מאָל דער פּריץ דער מאָלדאַוואַן, האַקט־אריין איין כוסה נאָך דער אַנדערער און פערבייסט מיט אַפּעטיט, ווי נאָך אַ תענית, און בלאָזט מיט ביידע ליפּען און מיט דער נאָז. נאָכ'ן עסען רופט זיך אָן צו מיר דער לאַנגער: „אַצינד קאָנט איהר דבר'ען מיט'ן אָדון מכח אייער עסק"... האָב איך מיך אָוועקגעזעצט מיט'ן אָדון בעזונדער אין אַ ווינקעלע און האָב איהם אָנגעדערגעלעגט אַ דרשה, איך ווייס ניט, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען! איך האָב איהם גענעבען צו פערשטעהן, ווי נויטיג דאָס איז פאַר איטליכען מענשען דאָס שטראַפירען זיך, ער מעג זיין רייך, ווי קורח; אדרבה, וואָס דער מענש איז רייכער, זאָג איך, איז אַלץ נויטיגער, ער זאָל זיך פערשטראַפירען, ווארום אַ רייכער מענש, זאָג איך, אַז ער ווערט־אָן דאָס געלד אויף די על־

טערע יאהרען, איז איהם טויזענד מאל ערגער ווי דעם קבצן; א קבצן, זאג איך, איז שוין געוואוהנט געווארען מיט'ן דלות, און א נגיד, זאג איך, אז ער בלייבט חלילה אהן געלד, איז ערגער ווי געשטארבען. „יאק נאפיסאנא או נאס — זאג איך צו איהם — עני חשוב כמת, זנאטשיטסא, ביעדני חוזשע יאק מערטווי. א פאטאמו, זאג איך, וואשע בלאהאראדיע, זאג איך, זאשטראפיראי־טי סובי, זאג איך, אט סמערטי טשרעז סטא דווארצאט ליעט, זאג איך, נא דעסיאט טיסיאטשי"... „אצע דאברע רילא!" — מאכט צו מיר דער אדון און בלאזט מיטביידע ליפען, ווי א בלאז־זאק. איך פיהל, אז דער כח פון רעדען האט זיך אין מיר צעברענט מיט סכנת־נפשות, וויל איך רעדען ווייטער, רופט זיך אן צו מיר דער לאנגער: „גענוג אייך צו דבר'ען; נעמט ארויס דעם נייר און כתב'עט־אן וואס מע בעדארף"... און יענער וואס מיט'ן אוינגעל טראגט מיר אונטער א טינט און פעדער, און איך טהו־אפ אלסדינג, וואס מע בעדארף, און אז עס קומט צו חתמ'ענען, שוויצט דער פריץ דער מאלראוואן נעבאך שטארק ביז ער „לעגט דעם טאטען". נאכדעם געה איך מיט איהם צום דאקטאר, ער זאל איהם בעטראכ־טען, איך נעם איין אדערויף, געב ארויס א קוויטאנציע — און דאס געשעפט איז געמאכט.

געקומען פאר־נאכט אויף דער אכסניא פרייליך און געהייסען זיך קאכען וועטשערע, רופט זיך אן צו מיר דער בעל־הבית פון דער אכסניא: „וואס הערט זיך עפיס ביי אייך?" — „וואס זאל זיך הערען?" — זאג איך. — „מעג מען אייך, זאגט ער, אפגעבען מזל־טוב?" — „וואס פאר א מזל־טוב?" — פרעג איך איהם. — „דאס געשעפטעל, זאגט ער, וואס איהר האט אפגעארבייט"... — „וואסער געשעפטעל?" — זאג איך און מאך מיך תמ'עוואטע. — „מיט'ן פריץ", — מאכט ער צו מיר. — „מיט וואסער פריץ?" — „מיט'ן גראבען פריץ". — „פון וואנען ווייסט איהר, זאג איך, אז איך האב געמאכט א געשעפטעל מיט א פריץ?"... „ס'איז אזוי, זאגט ער א פריץ, ווי איך בין א רביצין"... — „וואס זשע דען איז ער?" —

„ער איז א פיפערנאָטער“, — מאַכט צו מיר דער בעל־הבית און צעלאַכט זיך מיר גלייך אין פּנים אַריין. זעע איך מיך צו צום בעל־הבית און הויב איהם אָן בעטען, חלש׳ען, ער זאָל מיר זאָגען, וואָס בעדייט דאָס „פיפּערנאָטער“ און פון וואַנען ווייסט ער, וואו איך בין געוועזן און וואָס איך האָב געטהאָן? — הקיצור, ער האָט, אַפּנים, אַרויסגעזעהן פון מיינע רעד, אז איך בין דאָ גאָט די נשמה שולדיג, האָט ער אויף מיר רחמנות געהאַט און האָט זיך פערשפּאַרט מיט מיר בעזונדער אין א חדר און האָט מיר גענומען דערצעהלען אויף מיינע צוויי שותּפים אזעלכע זאַכען, אזש די האָר האָבען זיך מיר געשטעלט קאַפּויר. לאָזט זיך אויס א מעשה, אז די צוויי חברה־לייט זענען בסך־הכל פּראָסטע שווינדלערס, מזיקים, זאָגט ער, וואָס די וועלט האָט דאָס נישט. „זיי האָבען שוין, זאָגט ער, אָפּגעטהאָן אויף זייער לעבען אַזעלכע קרימינאַל־זאַכען, וואָס ווען מע חאַפּט זיי, זאָגט ער, געהען זיי אַוועק ווייט... זייער טרפה׳נער גליק, זאָגט ער, איז, וואָס תמיד שטעלען זיי אַרויס א דריטען, און אליין, זאָגט ער, בלייבען זיי שטענדיג פון דרויסען... דער דאָזיגער פריץ, זאָגט ער, וואָס מע האָט אייך איהם אַרויסגעשטעלט פאַר זעהר א רייכען מאָלדאַוואַן, איז בסך־הכל א פּראָסטער לאַ־פּאַצאַן, זאָגט ער, א שכור הגדול הגבור והנורא, און דער, זאָגט ער, וואָס איהר האָט איהם פערשטראָפירט, — איז אָדער ער האָלט ביי אָפּזאָגען די עטליכע גילדען, זאָגט ער, אָדער ער איז שוין א שוכן־עפר... איהר פערשטעהט, זאָגט ער, מיט וואָס דאָס שמעקט?“...

דערהערט אזעלכע דבורים, איז מיר פּרחה נשמתי געוואָרען. עס געהט מיר מעהר נישט אָפּ צו מיינע זיידענע קליידער, אז איך זאָל מיך נאָך אַריינחאַפּען אויף א מינוט אין א טורמע אריין! האָב איך נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און געלאָזט זיך גלייך צו דער באַהן, לויפען וואוהין די אויגען טראָגען, גאָר נישט געוואָלט אפילו זעהן זיך שוין מעהר מיט מיינע צוויי חברה־לייט. לאָזען זיי געהן כפּ־הקלע מיט זייער מאָלדאַוואַן און מיט דער שטאָדט און מיט גאַנץ בעסאַראַביע און מיט׳ן גאַנצען עסק פון

שטראַפירען מענשען פון'ם טוידט, וואָס מע קאָן דורך דעם אומ־גליקליך ווערען... לאָז גאָט געבען בעסערע פּרנסות. הלואי איך זאָל שוין קומען אויפ'ן אָרט בשלום. און מחמת איך האַלט ביי פאָהרען אַ ווייטען וועג, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, פון האַמבורג וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינ־דערלעך זאָלען לעבען. גאָט זאָל העלפען, זיי זאָלען זיין געזונד און שטאַרק, און מע זאָל זיך זעהן מיט פריילינע הערצער. גריס שווער און שוויגער און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

מיני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. איך האָב דיר גאָר פערגעסען שרייבען, וואוהין איך פאָהר. זוגתי היקרה, איך פאָהר קיין אַמעריקע. נישט אַליין — אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פאָהרען מיר. דאָס הייסט, פאָהרען פאָהרען מיר, אייגענטליך, קיין האַמבורג, און פון דאָרטען שוין קיין אַמעריקע. וואָס עפּיס קיין אַמעריקע? ווייל אין אַמעריקע, זאָגט מען, ווערען אידען גליקליך. גאָלד, זאָגט מען, וואַלגערט זיך דאָרט אין די גאַסען. געלד רעכענט זיך דאָרטען אויף טאָלערס, און מענשען זענען דאָרטען בחשיבות גדול — אַ רענדעל אַ מענש! און ווער שמועסט, אידען — די זענען גאָר דאָס אויבערשטע פון חריין! אַלע זענען מיר מבטיח, אַז אין אַמעריקע וועל איך, אם־ירצה־השם, מאַכען גוט, טאַקי וואָס גוט הייסט. די גאַנצע וועלט פאָהרט איצט קיין אַמעריקע, מחמת דאָ איז נישטאָ וואָס צו טהון. לחלוטין נישט. סע האָבען זיך אויסגעלאָזט אַלע געשעפטען. הייגט וויבאַלד אַז די וועלט פאָהרט, פאַר וואָס זאָל איך אויך ניט פאָה־רען? וואָס האָב איך איינצושטעלען?... רק זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבען, זוגתי היקרה, און נישט איבערטראַכטען אויף מיר חלילה קיין שלעכטס. גלויב מיר בנאמנות, אַז איך וועל דיך, חס ושלום, נישט פערגעסען, נישט דיך, נישט אונזערע קינדערלעך. זאָלען געזונד זיין. איך וועל אַרבייטען טאָג ווי נאַכט, קיין זאַך

וועט מיר ניט זיין שווער, און אַז דער אויבערשטער וועט מיר העל־פען, איך וועל, אם־ירצה־השם, בעגליקען, און בעגליקען וועל איך געוויס, דאָס איז ביי מיר זיכער. ווי ס'איז טאָג אויף דער גאַנצער וועלט, וועל איך דיר צושיקען שיפסקאַרטען, פאַר דיר און פאַר די קינדער, און וועל דיך אַרויסנעמען אַהין, און וועלט ביי מיר לעבען בכבוד, ווי די גרעסטע שררה'טע, פונ'ם שענסטען און פונ'ם בעס־טען, קיין שפּרענקעלע וועל איך אויף דיר נישט לאָזען פאַלען. און עס איז שוין טאַקי צייט, כלעבען, אַז דו זאָלסט אוין וויסען פון אַ וועלט צו זאָגען! רק נישט געזאָרגט און נישט גענומען זיך צום האַרצען — מיר האָבען אַ שטאַרקען גאָט!...

הנ"ל.

סוף פונ'ם זעכסטען בוך.

אינהאַלט

צו דער צווייטער אויפלאַגע	7
לאָנדאָן	9
פּאַפּירלעך	41
מיליאָנען	77
אַ בכבוד'ע פּרנסה	148
עס פיעדעלט נישט	171
שלום־שלום־מזל	193

די נייע יידישע ביבליאטעק

שטעלט אויף דעם פארניכטעטן יידישן בוך.

עס דערשיינען איצט פון דרוק די ערשטער בענדער:

1. שלום עליכם. מנחם-מענדל.
2. שלום עליכם. אייזענבאן־געשיכטעס (אין צוויי טיילן).
3. שלום עליכם. קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות.
4. שלום עליכם. טביה דער מילכיגער.

עס ווערן צוגעגרייט און געפינען זיך טיילווייז אין דרוק:

1. מענדעלע מוכר ספרים. מסעות בנימין השלישי.
2. מענדעלע מוכר ספרים. פישקע דער קרומער.
3. מענדעלע מוכר ספרים. דאס ווינטשפינגערל.
4. מענדעלע מוכר ספרים. די קליאטשע.
5. י. ל. פרץ. געקליבענע ווערק (אין צוויי בענדער).
6. ח. נ. ביאליק. געקליבענע ווערק (יידישע איבערזעצונג).
7. דינעזאן. יאסעלע.
8. פרפ. ש. דובנאוו. קורצע געשיכטע פון יידישן פאלק.
9. זאמלונג פון יידישע פאלקס־לידער (מיט נאטן).
10. בילדער־אלבום פון יידישע קינסטלער (אין פארבן).

אלע בענדער זיינען גוט געבונדן און אילוסטרירט.

קויפט, לייענט און פארשפרייט דעם יידישן בוך!

